STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03384

TOYRE TSU GOT UN TSU LAYT

Hayim Malits

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאַליץ

תורה צו גאָט און צו לייט

דרשות און רעדעס פאַר אַלע פּרשיות פון יאָהר

א קוועלע פון תורה, מוסר און וויץ, פאר יעדען וואָס וויל ביי פארשידענע
געלעגענהייטען רעדען פאר אן עולם און פיהלען,
אז ער האָט עטוואס צו זאָגען.

פּרייז $2.00

ניו יאָרק, 1924.

א פאר ווערטער אלס א הקדמה.

דיזעס בוך — תורה צו גאט און צו לייט — איז א רעפערענס־בוך פאר אידען, וועלכע קומען אפט רעדען פאר א פובליקום.

ס'איז א בוך, וואס וועט זיין אן אונערשעפליכער ברינען און וועט ברענגען זעהר גרויסע נוצען צו רבנים, וועלכע רעדען אין די שולען; צו פרעזידענטען פון לאדזשען און סאסייעטים, וועלכע דארפען פון צייט צו צייט אדרעסירען זייערע פערזאמלונגען, און צו יעדען אינטעליגענטען מענשען, וואס האט אפט פערשיעדענע געזעלשאפטליכע אסיפות צו אטענדען, ביי וועלכע די עטיקעטע פאדערט צו האלטען א רעדע, און עס זאל זיין, ווי מ'זאגט, וידבר — גערעדט — עס זאל זיין וואס צו הערען.

דיזעס בוך וועט פאר אייך אויסשניידען א וועג, איהר זאלט קענען האלטען פערשיעדענע רעדעס ביי יעדער געלעגענהייט אויף אזא ארט און וויזע, אז אלעס וואס איהר וועט זאגען, וועט זיין דורכגעוועבט מיט די גאלדענע פעדים פון תורה, חכמה און וויץ.

המחבר.

בראשית

די תורה איז א מערקווירדיגער בוך. עס איז ניטא קיין בוך אין דער וועלט, וועלכען מען זאל קענען לעזען יאהר איין, יאהר אויס, און ער זאל ניט נמאס ווערען, וועהרענד דאס ביבעלע פון די פינף חומשים קען מען לעזען און שטודירען טויזענד מאל און אימער דארט עטוואס נייעס געפינען.

דער של"ה הקדוש זאגט, אז טיעף ווי דער ים און גרויס ווי די גאנצע וועלט איז די תורה. יעדע ערצעהלונג און כמעט יעדער פסוק ענטהאלט אין זיך גרויסע כוונות מיט רמזים, און אלעס שטרעבט צום איינציגען צוועק פון מאכען דעם מענשען בעסער, פיינער, אנשטענדיגער, אוועקצונעהמען פון איהם דעם עגאאיזם — איינער זאל לעבען פאר'ן צווייטען און אלע פאר איינעם. דער אויבערשטער און די מלאכים זאלען קוקען אראב און זעהן איין גרויסע גליקליכע פאמיליע, וואס זאל ווערטה זיין צו טראגען דעם נאמען „בחיר היצורים“.

וואס מעהר מען לערענט, וואס מעהר מען זוכט אין דער תורה, זאגט דער של"ה, אלץ מעהר כוונות און רמזים געפינט מען אין איהר. די הויפט מאראל פון דער תורה בעשטעהט אין פיער ווערטער; דיזע פיער ווערטער ווערען צוטהיילט אין צוויי אבטהיילונגען, צוויי ווערטער און צוויי ווערטער, און הלואי וואלטען מיר אלע מענשען אויף דער וועלט געהאלטען ריכטיג דיזע פיער ווערטער, וואלט דאס לעבען געווען א פאראדיז. מען וואלט געדארפט אויף כפרות אלע פריזאנס און פעניטענשעריס, מען וואלט ניט געדארפט האבען די אלע ריכטער מיט די גראבע פאליסלייט, וואס פראדוצירען גאר ניט און נעהמען אוועק דעם בעסטען טהייל פון

דער נאַטור׳ס מתנות און מענשליכע פּראַצע; מען וואָלט ניט געדאַרפט קיין אייזערנע סייפס מיט געהיימע שלעסער, אַלעס וואָלט געווען אָפען ווי הימעל און ערד, ווי דער ים און די לופט, עס וואָלט געווען אַ לעבען ווערטה צו לעבען. און ווי לייכט דאָס איז! פיער ווערטער און ניט מעהר! צוויי און צוויי!...

די פיער ווערטער זיינען: ס ו ר מ ר ע ו ע ש ה ט ו ב — מייד אוים שלעכטעס און טהו גוטעס.

אין דער געשיכטע מיט דעם עץ הדעת, זאָגט דער של״ה, געפינען מיר די ערהאַבענע אידעע פון „סור מרע״, ווי אונזערע אַלטע פילאָזאָפען האָבען ערקלעהרט, אַז „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם״, די דריי שלעכטע מדות, מקנא צו זיין יענעם, גלוסטען רק וואָס מען טאָר ניט, און ליעב האָבען כבוד, נעהמען אַוועק דעם מענשען פון דער וועלט.

די אַלע דריי שלעכטע מדות געפינען מיר פאַרגעשטעלט אין דער געשיכטע מיט׳ן עץ הדעת. מיר זעהען, ווי זיי האָבען געפיהרט צום טויט ניט נאָר אדם הראשון׳ען אַליין, נאָר אויך זיינע קינדער און קינדער׳ס קינדער עד סוף כל הדורות.

דער שלאַנג האָט זיך מתקנא געווען אין חוה׳ן און האָט געהאַט לוסט צו איהר. חוה ווידער האָט געהאַט לוסט צום עץ הדעת, ווי דער פסוק זאָגט, „וכי תאוה הוא לעינים״, און אָט דיזע תאוה האָט געפיהרט די גאַנצע מענשהייט צו אונגליק.

אַז חוה איז געזעסען מיט אדם׳ען אין גן עדן, רוהיג, אָהן זאָרג, אָהן עגמת נפש, איז איהר ווענינ געווען. עס האָט זיך איהר געוואָלט כבוד. זי האָט געהערט, אַז עס זיינען דאָ מלאכים, האָט זי געוואָלט פליהען אַזוי הויך ווי זיי. און ניט נאָר האָט זי ניט ערדייכט מעהר כבוד, נאָר זי האָט אויך איהר רוה, איהר היים, און אָם ענדע איהר לעבען פערלאָרען.

דער של״ה ערקלעהרט אויך, אַז פון דער געשיכטע מיט׳ן עץ הדעת קען מען זעהן, צו וואָס פאַר אונגליקען דאָס מויל קען איינעם פיהרען. אַלע צרות קומען אַרויס דורכ׳ן מויל, דאָס הייסט פון

לשון הרע און רכילות. דער שלאַנג איז געקומען מיט אַ פּזמון, אַז גאָט וויל ניט האָבען, דער מענש זאָל זיין אַ חכם, דאַריבער האָט ער פערבאָטען צו עסען פון עץ הדעת, און דאָס האָט געבראַכט אַלע אונגליקען אויף דער וועלט.

סור מרע ועשה טוב.

ועשה טוב, די צווייטע אָבטהיילונג פון די וויכטיגע פיער ווערטער, קען מען זעהן דורך מעשה בראשית, ערקלעהרט דער של"ה. יעדער איינער דאַרף זיך אָבלערנען פון מעשה בראשית צו זיין גוטהערציג, צו זיין אַ נדיב, טהאָן יעדען איינעם גוטעס און ניט ערוואַרטען פון יענעם קיין דאַנק אָדער אַ בעצאָהלונג. דאָס גוטסקייט פון אַ מענשען דאַרף זיין אָהן אירגענד וועלכע אייגענ־נוצען, ריכטיג ווי כביכול, וועלכער האָט די גאַנצע וועלט בעשאַפען און האָט עס געטהאָן ניט פון זיינעטוועגען. ער האָפט קיין מאָל ניט אַרויסצוקריגען פון איהר נוצען פאַר זיך. אַלעס וואָס ער בעאָבזיכטיגט איז צו טהאָן גוטעס מיט אַלע ברואים אויף דער וועלט, כאָטש ער דאַרף קיינעמס לאַסקע ניט האָבען.

פון היינטיגער פּרשה דאַרף דער מענש אויך אַראָבנעהמען אַ מוסר השכל, אַז מען טאָר ניט זיין קיין בעל גאוה, מען דאַרף ניט האַלטען זיך צו גרויס און אַ צווייטען צו קליין. די תורה דערצעהלט אונז, אַז גאָט האָט געזאָגט צו די מלאכים: „נעשה אדם בצלמנו", גלייך ווי כביכול וואָלט זיך דאַרפען מיט זיי מישב זיין. דאָס צייגט די מדה פון ענוה, אַז מען דאַרף זיך ניט גרויס האַלטען און מען דאַרף צו יעדער צייט צייגען אפילו דעם קלענערען מענ־שען, אַז זיין מיינונג האָט אַ געוויכט, און אַז ער איז אויך אַ ריינ־גע־לע אין דער גרויסער קייט וואָס שטעלט צוזאַמען די מענשהייט.

דער מדרש רבה דערצעהלט אונז פאָלגענדע געשיכטע אין היינ־טיגער פּרשה:

רבי סימון זאָגט, אַז ווען גאָט האָט געוואָלט בעשאַפען דעם מענשען, האָט ער בעפאָר געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט די מלאכים.

ער האט צוזאמענגערופען זיין קאבינעט און האט זיך מיט זיי אן עצה געהאלטען, אויב ער זאל עס טהאן, אדער ניט.

עס האט זיך באלד אנגעפאנגען א הייסע דעבאטע. א טהייל פון די מלאכים האבען געזאגט „ניין", ווייל דער מענש וועט זיין לויטער שקר. אנדערע ווידער האבען געזאגט „יא", מען זאל דעם מענשען יא בעשאפען, און זיי וועלען אויפצייגען די גרויסע ער־האבענע מדות פון צדקה און גמילות חסדים.

אויסהערענדיג אלע ארגומענטען דאפיר און דאגעגען, איז נאכהער גאט געגאנגען און האט גענומען זיין חתימה „אמת" און האט ארונטערגעווארפען אויף דער ערד. א מ ת מיינט ארון, מטה, תכריכים. דאמיט האט גאט געלאזט וויסען די מענשען, אז זיי מוזען שטארבען, און דאס זאל זיי צוריקהאלטען פון שקר און פון זינד.

ווען די מלאכים האבען געפרעגט ביי גאט: צו וואס טויג דיר בעשאפען שלעכטע זינדיגע מענשען אויף דער וועלט, און צו וואס זאלסטו נעהמען דיין שטעמפעל אמת און ווארפען אויף דער ערד? האט זיי גאט געענטפערט:

— תעלה אמת מן הארץ. דורך אמת, דורך ארון, מטה, תכריכים, געהט דער מענש ארויס פון דער ערד און שוועבט גלייך אין הימעל אריין. ווי די גמרא זאגט: דריי שותפים זיינען דא אין מענשען, דער פאטער, די מוטער און דער רבונו של עולם. ווי באלד דער מענש שטארבט, זאגט דער רבונו של עולם צו די על־טערען:

— נעהמט אייך אייער חלק און איך וועל נעהמען מיין חלק, דאס איז די נשמה, מיין חתימה, וואס איך האב ארונטערגעווארפען זאל ווידער קומען צו מיר.

ויבן ד' אלהים את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם.

דער מדרש דערצעהלט אונז, אז מיט אדם'ען האט דער רבונו של עולם קיין סך באדער ניט געהאט. א ביסעל ערד און א בלאז, און עס איז ארויס אן אדם. אבער ווען עס איז געקומען צו דער „ליידי חוה", האט כביכול גענומען קלעהרען און טראכטען און

דענקען, ווי ברענגט מען ארויס א מיסעס, וואס זאל זיין, ווי גע־זאגט, מעשה מענש.

— איך וועל זי ניט בעשאפען פון אדם הראשון׳ם קאפ, האט גאט געזאגט, ווייל ווען איך וועל דאס טהאן, וועט זי שטענדיג געהן פערריסען דעם קאפ ארויף, און וואו נאר עס איז דא אויף דער וועלט א ביסעל גדלות, וועט זי עס צונעהמען.

— איך וועל זי ניט בעשאפען פון אויג, האט כביכול געזאגט, ווייל דאן וועט זי האבען גרויסע אויגען, און וואס זי וועט זעהן ביי יענעם, וועט זיך איהר גלוסטען.

פון די אויערען ווידער האט גאט ניט געוואלט די פרוי בע־שאפען, אום זי זאל ניט האבען די טבע צו אונטערהערען זיך צו אלעם וואס אנדערע רעדען; און פון אדם הראשון׳ם מויל האט ער זי ניט געוואלט בעשאפען, אום זי זאל ניט האבען קיין פתחון פה צו רעדען צופיעל. דאס זעלבע האט ער מורא געהאט זי צו בעשאפען פון הארץ, אום זי זאל ניט צופיעל מקנא זיין יעדען; פון דער האנד, אום זי זאל ניט האבען קיין לאנגע פינגער און גלייכען צו נעהמען מיט די הענט אלעם, וואס זי וועט זעהן מיט די אויגען; און פון די פיס האט ער מורא געהאט זי צו בעשאפען, אום זי זאל ניט זיין קיין לויפערקע.

— איך וועל זי דאריבער בעשאפען, האט גאט געזאגט, פון א גליעד, וואס איז שטיל און פערבארגען, און קיינער זעהט עס ניט אפילו ווען דער מענש איז נאקעט, און דאס איז א ריפ.

און כביכול האט געמיינט, אז ער איז פערטיג, עס וועט ארויס א לידי, א סעמפעל פון טוגענד, אבער עס הויבט זיך גאר ניט אן. עס האט קיין זאך ניט געהאלפען.

נאך עד היום קלאגט זיך דער רבונו של עולם:

— איך האב זי ניט בעשאפען פון קאפ, און זי האלט דאך דעם קאפ הויך, ווי דער פסוק זאגט: „ותלכנה נטויות גרון“, זיי געהען מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער.

— איך האב זי ניט בעשאפען פון דעם אויג, און זי האט אלץ גרויסע אויגען, ווי איז פסוק שטעהט: „ומשקרות עינים“, זיי קוקען רק וואו מען דארף ניט.

— איך האב זי ניט בעשאפען פון דעם אויער, און זי וויל רק הערען וואס זי דארף ניט הערען, ווי דער פסוק זאגט: „ושרה שומעת פתח האוהל״, און שרה שטעהט און הערט זיך צו הינטער'ן געצעלט.

—איך האב זי ניט בעשאפען פון הארץ און די ליידים זיינען דאך אימער מקנא יענעם, ווי דער פסוק זאגט: „ותקנא רחל באחותה״, רחל האט מקנא געווען איהר אייגענער שוועסטער.

— איך האב זי ניט בעשאפען פון דער האנד, צום סוף האבען זיי לאנגע פינגער און גלייכען אלעס צו נעהמען, ווי דער פסוק אליין דערצעהלט אונז: „ותגנוב רחל את התרפים״. (און ווער פון אונז וויים עס ניט די טבע פון אונזערע ליידים צו טאפען יעדען אבענד אונזערע תחתונים פאקעטס, און וואס נאר זיי קענען פון דארט ארויסנעהמען, איז ביי זיי ווי געפונען).

— איך האב זי ניט בעשאפען פון די פיס, דאך זיינען זיי אימער פערטיג ארומצולויפען, ווי אין פסוק שטעהט: „ותצא דינה״, און דינה איז ארומגעלאפען אין די גאסען.

אזוי געהט עס אויף דער וועלט, אז ס'איז בעשערט אן אונ־גליק, העלפט ניט ווי מען זאל זיך וועלען בעווארענען און פער־היטען. אפילו כביכול אליין האט זיך ניט געקענט העלפען מיט אלע זיינע פארזיכטיגקייטען, און די ערשטע ליידי, וואס האט די ליכטיגע שיין דערזעהן, איז געווען ריכטיג צוויי טראפען ווי די ליידים פון היינט, ניט א האר בעסער.

דער מדרש אין היינטיגער פרשה גיט אונז א וויכטיגע ער־קלעהרונג, ווארום פרויען דארפען זיך פאודערען און בעגיסען מיט פערשיעדענע בשמים, און ווארום מענער דארפען עס ניט טהאן.

אדם הראשון, זאגט דער מדרש, איז בעשאפען געווארען פון ערד, און ערד, ווי לאנג זי שטעהט, קען זי קיין מאל קיין שלעכטען גערוך ניט בעקומען, ניט אין קעלט און ניט אין היץ. ערד דארף מען ניט שטעלען אין קאלד סטארידזש אוים מורא, טאמער וועט זי קאליע ווערען. דאריבער דארף זיך דער מאן ניט פאודערען, ניט זאלצען און ניט בעגיסען מיט פערפיומען און בשמים, וועה־רענד חוה איז בעשאפען געווארען פון א ריפ, א שטיק פלייש, און

פליישׁ, ווען עס שטעהט לאַנג, בעקומט עס אַ שלעכטען געריך. איבער דעם מוזען אויף זיך די ווייבער גיסען פערשיעדענע בשמים און זאַלץ פּאָודערס, ווען ניט וואָלט מען זיי געמוזט האַלטען אין אייז באָקסעס.

נח

אלה תולדות נח, דאָס זיינען די קינדער פון נח. נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, נח איז געווען אַ פאָלקאָמענער צדיק אין זיינע דורות. את האלהים התהלך נח, ער האָט זיך געפיהרט ווי גאָט האָט געוואָלט, שטיל, פיין און אַנשטענדיג.

אונזערע חכמים קוקען אויף'ן „בדורותיו" מיט פערשיעדענע בליקען. אייניגע זאָגען, אַז נאָר אין זיינע דורות, משטיינס געזאָגט, ווען עס איז נאָך קיין איינציגער רעכטער מענש ניט געווען, דאַן האָט אַזאַ מענש ווי נח אויך געהייסען אַ צדיק, אָבער ווען ער זאָל געווען זיין אין די צייטען פון אברהם אבינו, וואָלט ער זיך געוועזן אַנגעזעהן ווי אַ גאָר־נישט.

אַנדערע ווידער זאָגען פערקעהרט, אַז מה דאָך אין זיינע דורות, ווען עס איז קיין איינציגער רעכטער מענש ניט געווען, איז ער געווען אַ צדיק, הייַנט איז שוין אַ כל שכן, ווען ער זאָל געווען לעבען אין אַ דור פון צדיקים, וואָלט ער נאָך געווען אַ גרעסערער צדיק.

די פראַגע פון „בדורותיו" הערען מיר אויך דאָ אין אמעריקא זעהר אָפט דיסקוטירען. ווען איהר קומט זיך צוזאַמען מיט לאַנדס־לייט און מען הויבט אָן רעדען אַ ביסעל רכילות און לשון הרע אויף

לאנדסלייט, וואס זיינען דערביי ניטא, וועט איהר הערען אזעלכע בעמערקונגען:

— ווי גלייכט איהר עפּעס בעריל דעם פערד־גנב. דא איז ער א גאנצער צדיק געווארען, געהט מיט'ן אתרוג אין זיין שוהל, וואו ער איז פרעזידענט און מישט זיך אין אלע קהל'שע ענינים, א קלאג צו קאלומבוס'ען!

— און ווי געפעלט אייך יאנקעל לונג־און־לעבער. אזא חטאת א בוטשער וואס ער איז געווען אין דער היים, און דא איז ער א משגיח געווארען, אמעריקא גנב!

— און וואס האט געפעהלט בענצי שמייסער? וויפיעל מאל האבען איהם מוזשיקעס אויסגעשמירט מיט סמאלע און האבען איהם גע'הרג'עט, גע'ממית'ט אין מיטען יריד, וואוהין ער פלעגט פאהרען אלס ספּעציעלער קעשענע־גנב. דא, משטיינס געזאגט, איז ער א רעוורענד געווארען, א מסדר קדושין, א מוהל און א גאנצער עוסק בצרכי צבור. דאס קען נאר פּאסירען דא אין אמעריקא.

אבער דער אמת איז, אז מען דארף קיין לשון הרע ניט רעדען — מען קען דרש'ענען דעם „בדורותיו“ לשבח.

באב אינגערסאל, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּאעטישע רעדנער אין דער וועלט, האט אמאל אין א רעדע געזאגט פאלגענדע בריליאנטענע ווערטער:

„מען ווארפט אונז אפּט אויס, אז אמעריקא איז א לאנד פון צוזאמענגעלאפענע גנבים, גזלנים און מערדער. וועלל, אויב דאס זאל אפילו אמת זיין, קענען מיר אויך שטאלץ זיין מיט אונזער לאנד, וואס זי לייטערט אויס אלע זינדיגע נשמות פון אייראפּא און מאכט זיי פאר אנשטענדיגע מענשען. ווען מיר זעהען בעקאנטע, וועלכע זיינען אין זייער אלטער היימאט געווען שלעכטע מענשען און דא זיינען זיי גוט געווארען, דארפען מיר בעשולדיגען יענע לאנד, וואס איז מגדל שלעכטע מענשען, וועהרענד אין דער נאטור זיינען די מענשען גוט; א סימן האבען מיר, אז אזוי שנעל ווי זיי זיינען געקומען אין א ריכטיגער לאנד, האבען זיי באלד זייערע שלעכטע מדות אוועקגעווארפען“.

ווי שלעכט אייער לאנדסמאן איז געווען אין רוסלאנד, איז ער נאך אלץ געווען א צדיק תמים „בדורותיו“. אין אזא מדינה, וואס

איז דורכאויס פערדארבען, גנב און גזלן, פון דעם העכסטען סענאַ־טאָר ביז דעם קלענסטען פּאָליסמאַן, איז זעהר שווער צו וואַקסען אַ פיינער מאַן.

אין בראשית רבה ווערט דערצעהלט אַ שעהנע געשיכטע ווענגען מבול:

אַ קעניג האָט אַמאָל אויסגעבויט אַ גרויסען פּאַלאַץ און האָט אוועקגעשטעלט שטומע וועכטער דעם פּאַלאַץ צו היטען. די וועכ־טער זיינען געווען גאַנץ צופריעדען מיט זייער דזשאָב און האָבען שטומערהייט דורך פערשיעדענע צייכענס געצייגט צום קעניג זייער דאַנקבאַרשאַפט.

איין מאָל האָט זיך דער קעניג געטראַכט: ווען שטומע מענ־שען, וואָס קענען ניט רעדען און אויסדריקען זייער פולע דאַנק־באַרשאַפט זיינען אַזוי דאַנקבאַר, הייגט ווי דאַנקבאַר וואָלטען שוין געווען מענשען מיט אַ שפּראַך, וועלכע קענען אַרויסזאָגען מיט'ן מויל אַלעס וואָס זיי פיהלען אין האַרצען? און ער האָט די שטומע וועכטער אָבגעשאַפט און אויף זייער פּלאַץ אוועקגעשטעלט מענשען וואָס קענען רעדען.

עס איז פאַראיבער אַ קורצע שטיקעל צייט אונטער דער נייער אַדמיניסטריישאַן און דער קעניג האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסען מיסטייק. די וועכטער האָבען זיך צוזאַמענ־גערעדט און האָבען ניט נאָר דעם קעניג ניט געדאַנקט פאַר די דזשאָבס, וואָס ער האָט זיי געגעבען, נאָר זיי האָבען אויך ער־קלעהרט, אַז זיי אַליין זיינען די גאַנצע בעלי בתים פון'ם פּאַלאַץ, און האָבען אויף איהם מעהר דעה ווי ער.

דאָס האָט דעם קעניג שטאַרק פערדראָסען און ער האָט בע־שלאָסען די בערעדעוודיגע וועכטער אַרויסטרייבען און צוריק אָנ־שטעלען די שטומע וועכטער.

דאָס זעלבע, זאָגט דער מדרש, איז געווען מיט דער וועלט בע־שאַפונג. פריהער איז געווען אַלץ אָנגעפילט מיט וואַסער, און די שטומע געוועסערען זיינען געווען גאַנץ צופריעדען מיט זייערע דזשאָבס און האָבען אימער אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרשאַפט,

ווי דער פסוק זאגט: „מקולות מים רבים אדירים משברי ים, אדיר במרום ד׳״, דאס הייסט, די שטימען פון די שטארקע געוועסערען מאכען בעקאנט די שטארקייט פון גאט אין הימעל. און גאט האט זיך געטראכט, אז ווען דיזע געוועסערען, וואס האבען קיין מויל ניט, ליבען איהם אזוי, היינט ווי וועלען איהם שוין מענשען ליבען?! און ער איז געגאנגען און האט דעריבער בעשאפען די מענשען. צום סוף זיינען זיי אלע שלעכט און זינדיג געווען, און גאט האט נאכהער חרטה געהאט אויפ׳ן גאנצען עסק, און האט בעשלאסען צוריק אוועקשטעלען די שטומע וועכטער, דאריבער האט ער געבראכט דעם מבול אויף דער וועלט.

ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר בא לפני. און גאט האט געזאגט צו נח׳ען: עס איז געקומען די צייט, ווען איך מוז אלעס צוריק חרוב מאכען. כי מלאה הארץ חמס מפניהם, די ערד איז פול געווארען מיט רויב, איינער גזל׳ט ביים אנדערען.

דער אוהל יעקב זאגט: עס איז א משל צו איינעם, וואס האט געמאכט א גרויסע סעודה פאר א קאמפאני. ער האט זיי יעדען בעזעצט ביים טיש און מען האט פאר זיי דערלאנגט אלעס פון כל טוב. מיט אמאל דערזעהט דער בעל שמחה, אז זיי כאפען איינער ביים אנדערען און לעגען אין די פאקעטס. נאטירליך האט עס איהם פערדראסען, און ער האט געגעבען אן ארדער צו די דיענער, מען זאל אלעס צוריק אוועקנעהמען. אז זיי זיינען כאפערס, זאלען זיי קיינער גאר ניט האבען.

וישת, וישכר, ויתגל...

ביי דיזען פסוק דארף מען על פי דין מאכען הזכרה צו אונזער פערשטארבענער חברה פי תמיד.

אין ניו יארק האבען מיר אמאל געהאט א חברה „פי תמיד״, געגרינדעט פון דעם בעקאנטען שריפטשטעלער אלכסנדר הארקאווי. ער איז געווען דער פי תמיד פרעזידענט פון דער מינוט אן, וואס זי איז ארגאניזירט געווארען, ביז דער לעצטער מינוט, ווען זי האט

איהר כשר'ע נשמה אויסגעהויכט, איבער די שטאַרקע פּראָהיבישאַן רדיפות, וואָס האָבען זיך די לעצטע צייט אָנגעפאַנגען אויף אַלעס, וואָס האָט צו טהאָן מיט נח'ס אינדוסטריע.

אין די מעסעדזשעס וואָס מר. האַרקאַווי פלעגט פאַרבערייטען צו די יעהרליכע קאַנווענשאַנס, האָט ער מיט אונבעשטרייטבאַרע בעווייזע איבערצייגט, אַז ס'איז אַן איסור גמור צו טרינקען וואַסער. פון וואַסער, האָט ער ערקלעהרט, קומען אַלע גרויסע אונגליקען אויף דער וועלט. דער מבול, וואָס האָט אָבגעווישט די גאַנצע וועלט און געמאַכט אַ תל פון אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען, איז געוועזן פון וואַסער, ניט פון שנאַפּס. די פערפלייצונג אין דזשאָנס־טאַון, די פערפלייצונג אין גאַלוועסטאַן און אַלע אַנדערע פערפליי־צונגען זיינען געוועזן פון וואַסער, ניט פון שנאַפּס. דאָס זעלבע הערט מען יעדעס יאָהר פון הונדערטע און הונדערטע מענשען, וואָס ווערען דערטרונקען אין וואַסער, און מען האָט נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז מענשען זאָלען דערטרונקען ווערען אין שנאַפּס. די מיינונג פון תנא אלכסנדר איז דעריבער, אַז יעדער איד הנאמן לד' ודתו, זאָל לעגען אַ חרם אויף וואַסער און זאָל נאָר טרינקען שנאַפּס. אי די געשיכטע פון נח'ן, פון וישכר, ויתגל? ס'איז גאָר ניט! עס פּאַסירען זומער אַ סך אַזעלכע געשיכטען ביים וואַסער; די מעהרסטע ביידינג סוטס זיינען דאָך געמאַכט אַ־לאַ ויתגל, פונ־דעסטוועגען אַרט עס קיינעם ניט, מאַנכע טהוט עס נאָך הנאה. היינט וואָס מאַכט מען דאָ אַזאַ טאַראַראַם מיט נח'ן עליו השלום, סטייטש, וישת מן היין וישכר ויתגל!... וואָס דען זאָל ער געוועזן טרינקען, וואַסער? ווען ער האָט מיט זיינע אויגען ערשט אַליין געזעהן וואָס פאַר אַ מזיק דאָס וואַסער איז!? מען דאַרף איהם גאָר ניט בליימען, ברידער, טאַקע דאָס אַליין, וואָס ער האָט זיך שווער און ביטער געמאַטערט צו פערפלאַנצען אַ וויינגאַרטען, אַבי קיין וואַסער ניט טרינקען, צייגט וואָס פאַר אַ צדיק נח, זכותו יגן עלינו, איז געוועזן.

הלואי וואָלט די פּי תמיד נאָך געלעבט, האָט זי בדעה געהאַט צו זאַמלען אַ פאַנד און שטעלען אַ גרויסען מאָנומענט נח'ן, און מיר זיינען זיכער, אַז יעדער חסיד וואָלט דאַצו פון לעצטען עטוואָס בייגעשטייערט.

רעדענדיג װעגען ביטערע טראָפּען האָב איך זיך דערמאָהנט אַז אַ פײנע מעשה'לע פון אײנעם, װאָס פּלעגט טאָג און נאַכט ליעגען אין שענק און שכור'ען. אײן מאָל אין אַן אָבענד איז די פרוי זײנע אַרײנגעלאָפען אין סאַלון מיט אַ געװאַלד: חיים, קום שוין אַמאָל אַהײם! עס איז שוין באַלד האַלבע נאַכט!

— אַלרײט, נשמה, האָט ער איהר געענטפערט, איך געה שוין, אָבער בתנאי, אַז דו מוזט אויך נעהמען מיט מיר אַ ביסעלע שנאַפּס.

אַ ברירה האָט זי געהאַט? זי האָט איהם געמוזט פאָלגען, אַבי זי זאָל איהם שוין נעהמען אַהײם. אָבער אַזוי שנעל װי זי האָט אַרײנגענומען אַ ביסעלע שנאַפּס אין מויל, האָט זי זיך פערכלינעט, זי האָט זיך שיער דערװאָרגען, און האָט אויסגעשריען:

— מײן גאָט, װי אַזוי קענסטו עס טרינקען? עס איז דאָך אַזוי ביטער!

— װאָס דען האָסטו געמײנט, מרשעת, האָט ער געזאָגט, איך זיץ און לעק דאָ האָניג?...

לך לך

ויאמר ד' אל אברהם לך לך, און גאָט האָט געזאָגט צו אברהם: געה!

זײט דאַן האַלט דאָס אידישע פאָלק אין אײן געהן. עס איז שוין ניטאָ אַ װינקעל אויפ'ן גאַנצען ערד־קוגעל, װאו אברהם'ס קינדער זײנען ניט געװען. און עס איז נאָך װײט קײן סוף ניט צום געהן.

מיט אונז קומט אויס װי מיט יענעם רוסישען סאָלדאַט, װאָס מען האָט ניט לאַנג צוריק בעגעגענט געהן אין די װילדע װעלדער,

ניט ווייט פון פאַרט־אַרטהור. אַלע קליידער אויף איהם זיינען געווען צוריסען און צופוילט, דער קאָפּ און דאָס געזיכט מיט האָר בעוואקסען ווי ביי אַ ווילדע חיה, אויסגעדאַרט און אויסגעמאָגערט פון עסען גראָז און בלעטלעך פון בוימער, און ער געהט, דער סאָל־דאַט, און שטעלט זיך ניט אָב — ער געהט!

ווען עס האָט איהם ענדליך, ניט לאַנג צוריק, בעגעגענט אַ רוסישער אָפיציער, וואָס איז געפאָהרען אויף אַכאָטע און האָט ביי איהם גענומען אויספרעגען פון וואַנען און וואוהין ער געהט עס אין אַזאַ משונה'דיגען צושטאַנד, האָט איהם דער סאָלדאַט גע־ענטפערט, אַז ער געהט שוין אַזוי זייט דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריעג. ער איז דאָן געווען אין חארבין און דער קאָמאַנדיר האָט איהם דעמאָלט געזאָגט „סטופּאַי!", געהט ער. לויט דיסציפּלין טאָר ער זיך ניט אָבשטעלען ביז דער קאָמאַנדיר, אָדער אַן אַנדער „סטאַרשי" קומט און זאָגט איהם: נאַ פּראַוואָ, אָדער נאַ ליעוואָ, אָדער ער הייסט זיך איהם גאַר אָבשטעלען, און אַזוי ווי דער קאָ־מאַנדיר האָט זיך די גאַנצע צייט ניט געוויזען, ווייסט ער ניט קיין חכמות און האַלט זייט דאַמאָלסט אין איין געהן פאָרוועררטס.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. וואָס איך וויל דאָ בעהויפּטען איז, אַז זייט אברהם אבינו האָט ערהאַלטען דעם אָרדער: „לך לך!" געהען מיר שמיידיג, און מיר וועלען אַזוי לאַנג געהן ביז גאָט וועט ענדליך האַלטען זיין פערשפּרעכען פון „ואעשך לגוי גדול, ואברכך ואגדלה שמך, והיה ברכה".

לך לך — דער מדרש זאָגט, אַז פון אַ שלעכט לאַנד קען מען קיין מאָל קיין גוטעס ניט ערוואַרטען, און דאָס בעסטע וואָס מען קען טהאָן, איז לך לך — אַוועק פון דאָרט. דער מדרש ברענגט דערצו אַ פּסוק פון משלי. שלמה המלך זאָגט: הולך את חכמים יחכם, ווער עס געהט זיך צוזאַמען מיט אַנשטענדיגע מענשען, ווערט ער אויך אַן אַנשטענדיגער מענש, און דער וואָס געפינט זיך צווישען רשעים, קומט איהם אַן זעהר שווער צו זיין אַן אָרענטליכער מענש.

אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער אידישער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט זיך פאַרגענומען צו פיהרען אַ הויכען אידעאַלען לעבען.

עס איז נאָך דאָן אפילו קיין קאָנסטיטושאָן, קיין תורה און קיין געזעץ ניט געווען, אָבער ער האָט זיך אַליין אויסגעאַרבייט אַ סיס־טעם אין לעבען און האָט געטרייט צו געהן אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג ווי זיינע עלטערען און זיינע קאָלעגען האָבען איהם געוואָלט פיהרען.

טרייע אהין, טרייע אהער, אין אַ שלעכטע לאַנד, צווישען שלעכטע מענשען, איז זעהר שווער צו זיין אַן ערענטליכער מאַן, און אַזוי שנעל ווי גאָט האָט איהם געזאָגט: לך לך, האָט ער איבערגעלאָזט זיין לאַנד, זיין היים און זיין משפחה, און איז אַוועק.

אברהם איז דער סימבאָל פון גאַנצען אידישען פאָלק. די חכמים זאָגען, אַז אברהם איז געווען גליידך צו אַ כלי מיט בשמים. אַזוי לאַנג ווי עס שטעהט אין שמוציגען אונריינעם פּלאַץ, ווייסט קיינער ניט פון דעם פּראַכטפאָלען אַראָמאַט. ווען מען נעהמט אָבער די זעלבע כלי מיט בשמים און מען טראָגט איבער אויף אַ ריינעם פּלאַץ, דאָן פיהלט יעדער פאַרבייגעהער דעם שעהנעם ריח. דאָס זעלבע איז געווען מיט אברהם אבינו, און דאָס זעלבע איז נאָך יעצט ריכטיג מיט אברהם אבינו׳ס אייניקלעך.

אברהם איז געווען צווישען רשעים, מערדער, באַנדיטען, עבודה זרה׳ניקעס, און עס איז פאַר איהם געווען אונמעגליך צו עקזיסטירען, סיידען ער זאָל ווערען ווי זיי. דאַריבער האָט איהם גאָט געזאָגט: לך לך, געה, אַנטלויף פון דאָרט!

די גמרא זאָגט אין ראש השנה, פּרק א׳: פינף זאַכען זיינען דאָ, וואָס זיינען מבטל גזרות רעות פון מענשען: דאָס ערשטע איז, נאַטירליך, צדקה, ווייל צדקה פערנעהמט דעם אויבען־אָן פון אַלע גוטע מענשליכע טהאַטען. דער וואָס גיט צדקה, דער וואָס נעהמט אַוועק פון זיך דעם ביסען ברויט און גיט אַוועק דעם הונ־געריגען, דער ציינט בפועל ממש, אַז ער בעזיצט אַן עהרליכע נשמה, און דאָס רעטעט איהם אפילו פון טויט, ווי אין פּסוק שטעהט: וצדקה תציל ממות.

די צווייטע זאַך וואָס איז מציל דעם מענשען פון גזרות רעות איז, אַז מען שווייגט ניט און מען מאַכט אַ ויצעקו, ווי אין פּסוק שטעהט: ויצעקו אל ד׳ בצר להם, וממצוקותיהם יוציאם.

די דריטע זאַך איז שינוי השם, ווי דער פּסוק זאָגט ביי שרה׳ן: „לא תקרא שמה שרי, כי שרה שמה״. פאַר וואָס שינוי השם העלפט צו מבטל זיין גזרות רעות, האָבן וואהרשיינליך אונזערע אַלטע חכמים געוואוסט אַז אורזאַכע. מיר מיט אונזערע קליינע קעפּעלעך ווייסען דאָס גראָדע נים. אין געגענטהייל, מיר ווייסען, אַז די צייטען פון שינוי השם אין רוסלאַנד, ווען ישראל האָט זיך גערופען איוואַן, און חיים האָט פערביטען זיין נאָמען אויף כאַריטאָן, האָט עס אויך נים געהאָלפען צו מבטל זיין די גזרות רעות.

די פיערטע זאַך איז, ווען מען ווערט אויף אַ אמת אַן אנשטענ־דיגער מענש. די גמרא רופט עס אַן „שינוי מעשה״, דאָס מיינט, אַז אַנשטאָט שלעכטע טהאָטען הויבט דער מענש אַן טהאַן גוטעס.

די פינפטע זיך איז „שינוי מקום״, דאָס מיינט, לך לך. אַז דו געפינסט זיך אין אַ לאַנד פון שלעכטע גזרות, אַנטלויף פון דאָרט! דאָס איז אַ זיכערער מיטעל, אַ מיטעל, אין וועלכען אַלע וואָס זיינען אַנטלאָפען פון רוסלאַנד און רומעניען נאָך אמעריקא, האָבען זיך פאָלשטענדיג איבערצייגט.

הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את — יעצט ווייס איך, אַז דו ביזט אַ שעהנע פרוי. ביז אַהער האָט עס אברהם נים געוואוסט. דער של״ה הקדוש זאָגט, אַז דערפון זעהען מיר די גרויסע צניעות פון אברהם אבינו, ער האָט זיך קיין מאָל דאָס פערגעניגען נים גענומען זיין ווייב צו בעטראַכטען. און מיר דאַרפען לערנען פון אונזער פאָטער אברהם און פון אונזער מוטער שרה די מדה פון צניעות און די מדה פון בושה ווי וויים מיר קענען.

דער של״ה הקדוש איז נעבאַך זעהר גערעכט, אָבער געה זיי אַ בריה און היט די מדה פון צניעות ביי היינטיגע סטיילס פון ליידים דרעסעס, וואו עס איז דאָ בלויז איין חלק דרעס און 99 חלקים גאָר־ניט...

ויראַ

אין דער פּרשה וירא ווערט אָנגעצייגט די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים.

אונזערע גבירים, אונזערע רייכע אידען, האָבען זעהר פיעל צו לערנען פון היינטיגער פּרשה.

דאָ איז אַן ערהאָבענע אידעע, ווי אַזוי מען זאָל עמפּפאַנגען אַן אָרימאַן:

אברהם איז געזעסען ביי דער טהיר פון זיין הויז, דערצעהלט אונז די תורה, און האָט דערזעהן דריי אָרימע לייט. זיי זיינען געוועזן מיעד, פערמאַטערט פון דעם וועג און פערשמירט און פער־שטויבט פון געהן צופוס. ער האָט ניט אָנגעהויבען וויסען, ווער און וואָס זיי זיינען; ער האָט אפילו ניט געטרוימט, אַז זיי זיינען מלאכים; ער האָט גערעכענט, אַז דאָס זיינען געוועהנליכע אָרימע לייט, וואָס געהען איבער די הייזער.

אַזוי שנעל ווי ער האָט זיי דערזעהן, האָט ער ניט געוואַרט ביז זיי וועלען צו איהם צוקומען, נאָר ער איז זיי אַנטקעגען געלאָפען; אַנשטאַט צו וואַרטען ביז זיי וועלען איהם זאָגען: טהוט אונז אַ טובה, גיט אונז עפּעס אָבעסען און לאָזט זיך אונז ביי אייך אַ ביסעל אָברוהען, האָט ער זיי געזאָגט: טהוט מיר אַ טובה, קומט אַריין צו מיר, וואַשט זיך אָרום, רוהט זיך אויס און עסט אָב עפּעס, וועט איהר כח האָבען צו געהן ווייטער אין אַזאַ היץ.

דאָס איז דער וועג פון אונזער תורה, ווי מען דאַרף זיך בעגעהן מיט אַן אָרימאַן. ווי ערהאָבען עס איז די אידעע דעם אונגליקליכען אביון צו צייגען, אַז ער טהוט אונז מעהר טובה מיט'ן נעהמען די נדבה, ווי מיר איהם מיט'ן געבען.

ויאמר אדני אם מצאתי חן בעיניך, דער של"ה הקדוש זאָגט, אַז דערפון דאַרפען מיר זיך לערנען, אַז ווען איינער טהוט דעם אַנדערען אַ טובה, זאָל ער זיך ניט בעריהמען דערמיט און זיך ניט גרויס מאַכען, און זאָל ניט טרייען יענעם צו ווייזען אַ מינע גלייך ווי ער מאַכט איהם גליקליך. גראָדע פערקעהרט, ער דאַרף ווייזען, אַז מען טהוט איהם אַ געפאַלען דערמיט, וואָס מען גיט איהם אַ געלעגענהייט צו טהאָן אַ גוטע זאַך, דאַריבער האָט אברהם אבינו צו זיי געזאָגט: אם מצאתי חן בעיניך, דאָס הייסט, אויב איהר ווילט מיר טהאָן אַ טובה, זייט אַזוי פריינדליך, קומט אַריין צו מיר און כאַפּט איבער דעם הונגער.

ואקחה פת לחם — אברהם אבינו האָט זיי בלויז געזאָגט, אַז ער וועט זיי געבען אַ שטיקעל ברויט, אָבער אַז ס'איז געקומען צום עסען, האָט ער זיי געגעבען מילך, פּוטער, פליייש און אַ סך אַנדערע זאַכען. אַזוי דאַרף יעדער מענש טהאָן, זאָגען אונזערע חכמים, פערשפּרעכען וועניג און טהאָן פיעל.

ויאכלו, און זיי האָבען געגעסען. דער מדרש זאָגט, אַז ויאכלו מיינט, אַז די מלאכים האָבען טאַקע געגעסען, און ברענגט דאַרויף רבי מאיר'ס שפּריכוואָרט: אזלת לקרתא הלך בנימוסיא, קומסטו אין אַ פרעמדע שטאָדט, מוזטו זיך אין איהרע מנהגים פיהרען. משה רבנו איז געקומען אין הימעל, וואו ס'אַזי דער מנהג ניט צו עסען, איז ער דאָרט געווען פיערציג טעג און האָט ניט געגעסען. די מלאכים ווידער זיינען געקומען אויף דער ערד, וואו ס'איז דער מנהג יאָ צו עסען, האָבען זיי אויך געגעסען.

יעדער מענש, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, אָדער ווי קליין, האָט זיך זיין אייגענעם ראָמאַן פון ליעבע און אייפערזוכט אין זיין לע־בענס געשיכטע.

ווי עס צייגט, האָט אונזער זיידע אברהם אויך געהאַט אַ ביסעל ראָמאַנטישען טראַבעל מיט אונזער באָבע שרה איבער איהר איי־פערזוכט צו הגר.

מיר זעהען דאריבער, אז ניט קוקענדיג דאראויף, וואס אברהם איז געווען אזא גרויסער מכניס אורח און פלעגט געבען פרעמדע מענשען עסען און טרינקען און א פלאץ צום אויסרוהען, האט ער געמוזט זיין אייגענעם זוהן ישמעאל פון זיך אוועקשיקען צוזאמען מיט דער מוטער, און האט נאך געמוזט צוליעב טהאן שרה'ן און איהר צוזאגען, אז מעהר וועט ער אין זייערע ד' אמות ניט קומען.

ניט האבענדיג ביי דער זייט דעם טאטען, וואס זאל איהם געבען א גוטע עצה, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום א שידוך, האט ישמעאל געקראגען אין מצרים א ווייב א שלאק, א פורעניות, מיט'ן נאמען „מריבה". און דער ילקוט דערצעהלט אונז וועגען דעם פאלגענדע אינטערעסאנטע געשיכטע:

איניגע יאהר נאך דעם ווי אברהם האט פון זיך פעריאגט זיין זוהן ישמעאל, האט ער אנגעפאנגען נאך איהם שטארק צו בענקען. „ווער וייסט, וואס מיין זוהן טהוט דארט ערגעץ?", פלעגט ער אימער קלעהרען און דענקען ביי טאג און ביי נאכט, און האט ניט געקענט רוהען. ער האט געוואלט דעם פערשטויסענעם זוהן כאטש נאך איין מאל אין לעבען זעהן מיט די אויגען.

ווען ער האט דאריבער גענומען רעדען מיט שרה'ן, איז זי געווארען אש להבה, און האט איהם בשום אופן ניט ערלויבט צו פאהרען זעהן דעם זוהן ישמעאל, ווייל זי האט געוואוסט, אז דארט וואהנט אויך צוזאמען מיט'ן זוהן די מאמע הגר, צו וועלכער זי איז, הפנים, געווען שרעקליך אייפערזיכטיג.

עס האט ביי אברהם'ען גענומען טעג, וואכען און מאנאטען איינצו'טענה'ן מיט שרה'ן, מיט גוטען און מיט בייזען, ווי דער שטייגער איז אין אזעלכע פעלע, ביז זי האט איהם ענדליך ער־לויבט צו פאהרען, נאר מיט דעם תנאי, אז ער זאל איהר צושווערען, אז ער וועט פון זיין קעמעל ניט אראבגעהן און וועט אין ישמעאל'ס געצעלט ניט אריינגעהן, און אז ער וועט זיצענדיג אויפ'ן קעמעל זעהן ישמעאל'ן, רעדען מיט איהם א פאר ווערטער, זיך מיט איהם צוקושען און פאהרען גלייך צוריק.

אברהם האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, ער האט דערצו איינגעוויליגט, און האט אויף אזא ארט און וייזע געמאכט די

רייזע צו זיין זוהן אין דער מדבר. ווען ער איז ענדליך צוגעקומען צו ישמעאל׳ס געצעלט, האָט ער אָבשטעלענדיג זיך ביי דער טהיר אויסגעפונען, אַז ישמעאל איז אין דער היים ניטאָ, ער איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען פאַר ביזנעס.

אברהם האָט אריינגעשיקט אַ קינד פון גאַס ארויסצורופען די מיסעס ישמעאל, זיין שנור. ער האָט איהר ניט געזאָגט, ווער און וואָס ער איז. ער האָט איהר בלויז ערקלעהרט, אַז ער איז אַ פאַר־בייפאָהרער, אַז ער איז שטאַרק דורשטיג,און אַז ער וועט איהר זעהר דאַנקבאַר זיין, ווען זי וועט איהם געבען אַ טרונק וואַסער.

— איך האָב ניט קיין וואַסער פאַר פרעמדע! האָט זי אויס־געשריען מיט כעס און איז צוריק אין הויז אריינגעלאָפען.

שטעהענדיג אין דרויסען פאַר דער טהיר אייניגע מינוט, האָט אברהם געהערט, ווי זיין שנור, די מרשעת מריבה, שלאָגט און שעלט איהרע קינדער אונערבאַרעמליך, און עס האָט איהם שרעקליך גע־ערגערט.

מיט אַ שווערען הערצרייסענדען זיפץ האָט אברהם ווידער גע־לאָזט זיין שנור צו זיך ארויסרופען און האָט איהר געזאָגט:

— ווען דיין מאַן וועט קומען, זאָלסטו איהם זאָגען, אַז דאָ איז געוועזען אַן אַלטער מאַן, אַזוי און אַזוי זעהט ער אויס, און אַז דער אַלטער מאַן זאָגט איהם אַן: הזהר והזהר, ער זאָל זעהן וואָס שנעלער אויסרייסען דעם נאָגעל פון זיין געצעלט און זאָל אריינ־שלאָגען אַן אַנדער נאָגעל.

באַלד נאָך דעם האָט אברהם פערקירעוועט זיין קעמעל און איז צוריק אַהיים געפאָהרען.

ווען ישמעאל איז געקומען צוריק פון זיינע ביזנעס, האָט זיין ווייב איהם אַלעס דערצעהלט, וואָס דער אַלטער מאַן האָט איהר געזאָגט, און לויט איהר שילדערונג, ווי דער אַלטער מאַן האָט אויס־געזעהן, האָט ישמעאל גלייך פערשטאַנען, אַז דער אַלטער מאַן איז געוועזען זיין פאָטער אברהם, און אַז מיט זיינע ווערטער „אויסרייסען דעם שלעכטען נאָגעל פון זיין געצעלט" מיינט ער, ער זאָל ארויס־טרייבען זיין שלעכטע ווייב.

ישמעאל האט אזוי געטהאן, האט די שלעכטע פרוי ארויסגע־
יאגט פון הויז און האט געהייראט א צווייטע, וועלכע איז געווען א
גוטע און זעהר אן ארענטליכע פרוי.

אין עטליכע יאהר ארום איז אברהם ווידער געפאהרען בעזוכען
זיין זוהן, אונטער די זעלבע בעדינגונגען ווי צום ערשטען מאל,
אנדערש האט איהם שרה ניט ערלויבט צו פאהרען, און וועהרענד
ער איז צום געצעלט צוגעפאהרען, איז דאן ישמעאל ווידער ניט
געווען אין דער היים, אבער ישמעאל'ס ווייב איז איהם אנטקעגען
געקומען און האט איהם געבעטען ער זאל ארונטערגעהן פון זיין
קעמעל און זאל ארייננגעהן אין געצעלט, זיך ארומוואשען און עט־
וואס געניסען, דאס הארץ צו דערקוויקען.

אברהם, דערצעהלט אונז דער ילקוט, האט אבער ניט געוואלט
עובר שבועה זיין, איז ער געבליבען זיצען אויפ'ן קעמעל און האט
צו איהר געזאגט:

— גוטע פרוי, ווען אייער מאן וועט קומען, זאגט איהם, אז
דא איז געווען אן אלטער מאן, אזוי און אזוי האט ער אויסגעקוקט,
און ער לאזט איהם זאגען, אז „דער נאגעל, וואס איז ארייגעשלאגען
אין זיין געצעלט זיצט זעהר פעסט, און ער זאל איהם ניט אוים־
רייסען".

ווען ישמעאל איז אהיים געקומען, האט זי איהם דערצעהלט
די גאנצע געשיכטע, וואס דער אלטער האט איהם געלאזט זאגען,
און ישמעאל האט פערשטאנען, אז דער פאטער אברהם איז דא
געווען, און ער האט זיך זעהר געפרעהט.

גאלד איז דאס בלוט פונ'ם געזעלשאפטליכען קערפער; די
בירגער, וואס האבען עס צו פיעל, אדער צו ווייניג, זיינען קראנק.
לינקאלן.

חיי שרה

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים.

אונזערע אַלטע חכמים האָבען אַנגענומען יעדע זאַך זעהר ערנסט, ווער שמועסט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אַ וואָרט, אָדער אַפילו אום אַ בוכשטאַב פון דער תורה, האָבען זיי געזוכט און געפונען, אַז אַלעס האָט אַ וויכטיגע בעדייטונג, און אַז ווען עס שטעהט אַ וואָרט, אָדער אַן איינציגער בוכשטאַב, אָדער אַ פּינטעלע אַפילו, ניט אַזוי ווי מען דענקט, אַז עס וואָלט געדאַרפט שטעהן, האָט עס אַ געוויסען צוועק, אַ געוויסע אידעע, וואָס די תורה בעַ־אַבזיכטיגט דורכצופיהרען.

יעצט לאָמיר פערטייטשען דעם ערשטען פסוק פון היינטיגער פרשה.

עס איז זעהר אַ לייכטער פסוק, און איך וויים, אַז איהר ווייסט אַליין אויך גאַנץ גוט דעם טייטש פון די ווערטער, דאָך בין איך אַזוי גוט ווי זיכער, אַז איהר האָט זיך קיין מאָל ניט אָבגעשטעלט אַ קלעהר צו טהאָן, פאַר וואָס ביי מאה שטעהט „שנה“, ביי עשרים שטעהט „שנה“, וועהרענד ביי שבע שטעהט „שנים“.

דער טייטש פון דעם פסוק איז אַזוי: ויהיו חיי שרה, און שרה האָט געלעבט, מאה שנה, הונדערט יאָהר, ועשרים שנה, און צוואַנ־ציג יאָהר, ושבע שנים, און זיעבען יאָהרען. איז אייך גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלען צו פרעגען: ווי קומט עס, וואָס ביי הונדערט שטעהט „יאָהר“, ניט יאָהרען; ביי צוואַנציג שטעהט אויך „יאָהר“, ניט יאָהרען, און ביי זיעבען שטעהט שוין „יאָהרען“ — ניט „יאָהר“? דוכט זיך הונדערט איז מעהר יאָהרען ווי זיעבען, און צוואַנציג איז אויך מעהר ווי זיעבען, פאַר וואָס זשע שטעהט ביי הונדערט דאָס

ווארט „שנה", און ביי צוואנציג אויך „שנה", ווערענד ביי זיבעט שטעהט „שנים", וואס מיינט א סך יאהרען?

דעם של"ה הקדוש איז עס יא קשה געווען, און ער האט געזוכט און געפונען א תירוץ. דער של"ה ברענגט די ווערטער פון זוהר: אז וואויל איז דעם מענשען, וואס בלאזט נימ פון זיך, וואס איז נימ קיין בעל גאוה און האלט זיך קליין. וואס גרעסער דער מענש, אלץ קלענער איז ער ביי זיך. דאריבער פלעגט רב אנפאנגען זיין דרשה אין דער ישיבה מיט די ווערטער: ווער ס'איז קליין, דער איז גרוים, און ווער ס'איז גרוים, דער איז קליין. און א רמז דערצו געפינען מיר אין דעם פסוק ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים — ביי די גרויסע צאהלען פון הונדערט און פון צוואנציג שטעהט שנה, איין יאהר, מיט א לשון יחיד, און ביים קליינעם צאהל זיבען שטעהט שנים — יאהרען, מיט א לשון רבים.

דער של"ה הקדוש געפינט נאך א רמז אין דעם סדר פון'ם רעכענען די יאהרען פון אונזער מוטער שרה.

די גמרא זאגט, אז תלמידי חכמים, גרויסע מענשען, וואס עלטער זיי ווערען, אלץ קליגער און פיינער ווערען זיי, ווערענד עמי־הארצים, וואס עלטער זיי ווערען, אלץ נארישער און ערגער ווערען זיי. דאריבער שטעהט ביי די לעצטע זיבען יאהר פון שרה'ס לעבען דאס ווארט שנים, יאהרען, מיט א לשון רבים, צו ווייזען, אז איהרע לעצטע יאהרען זיינען געווען די וויכטיגסטע און די גרעסטע יאהרען פון איהר לעבען, ווייל וואס זי איז עלטער געווארען, אלץ קליגער און פיינער איז זי געווארען.

ותמת שרה בקרית ארבע, און שרה איז געשטארבען אין קרית ארבע, ויבוא אברהם לספוד לשרה ולבכותה, און אברהם איז געקומען בעקלאגען און בעוויינען שרה'ן.

דאס ווארט „ולבכותה" קומט אין דער תורה מיט א קליינעם „כ", און דער בעל הטורים שעהמט זיך נימ צו זאגען, אז דאס מיינט, אז אברהם האט גאנץ ווענג געוויינט נאך זיין ווייב שרה, ווייל זי איז שוין געווען אן אלטע אידענע.

אי פאַר וואָס שטעהט ניט אין „לספּוד“ אַ קליינער בוכשטאַב? נאָר דער תירוץ איז, אַז אַ הספּד קען מען מאַכען אויף איינעם אפילו אַז עס רייסט ניט שטאַרק ביים האַרצען, ווי מיר געפינען יעצט מאַסען מטיפים און מגידים, וואָס מאַכען אַ לעבען פון מאַכען הספּדים אויף לייטע, וואָס זיי האָבען אפילו קיין מאָל זייער נאָמען ניט געהערט; פאַר אַ פאַר דאָלער ווערען זיי אייך מספּיד זיין יעדען; אָבער ווען עס קומט טאַקע צו וויינען און פערגיסען טרעהרען, קען מען ניט, ביז עס גרייפט ווירקליך אָן דאָס האַרץ, ביז מען פיהלט אַליין גוט דעם פערלוסט. דאַריבער האָט אברהם דעם הספּד געקענט מאַכען אַ ריכטיגען, אָבער וויינען און פערגיסען טרעהרען האָט ער ניט געקענט. „קיין יונגערע זאָלען ניט שטאַרבען“, האָט ער זיך געטראַכט, און איז אַוועק שנעל צו עפרון החתי מאַכען די נויטיגע אַראַנדזשמענטס, מען זאָל זי וואָס שנעלער מקבר זיין, אַ רענדעל אַרויף, אַ רענדעל אַראָב, אַבי מען זאָל זי אַוועק־נעהמען פון הויז...

דער מדרש זאָגט, אַז שרה האָט זיך קיין מאָל ניט געפּוידערט, קיין מאָל קיין ציערונג ניט געטראָגען, דאָך האָט זי זיך אימער געהאַלטען יונג און שעהן. מעגליך, אַז זי וואָלט נאָך געוועזען גע־לעבט אַ סך יאָהרען, האָט זי אָבער געוואָלט טרייען איין מאָל אין לעבען אַ קאָנטרי, און איז געפאָהרען אין די חברון קעסטקילס נאָך פרישע לופט, און דאָרט איז זי געשטאָרבען. הפּנים די דאָרטיגע מאכלים האָבען זי דער׳הרג׳עט.

סדנא דאַרעא חד הוא...

ואברהם זקן בא בימים — רבי יהושע בר נחמני זאָגט, אַז פריער זאָבען מאַכען אַ מענשען אַלט: שרעק, צרות פון קינדער, אַ שלעכטע ווייב און מלחמות. אברהם האָט אפילו די אַלע צרות ניט געהאַט, אָבער ער האָט אַליין אויף זיך אַרויפגעצויגען די אַלטקייט, ווייל ביז איהם פלעגט נאָך קיינער קיין מאָל ניט אויסקוקען אַלט. דער מדרש דערצעהלט אונז, אַז אברהם האָט געזאָגט צום רבונו של עולם:

— איין זאך, דענק איך, קומט אויס א ביסעל ניט ריכטיג: אלע מענשען קוקען אוים גלייך, ווערען גאר ניט עלטער אויפ'ן געזיכט. ווען א טאטע מיט א זוהן געהען אין גאס, קען מען ניט דערקענען, ווער ס'איז דער טאטע און ווער ס'איז דער זוהן. דאס ברענגט דערצו, אז קיינער ווייסט ניט, ווי אבצוגעבען כבוד אן עלטערען מענשען.

— האסט רעכט, אברהם, האט איהם גאט געענטפערט, און איך וועל די ענדערונג טאקע אנפאנגען פון דיר.

און אברהם איז אוועק און האט זיך ביי נאכט געלעגט שלאפען א יונגער מאן און אין דער פריה איז ער אויפגעשטאנען א איד א זקן, אזוי אז ער האט זיך אליין ניט דערקענט. ער איז געווארען גרייז גרוי.

מעגליך, אז ווען ס'איז געקומען נאכהער צו א שידוך, האט ער חרטה געהאט אויף דער געשיכטע, אבער ס'איז שוין געווען פער־פאלען. ואברהם זקן, און עס האט שוין ניט געפאסט, ער זאל געהן זוכען א יונגע פרוי, ער האט געמוזט נעהמען קטורה'ן פאר א ווייב, און ווי דער מדרש זאגט, איז קטורה געווען אברהם'ס אלטע קעפס־ווייב הגר.

ויוסף אברהם ויקח אשה — און אברהם האט נאך אמאל א ווייב גענומען. דער מדרש זאגט, אז דא לערענט אונז די תורה דרך ארץ, אז ווען איינער האט דערוואקסענע קינדער און דארף אליין אויך חתונה האבען, זאל ער פריהער פערזארגען די קינדער, נאכהער זאל ער טראכטען ארום זיך. דאריבער דערצעהלט אונז די תורה פריהער ויביאה יצחק האהלה שרה אמו, און יצחק האט געבראכט רבקה'ן אין געצעלט פון זיין מוטער שרה, און דערנאך שטעהט ויוסף אברהם ויקח אשה.

ווען מיר זעהען אין היינטיגער פרשה די מערקווירדיגע פאר־זיכטיגקייט פון אברהם אבינו ביים אויסקלייבען א פרוי פאר זיין זוהן, מוזען מיר צוגעבען, אז אונזערע עלטערען האבען נאך דאן פערשטאנען די וועלט א סך בעסער ווי אונזערע יונגע לייט יעצט.

זיי האָבען געוואוסט, אַז אַ פרוי קען פון אַ מאַן מאַכען אַ מלאך אָדער אַ טייפעל. זיי האָבען געוואוסט, אַז דאָס גאַנצע גליק און אונגליק פון מענשען הענגט אָב אין דער פרוי, מיט וועלכער ער מוז זיין וועלט אָבלעבען. זיי האָבען געוואוסט, אַז אום צו ער־רייכען אַ הויכע מדרגה אין לעבען, מוז מען האָבען אַ רעכטע פרוי, ווען ניט, איז אַלעס פערלאָרען.

מיר געפינען אין מסכת תענית, אַז רבי חנינא בן דוסא, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס רבי חנינא דער בעל מופת, וואָלט ניט געקענט זיין אַזוי גרויס, ווען ער זאָל ניט געווען האָבען אַזאַ טייערע פרוי ווי ער האָט געהאַט.

די גמרא דערצעהלט אונז, אַז רבי חנינא איז געווען זעהר פרום. ער איז געווען בעריהמט פאַר אַ גרויסען צדיק, און די גרעסטע מענשען פלעגען צו איהם קומען בעטען, ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין. אויך ווען עס האָט געפעהלט רעגען, פלעגט מען קומען צו איהם, און אַז ער האָט נאָר מתפלל געווען, איז מען שוין געווען זיכער, אַז דער רעגען וועט באַלד קומען.

ער אַליין איז אָבער געווען אַזאַ גרויסער אָרימאַן, אַז ער איז איינפאַד אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פון הונגער. די גאַנצע אכילה זיינע און דער פרוי'ס אין דער וואָכען און שבת און יום טוב איז געווען אַ ביסעל טרוקענע באָקסערען, וואָס האָט דאַן געקאָסט זעהר ביליג. און די פרוי האָט דעם מינדסטען פאָרוואורף ניט געמאַכט דעם מאַן, זי האָט אַלעס מקבל באהבה געווען. אַלעס וואָס זי האָט יסורים געהאַט איז, טאָמער וועלען די שכנים געוואָהר ווערען, אַז זי איז אַזוי אָרים, און זי האָט זעהר ניט געוואָלט, מען זאָל וויסען דערפון, זי האָט זיך געשעהמט.

און יעדען פרייטאָג פלעגט זי איינהייצען דעם אויווען, אום עס זאָל געהן אַ רויך פון קוימען, די שכנים זאָלען מיינען, אַז זי באַקט חלה אויף שבת.

איין שכנ'טע אָבער, אַ בעוואוסטע מרשעת, האָט עס בעמערקט און האָט גוט געוואוסט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ וואָס אין אויווען אריינצוזעצען. זי איז אָבער געווען זעהר אַ שלעכטע אין כאַראַק־טער און איז נאָר אויסען געווען צו פערשעהמען די פרוי פון רבי

חנינא, און איין מאָל אין אַ פרייטאָג האָט זי זיך ארײַנגעכאַפּט צו רבי חנינא׳ן אין הויז. נאַטירליך, האָט זיך רבי חנינא׳ס פרוי פערשעהמט און האָט זיך נעבאַך בעהאַלטען פון חרפּה.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך די שכנ׳טע צוגע׳גנב׳עט שטי־לערהייט צום אויווען אַ קוק צו טהאָן וואָס דאָרט טהוט זיך, זי זאָל נאָכהער האָבען וואָס צו צויפּויקען צווישען די ווייבער, אָבער שטעלט זיך פאַר ווי איבערראַשט זי איז געוואָרען, ווען זי האָט דערזעהן אַ פולען אויווען מיט פּראַכטפולע גרויסע חלות, אויף וועלכע ס׳איז געווען אַ פערגעניגען צו קוקען!

— גיכער! האָט זי געשריען צו רבי חנינא׳ס ווייב, גיכער נעהמט די לאָפּעטע און נעהמט ארויס די חלות, ווייל זיי פאַנגען אָן צו ברענען!

און רבי חנינא׳ס ווייב איז אַרויס פון איהר בעהעלטעניס, איז צוגעגאַנגען צום אויווען און האָט געזאָגט דער שכנ׳טע:

— דאָס בין איך געגאַנגען זוכען די לאָפּעטע.

און די גמרא בעמערקט דאָביי, אַז רבי חנינא׳ס פרוי איז געוואוינט געווען צו אַזעלכע נסים.

דאָס איז בלויז אַן ערהאָבענעס בילד, אַ גרויסע פאָרשטעלונג פאַר׳ן מענשענס געדאַנקען — וואָס פאַר וואונדער עס קען געשעהן אין אַ פאַמיליע, דאָרט וואו ס׳איז דאָ די ריכטיגע פרוי, וועלכע איז אין פאָלשטענדיגער האַרמאָניע מיט׳ן מאַן.

די מענשען זיינען ניט אַזוי גוט ווי עס שילדערען זיי די פריינד, און ניט אַזוי שלעכט ווי עס שילדערען זיי די פיינד.

טאָלסטאָי.

אַ איד וועט גיכער אַ בוך שרייבען איידער קויפען.

סמאָלענסקין.

תולדות

פּרשה תולדות איז די בעריהמטע פּרשה מיט'ן „ויתרוצצו“.

די ויתרוצצו קראַנקהייט איז איבערגעגאַנגען בירושה פון רבקה'ן צו קינדער און קינד'ס קינדער, און עקזיסטירט נאָך ביי אונז ביז היינטיגען טאָג.

אַז ס'איז דאָ אַ קאָנגרעגיישאָן בני יסורים, מוז אונבעדינגט ווערען אַן אינדעפּענדענט קאָנגרעגיישאָן בני יסורים, אַבי צו שאַפען אַ ויתרוצצו.

צווישען די רוסישע און די גאַליציאַנער אידען עקזיסטירט אימער אַ ויתרוצצו. אַזוי אַם ווענינגסטען זאָגען די גאַליציאַנער אידען. זיי דענקען, אַז צייטונגען, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען פון רוסישע אידען, אָדער אינסטיטושאַנס וואָס ווערען אויסגעהאַלטען פון רוסישע אידען, האָבען פון די גאַליציאַנער אידען דאָס גענאַר, דאָס הייסט, זיי זיינען פאַר די גאַליציאַנער אידען ניט יוצא, זיי לאַכען אָב און שפּעטען אָב פון די גאַליציאַנער אידען. אַזעלכע קלאַגען הערט מען זעהר אָפט פון אונזערע עסטרייכער שוועסטער און ברידער, ווייל זיי דענקען, אַז דער „ויתרוצצו“ הערשט נאָר צווישען רוסישע אידען און גאַליציאַנער, און אַז צווישען רוסישע אידען, פּוילישע אידען און ליטוואַקעס הערשט שלום ושלוה, אחוה ורעות.

אָבער עס איז אַ גרויסער טעות. דער „ויתרוצצו“ צווישען דעם רוסישען אידען און דעם פּוילישען, אָדער דעם ליטוואַק, איז ריכטיג דער זעלבער ווי דער „ויתרוצצו“ צווישען די ליטוואַקעס און די גאַליציאַנער.

אום דאס צו אילוסטרירען מיט א פאקט, וועל איך אייך זאגען א שטיקעל תורה, וואס איך האב געהערט אין רוסלאנד נאך ווען איך בין געווען א חדר־אינגעל. אבער איהר מוזט גוט געדענקען, אז ווען איך זאג אין רוסלאנד, מיין איך ניט אין דער ליטא, טראץ דעם וואס מיר און די ליטוואקעס האבען געהאט איין קיסר.

גראדע האט דאס שטיקעל תורה צו טהאן דירעקט מיט דעם „ויתרוצצו".

ויתרוצצו הבנים בקרבה, און די קינדער האבען זיך געשטויסען אין איהר בויך און רבקה האט שרעקליכע שמערצען דערפון געליטען, ותלך לדרוש את ד', און זי איז געגאנגען גאט בעטען, ער זאל ביי איהר אוועקנעהמען די שמערצען, ויאמר לה ד' שני גוים בבטנך, האט איהר גאט געזאגט, צוויי גוים זיינען ביי דיר אין בויך. איז דאך די פראגע: וואס איז דאס פאר א תירוץ? וואס מאכט עס איהר לייכטער, ווען זי ווייסט שוין, אז צוויי גוים זיינען אין איהר בויך? זי האט דאך איבערהויפט גאר געבעטען וועגען די שמער־צען, היינט וואס איז דער אונטערשיעד פון וואס די שמערצען קומען, אבי זיי זיינען דא?

נאר דער תירוץ איז, ווי די חכמים האבען ערקלעהרט, אז ווען רבקה פלעגט פארבייגעהן א שוהל, אדער א בית המדרש, פלעגט זיך יעקב שטופען ארויסגעהן, און ווען זי פלעגט פארבייגעהן א קלויס־טער, פלעגט זיך עשו שטופען ארויסגעהן. און רבקה האט שרעק־ליכע יסורים געהאט, טאמער חלילה איז דאס טאקע איין קינד, נאר א ליטוואק, וואס אט געהט ער אין בית המדרש און זעצט זיך לערנען, און אט כאפט ער און שמד'ט זיך אב אויף א וויילע. דעם געדאנק האט אונזער מוטער רבקה ניט געקענט איבערטראגען, און זי איז געלאפען צום רבונו של עולם מיט א געוואלד: אם כן למה זה אנכי? איידער צו האבען א ליטוואק, וואס דארף איך גאר לעבען אויף דער וועלט?

דער רבונו של עולם האט פערשטאנען איהר גרויסען צער. ער האט זי גלייך גענומען טרייסטען און האט איהר געזאגט: שני גוים בבטנך, זארג זיך ניט, רבקה, ווייז ניט, ס'איז ניט קיין ליט־וואק — ביי דיר אין בויך געפינען זיך צוויי גוים... און די פרומע מוטער רבקה האט דאן אויסגעשריען בשמחה רבה:

— איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, בעסער צוויי גוים איידער איין ליטוואַק.

פון דיזער שטיקעל תורה קענט איהר פערשטעהן, אַז ביי די רוסישע אידען גופא הערשט פונקט דער זעלבער ויתרוצצו ווי צווי־שען די רוסישע און גאַליציאַנער. און אויף ווי ווייט איך וויס, איז אויך דאַ אַ גאַנץ גרויסער ויתרוצצו צווישען די עסטרייכער און די אונגאַרישע אידען.

אבער אנשטאט צו דרש'ענען דעם ויתרוצצו לגנאי און שרייען: אם כן למה זה אנכי? קען מען איהם דרש'ענען לשבח.

עס זאָל ניט זיין דער „ויתרוצצו", וואָלט אויך ניט געווען דער ותלך לדרוש את ד'.

ביי די דייטשע אידען קען קיין „ויתרוצצו" ניט זיין. איך האָב אַמאָל בייגעוואוינט אַ בילד, וועלכעס איך קען ניט פערגעסען. איך בין געזעסען ביי אַ דייטשען אידען אין וואַרט־צימער און האָב געוואַרט צו האָבען מיט איהם אַ געוויסע קאָנפערענץ, וועגען וועל־כער מיר האָבען פריהער אָבגעמאַכט שריפטליך.

דאָן איז געווען דינער־טיים און ער איז געזעסען מיט זיין פאַמיליע און האָט געגעסען דינער. וועהרענד איך האָב געוואַרט אין וויטינג־רום, האָב איך געהערט, ווי די דרויסען בעל האָט גע־קלונגען און אַ דיענסט איז געלאָפען עפענען די טהיר. אין אַ מינוט אַרום איז אריינגעקומען אין וואַרט־צימער דער מאַן, וואָס האָט נאָר וואָס די בעל געדונגען. דאָס איז געווען דעם דייטשען אידענ'ס אַן אייגענער ברודער. די דיענסט האָט עס גוט געוואוסט, זי האָט איהם געקענט, פונדעסטוועגען האָט זי איהם געמעלדעט, אַז דער הערר עסט דינער, ער וועט אָבעסען, וועט ער איהם זעהן.

יעצט פרעג איך אייך, צו וואָלט אַזא זאַך געקענט פּאַסירען ביי אונזעריגע אידען? ביי אונזעריגע וואָלט דער ברודער גלייך אריינגעלאָפען אין דייניגג רום און עס וואָלט זיך באַלד אנגעפאַנגען אַ סדרה: ווי געהט עס? וואָס מאַכסטו? וואָס טהוט רבקה? וואָס הערט זיך מיט דער בייבי? וויינט זי נאָך אַלץ גאַנצע נעכט?

ביזטו אפשר הונגעריג? איך האב א גוט ביסעל שנאפס, טהו זיך אוים און זעץ זיך צום טיש!

ווער ווייסט עס ביי אונז פון עטיקעטע אין ברודערשאפט?

נאטירליך, ווען ברידער זיינען אזוי נאהענט, און ווייסען איינער וואס ביים צווייטען קאכט זיך, מוז מען זיך אמאל קריעגען אויך, און עס קומט פון צייט צו צייט פאר א „ויתרוצצו". וועהרענד ביי א ברודערשאפט, וואו עס ווערט געמעלדעט, אז דער הערר עסט דינער, און מען דארף ווארטען ביז ער וועט אבעסען און אריינקומען, ריכ־טיג ווי צו א ווילד־פרעמדען, ביי אזעלכע ברידער קען קיין ויתרוצצו ניט פארקומען.

די פערשיעדענע ויתרוצצו שטרייטס, וואס קומען פאר צווישען רוסישע אידען און ליטווישע, צווישען ליטווישע און גאליציאנער, צווישען גאליציאנער און אונגארישע, קומט דוקא פון אונזער אחדות, פון אונזער ריכטיגע ברודערשאפט, ווייל מיר זיינען אינ־טערעסירט איינער אין צווייטען, מיר זיינען אימער צוזאמען, קיינער דארף ניט ווארטען אין וויטינג־רום ביז דער הערר וועט אבעסען, און ביי פאמיליען, וואס זיינען אימער צוזאמען און ווייסען וואס ביים אנדערען טהוט זיך, מוז פארקומען א ויתרוצצו פון צייט צו צייט; עס איז גאנץ נאטירליך.

ויעקב איש תם יושב אוהלים. דער של"ה הקדוש פרעגט זעהר א ריכטיגע קשיא: יעקב אבינו האט דאך געהאט אין זיך אלע גוטע מעלות, פאר וואס האט עפעס די תורה בלויז אויסגעקליבען די איין מעלה פון ויעקב איש תם? נאר דער תירוץ איז, אז די תורה גיט אונז אנצוהערען, אז אלעס וואס מען דארף זוכען אין איינעם איז, ער זאל זיין אן עהרליכער מענש. קיין אונטערשיעד, אויב ער איז רייך אדער ארים, א רב אדער א פליינער ארבייטער, קוים נאר איז ער אן עהרליכער מענש, יושב אוהלים, מעג ער זיין א פארזיצענדער, א פארשטעהער אין יעדען אינסטיטושאן, און מען דארף ניט זוכען אויף איהם קיין פסול, טאמער קען ער ניט אזוי לערנען ווי אן אנדערער, אדער ער איז ניט אזא מיוחס ווי אן אנדערער.

ורבקה אמרה אל יעקב בנה, און רבקה האָט געזאָגט צו איהר זוהן יעקב, הנה שמעתי את אביך מדבר אל עשו אחיך לאמר, איך האָב געהערט ווי דיין פאָטער האָט געזאָגט צו דיין ברודער עשו'ן, הביאה לי ציד ועשה לי מטעמים, געה כאַפּ עפּעס אין פעלד און ברענג מיר גוטע זאַכען, בעבור תברכך נפשי, כדי איך זאָל דיך קענען בענשען.

יעצט לאָמיר נאָר אַקאָרשט פערשטעהן, פאַר וואָס האָט עפּעס יצחק געוואָלט גוטע זאַכען איידער ער האָט געבענשט עשו'ן? פאַר וואָס האָט ער איהם אַזוי ניט געבענשט?

דער אהל יעקב זאָגט דערויף זעהר אַ שעהנעם משל. ווען איינער דאַרף טהאָן אַ זאַך, וואָס ער וויל ניט טהאָן, נאָר ער מוז, מאַכט ער פריהער אַ גוטען שנאַפּס און נעהמט זיך אָן מיט האַרץ, ער זאָל עס אָבטהאָן און פערטיג. ריכטיג דאָס זעלבע איז געווען מיט יצחק'ען. ער האָט געמוזט בענשען עשו'ען, ווייל ער איז דער עלטסטער זוהן, אָבער דאָס האַרץ האָט איהם ניט פערטראָגען צו נעהמען אַזעלכע טהייערע ברכות און אוועקגעבען אַ כאַמולע, און ער האָט דאַריבער פריהער געוואָלט מאַכען אַ שנאַפּס און פער־בייסען, אום זיך מאַכען מוטה און אָבטהאָן שנעלער דעם ניט אַנ־גענעהמען דזשאָב.

ויחרד יצחק חרדה גדולה — דער מדרש תנחומא מאַכט דערויף פאָלגענדע בעמערקונג: זה שאמר הכתוב, דאָס זאָגט דער פּסוק, אוזן שומעת ועין רואה, ד׳ עשה גם שניהם, דער אויער הערט און דאָס אויג זעהט און גאָט האָט געמאַכטביידע זאַכען.

איז דאָך די קשיא: האָט דען גאָט געמאַכט נאָר דעם אויער און דאָס אויג? ער האָט דאָך געמאַכט אַלע מענשליכע גליעדער, פאַר וואָס רעכענט ער עפּעס נאָר דעם אויער מיט'ן אויג?

אָבער מיר געפינען, זאָגט דער מדרש, אַז עס זיינען דאָ דריי זאַכען, וואָס זיינען פאַלשטענדיג ביים מענשען אין רשות און דריי זאַכען, איבער וועלכע ער האָט ניט קיין רשות. די דריי זאַכען, וואָס געפינען זיך אין זיין רשות, זיינען די הענט, די פיס און דאָס מויל.

ווען דער מענש וויל, געברויכט ער זיינע הענט צו געבען צדקה, צו בויען א סוכה, אדער צו טהאן אנדערע גוטע זאכען, און ווען ער וויל, געברויכט ער זיי צו גנב'ענען און גזל'ענען און צו טהאן אנדערע שלעכטע זאכען.

דאס זעלבע איז מיט'ן מויל. וויל דער מענש, רעדט ער מיט'ן מויל פיינע דברי מוסר און קען מאכען מענשען גליקליך מיט דברי שלום, און ווען ער וויל, רעדט ער מיט'ן מויל לשון הרע און רכילות און קען מענשען ברענגען אויפ'ן פייער.

אזוי איז אויך מיט די פיס. וויל דער מענש, געברויכט ער זיי צו געהן בעזוכען קראנקע, צו געהן אין א מקום קדוש, און ווען ער וויל, געהט ער מיט די זעלבע פיס וואו מען דארף ניט און רואינירט ניט נאר זיך, נאר אויך אלע, וואס זיינען אין איהם אבהענגיג.

דאס זיינען די דריי זאכען, וואס זיינען ביים מענשען אין רשות.

די דריי זאכען, וואס זיינען ניט ביים מענשען אין רשות, זיינען די אויגען, די אויערען און די נאז.

דער מענש געהט אין סטריט און זעהט א שלעכטע זאך, וואס ער וואלט ניט וועלען זעהן, אבער וואס קען ער זיך העלפען, אז ער האט אויגען וואס זעהען?

אזוי איז אויך מיט די אויערען. דער מענש מוז אמאל הערען רכילות און לשון הרע און קען זיך ניט העלפען. ער האט אויערען וואס הערען.

דאס זעלבע איז מיט דער נאז. דער מענש שמעקט אפט זאכען וואס ער דארף ניט, און קען זיך ניט העלפען.

נאטירליך, קען מען פון מענשען ניט פאדערען צופיעל אין זאכען, איבער וועלכע ער האט ניט צו שאפען, אבער דארט וואו ער האט די דעה, דארט וואו ער איז בעל הבית, אין זיין ממשלה איבער די הענט, מויל און פיס, דארט ווערט געפאדערט דעם מענ־שענס פאלשטענדיגע פעראנטווארטליכקייט. און יעדער איינער דארף זיין זעהר פארזיכטיג וואס צו טהאן, וואס צו רעדען און וואוהין צו געהן...

ויצא

ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה.

אין דיזער פרשה ווערט דערצעהלט יעקב אבינו'ס ראמאן, ווי אזוי יעקב איז אוועק פון דער היים, זיך אליין אויסצושניידען א וועג אין לעבען, ווי אזוי ער האט זיך פערליעבט, ווי אזוי מען האט איהם אבגענארט, און ווי אזוי ער האט דורכגעמאכט אלעס, ווי עס קומט פאר אין געוועהנליכע ראמאנען פון ליעבע, אייפערזוכט און אינטריגע. און די תורה האט זיך ניט געשעהמט צו דערצעהלען אלעס ריכטיג ווי עס פאסירט.

היינטיגע יאהרען, ווען מען נארט איינעם אב, ווישט ער זיך אב די ליפען און מאכט א שווייג, ער שעהמט זיך עס גאר אויסצו־זאגען, אבער דאס לעבען פון אונזערע אבות איז געבליבען אן אפענער בוך, קיינע געהיימניסע, אלעס איז רעקארדעט געווארען פינקטליך אויפ'ן האר.

די כראנאלאגיע צייגט אונז, אז אברהם אבינו איז געבארען געווארען אין יאהר 2108 נאך דער וועלט בעשאפונג ער האט גע־לעבט הונדערט מיט זיעבען און פיערציג יאהר.

ווי דער מדרש דערצעהלט אונז, איז יעקב געווע[illegible] דער ערשטער מענש אויף דער וועלט, וואס איז געשטארבען פון סיאנקהייט. ביז יעקב'ס צייטען איז קיין מענש ניט געוועזן קראנק. ווען עס פלעגט קומען די צייט ווען א מענש האט געדארפט שטארבען, פלעגט ער זיך אליין לעגען שלאפען געזונד און שטארק און ניט אויפשטעהן.

יעקב אבינו האט אזא סארט טויט ניט געגלייבען. ער איז גע־ווען א מענש, וואס האט אין אלעס געזוכט א תכלית. ער האט

גערענקט וועגען בעווארענען קינדער, וועגען לאזען א צוואה, וועגען תשובה טהאן. ער האט געוואוסט, אז אין מענשענס לעבען קומט פאר פערשיעדענעס, אמאל אזוי מען אין כעס, אמאל איז מען אויפ־גערעגט, אמאל איז מען נאריש, מען קען זיך ניט קאנטראלירען, און מען טהוט שלעכטע זאכען; און עס פאסט ניט, אז דער מענש זאל זיך אוועקלעגען און פלוצלינג טהאן א שטארב און זאל ניט האבען קיין געלעגענהייט גוט צו מאכען אלעס וואס ער האט שלעכט געטהאן.

און דער מדרש דערצעהלט אונז, אז יעקב האט דאריבער ביי גאט געבעטען, ער זאל אזוי מאכען, אז דער מענש זאל ניט שטאר־בען ביז ער איז פריהער קראנק. די קראנקהייט זאל זיין א סיגנאל, אז די קאמעדיע פון לעבען ענדיגט זיך, אז ס'איז געקומען די צייט צו איבערבעטען יעדען מענשען, געגען וועמען מען האט ביים לעבען ניט יוצא געווען, צו לאזען א צוואה, צו בעזארגען די קינדער און צו טהאן תשובה.

אין יעקב אבינו'ס צייטען איז נאך קיין אויטאמאבילס און קיין טראלי קארס ניט געווען, וואס זאלען איבערפאהרען און טויטען מענשען פלוצים, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין; קיין דאק־טוירים זיינען נאך דאן אויך ניט געווען, וואס זאלען טויטען מענ־שען מיט זייערע מעדיצינען; אלע זיינען געשטארבען מיט א נא־טירליכען טויט, און צו זיין קראנק האט יעקב אבינו געמוזט אנ־ווענדען אן עקסטרא איינפלוס ביים רבונו של עולם.

אבער ניט דאס בין איך אויסען.

ווען יעקב אבינו איז אוועק פון דער היים איז ער געווען א בחור פון זיבען און זיעבעציג יאהר. אויפ'ן וועג איז איהם אויס־געקומען צו נעכטיגען ביים בארג מוריה, און אזוי ווי ער האט מורא געהאט פאר חיות, וואס פלעגען דאן אין דער ווילדערניס ארומ־לויפען, האט ער גענומען שטיינער און האט ארומגעלעגט ארום זיך, און איין שטיין האט ער זיך געלעגט צוקאפענס און איז געשלאפען. עס איז אפילו געווען א הארטער געלעגער,אבער ערשטענס, מאכט

עס מעהר אינטערעסאַנט דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דעם ראָמאַן „יעקב ורחל“, צווייטענס, האָט טאַקע דער מדרש רחמנות געהאַט אויף יעקב'ן און זאָגט, אַז די שטיינער, וואָס ער האָט געלעגט צו־קאָפּענס, זיינען געוואָרען ווייך ווי בעט־געוואַנד.

אין שלאָף האָט יעקב געזעהן דעם זיסען טרוים פון והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו, אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד און דער שפּיץ איז ביז'ן הימעל, און מלאכים געהען אַרויף און געהען אַראָב אויף דעם לייטער.

עס האָט קיין שיעור און קיין ערך, וויפיעל פּירושים די וועלט האָט שוין געטרייעט צו מאַכען אויפ'ן לייטער מיט די עולים ויורדים, וואָס יעקב האָט געזעהן אין חלום. עס איז ניטאָ קיין איינציגער מגיד, קיין איינציגער דרשן, וואָס זאָל ניט קלעטערען אויף יעקב אבינו'ס לייטער און אַראָפּבערענגען עפּעס אַ פּשט'על דאַרויף; איך וועל דאַריבער דעם גאַנצען חלום לאָזען צו רוה און בלויז זיך פער־לאָזען אויף דער תורה, אַז ס'איז געווען זעהר אַ גוטער חלום. אַ סימן, אַז ווען יעקב איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, איז ער געווען זעהר פרעהליך און איז לוסטיג אַוועק קיין חרן. און דאָ פאַנגט זיך אָן דער צווייטער קאַפּיטעל פון ראָמאַן „יעקב ורחל“.

אַ שעהנער פריהמאָרגען אין אָריענט.

די פעלדער אַרום חרן זיינען בעדעקט מיט גרינע גראָזען, די לופט איז פריש, ערקוויקענד, אַ מחיה.

פּאַסטוכער ליעגען נעבען אַ ברונען און פּאַשען זייערע שאָף. די שעפּעלעך לויפען אַרום און שטיפען, די פּאַסטוכער פייפען אויף זייערע דודקעס, אַנדערע זינגען, און אַלעס איז פריי, ערהאַבען, אונגעצוואונגען, ווי די נאַטור אַליין.

— גוט מאָרגען, חברה! האָט יעקב גוטמוטהיג בעגריסט די פּאַסטוכער.

— גוט מאָרגען, גוט יאָהר! האָבען איהם אַלע מונטער גע־ענטפערט.

— קענט איהר, חברה, אין חרן א מאן מיט'ן נאמען לבן?

— א שאלה, ווער קען ניט לבן'ען? מיר קענען איהם אלע. אט קומט זיין שעהנע טאכטער רחל מיט איהר פאטער'ס שאף, וואס זי פאשעט.

יעקב'ען האט אנגעפאנגען דאס הארץ צו קלאפען, און אום קיינער זאל עס ניט בעמערקען, האט ער פערפיהרט אן אנדער גע־שפרעך מיט די פאסטוכער:

— פאר וואס גיט איהר ניט די שאף א טרונק? האט ער ביי זיי געפרעגט. פאר שאף איז זעהר גוט צו טרינקען גאנץ פריה ריינע קוואל וואסער.

— אויפ'ן ברונען ליעגט א גרויסער שווערער שטיין, האבען זיי איהם געענטפערט. מירווארטען ביז אלע פאסטוכער קומען זיך צוזאמען, דאן קאטשען מיר אלע אראב דעם שטיין און מיר טרינקען אן די שאף.

ביי דיזע ווערטער איז אנגעקומען רחל מיט איהרע שאף.

און יעקב האט קודם אליין געכאפט און אראבגעקאטשעט דעם שטיין פון דעם ברונען, האט אנגעטרונקען איהרע שאף, דאן האט ער זיך פאר איהר פארגעשטעלט, אז ער איז רבקה'ס זוהן, און אז ער איז איהרער אן אנקעל.

מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז זי געלאפען אהיים אנ־זאגען די בשורה, און באלד איז געקומען איהר פאטער לבן, האט זיך מיט'ן גאסט צוקושט, האט איהם גענומען אהיים און ס'איז געווארען ליהודים.

נאך דעם ווי יעקב איז אבגעוועזען ביי לבן'ען אין הויז א מאנאט, און לבן האט געזעהן, אז יעקב איז אן אויסגעצייכענטער פאסטוך, האט ער ביי איהם געפרעגט, וויפיעל ער וואלט ביי איהם וועלען א יאהר פאר פאשען זיינע שאף.

— גיב מיר דיין טאכטער רחל פאר א ווייב, האט איהם יעקב פראמפט געענטפערט, און איך וועל דיר דערפאר דיענען גאנצע זיעבען יאהר, אהן א פרוטה געלד.

און אזוי ווי לבן האט געהאט אן עלטערע טאכטער, א מיאוס'ע און א בלינדע, לאה, האט מיט איהם יעקב גערעדט פליינע דבורים:

— גערענק זשע, לבן, וואָס איך רעד מיט דיר, איך מיין דיין קלענערע טאָכטער, רחל, ברחל בתך הקטנה, זאָלסט נאָכהער ניט טרייען פערדרעהען די ווערטער וואָס מיר רעדען יעצט.

— געוויס! וואָס איז דאָ צו רעדען? האָט לבן צוגעבאָמקעט מיט'ן קאָפּ, און מען האָט געבראָכען טעלער אין אַ גוטער שעה.

זיעבען יאָהר זיינען פאַראיבער.

זיעבען יאָהר, אין וועלכע יעקב האָט אין נאָמען פון ליעבע גע־אַרבייט טריי און עהרליך. ער האָט קוים דערצויגען די גליקליכע מינוט פון דער חתונה מיט זיין ליעבער רחל.

לבן האָט געפּראַוועט אַ גרויסע, רייכע חתונה. אַלע נאָכבאַרען אַרום זיינען געווען געלאַדען. מען האָט געגעסען, געטרונקען, גע־זונגען, געטאַנצט, גאַנץ חרן האָט זיך משמח געווען. און יעקב — מעהר פון אַלע. אויף מאָרגען, יעקב כאַפּט זיך אויף אין דער פריה, אַ צרה! לבן דער רמאי האָט איהם אָבגעבלאָפט, און אַנשטאָט רחל'ען, האָט ער איהם געגעבען לאה'ן! שריי היינט, שריי מאָרגען, ס'איז פערפאַלען! און יעקב האָט נעבאַך געמוזט אָנפאַנגען נייע זיעבען יאָהר שקלאַפעריי צוליעב זיין ליעבער רחל.

דאָס איז אין קורצען דער ראָמאַן פון יעקב אבינו, וועלכער האָט חתונה געהאַט און אָנגעפאַנגען לעבען ריכטיג ערשט צו פיער און אַכטציג יאָהר, ווען אין אונזערע צייטען איז מען שוין לאַנג אַ קאַנדידאַט אויפ'ן עולם האמת...

וישלח יעקב ויקרא לרחל וללאה. נאָך דעם ווי גאָט אַליין האָט געהייסען יעקב'ען, ער זאָל זיך צוריק אומקעהרען צו זיין פאָטער־לאַנד, האָט ער פונדעסטוועגען געפונען פאַר נויטיג פריהער זיך דאַריבער צו בעראַטהען זיך מיט זיין הויז־געזינד. דער של"ה הקדוש זאָגט, אַז דאָס צייגט, אַז טראָץ דעם וואָס דער מאַן איז אַ בעל הבית ביי זיך אין הויז, פונדעסטוועגען טאָר ער ניט האַנדלען דעספּאָטיש, און ווען עס האַנדעלט זיך אום אַ וויכטיגע ענדערונג צו מאַכען אין הויז־לעבען, דאַרף ער עס אַליין ניט טהאָן און מוז פרעגען אַ עצה ביים וויב. ער דאַרף איהר מיט גוטען ערקלעהרען די אומשטענדען אַזוי לאַנג ביז זי אַליין זאָל אויך בעגרייפען די

וויכטיגקייט דערפון און איינוויליגען. דעספאטיזם איז געגען דער תורה און געגען מענשליכקייט אין אלגעמיין.

אלע גרויסע רעפארמער, וואס זוכען צו מאכען די וועלט ערד־לער, די מענשען פיינער און בעסער, אהן פאליסלייט און אהן דזשיילס, וואלטען פיעל שטאף געהאט אין זייער פראפאגאנדא, ווען זיי זאלען דורכבלעטערען דעם של"ה און וואטשען אלעס וואס ער זוכט און געפינט אין דער תורה.

וישלח

וישלח יעקב מלאכים לפניו.

יעקב האט אפנים גוט געוואוסט, אז זיין ברודער עשו איז ניט קיין גרויסער מכבים אורח. יעקב האט דאריבער מורא געהאט, אז ווען עשו וועט דערהערען, אז עס קומען צו איהם אזוי פיעל געסט, וועט איהם דארט די נשמה ארויספאלען פון עגמת נפש, טאמער וועט ער זיי דארפען אלע האדעווען ביז זיי וועלען זיך אליין קע־נען געפינען בעשעפטיגונג. און ער האט דאריבער שנעל געכאפט א פאר מעסענדזשער באים און האט זיי געזאגט: לויפט שנעל אוועק צו מיין ברודער, רעדט צו איהם מיט גרויס רעספעקט, ווי עס פאסט פאר שלוחים, וואס ווערען געשיקט פון א גרויסע רייכע הויז, און זאגט איהם, אז איך קום צו איהם צופאהרען א פערטיגער עושר, ער זאל זיך ניט שרעקען און ניט דענקען, אז איך בין נאך דער זעלבער ארים בחור וואס איך בין געווען, ווען איך האב מיין היים פערלאזען. זאגט איהם, אז איך בין א איד א גביר, א פאסע־סאר, איך קום מיט א מאסע אקסען, עזלען, שאף, קנעכט און דיענסטען, און ער האט זיך גאר ניט וואס צו שרעקען טאמער וועל איך איהם צו לאסט פאלען.

און דאָס האָט טאַקע זעהר גוט געווירקט אויף עשו׳ען; אַנ־שטאָט צו וואַרטען ביז די אימיגראַנט סאָסייעטי וועט דעם ברודער אַראָבנעהמען און איהם ברענגען צו עשו׳ען איז עשו אַליין איהם אַנטקעגען געלאָפען שנעל, ווי אין פּסוק שטעהט: וירץ עשו לקראתו, ויחבקהו, ויפול על צוארו, וישקהו, נאָך אַ מין קושען, מיט פּינטעלעך!...

וואָס פאַר אַ טהייערע זאַך עס איז צו זיין רייך. אפילו אַז אייגענער ברודער, און אפילו אַז עשו, רעספּעקטירט נאָר אַנדערש, ווען מען האָט די ממתקים.

ניט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ שפּריכוואָרט: די לעצטע פּאָר תחתונים צו פערקויפען און אַ נגיד זאָל מען זיין...

וישלח יעקב מלאכים. די מפרשים מאַכען דעם זעלבען פּשט, נאָר אַ ביסעלע אַנדערש. זיי פרעגען: צו וואָס האָט עס יעקב געדאַרפט שיקען אַנזאָגען עשו׳ען, אַז ער קומט אַ רייכער מאַן? אַלעס וואָס יעקב איז אויסען געוועזען, איז דאָך בלויז איבערצובעטען עשו׳ען, ער זאָל ניט זיין אין כעס פאַר דער ברכה, וואָס ער האָט געקראָגען פון׳ם פאָטער, היינט צו וואָס האָט ער איהם נאָך גע־דאַרפט שיטען זאַלץ אויף די וואונדען, און איהם לאָזען וויסען, אַז די ברכה איז מקוים געוואָרען און אַז ער איז שוין בעלאָדען מיט אַלדאָס גוטס? יעקב האָט דאָך געדאַרפט מורא האָבען, אַז דאָס וועט איהם נאָך מעהר בייז מאַכען.

דערויף זאָגט דער אוהל יעקב אַ פיינע זאַך:

די גרויסע וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, ווערט געפיהרט אונטער צוויי הנהגות. עס זיינען דאָ זאַכען, וואָס ווערען געפיהרט דורך נסים און וואונדער, וועלכע מיר פערשטעהען ניט און קענען עס זאָגאָר ניט בעגרייפען, און עס זיינען ווידער דאָ זאַכען, וואָס ווערען געפיהרט אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען וועג, אַז אפילו אַ גראָבע קאָפּ, אַז עשו קען עס פערשטעהן.

לויט עס פיהרט זיך אַלעס על פי טבע, קען מען ניט בעגליקען מיט אַמאָל, אין איין טאָג, אָדער אין צוויי טעג. עס מוז נעהמען צייט, אַלעס געהט לאַנגזאָם, מען שטייגט פון טאָג צו טאָג ווייטער און ווייטער, ביז מען ווערט אַ עושר. אָבער צו ווערען גליקליך

אין א מינוט, זיך לענען שלאפען א קבצן און אויפשטעהן אן עושר, דאס קען נאר געטהאן ווערען על פי נס. אויף א נאטירליכען, גע־ווערנליכען וועג, איז אזא זאך אונמעגליך.

ווען אן ארימאן לאזט זיך אוועק פון דער היים קיין אמעריקא און פערזאמט זיך א סך יאהרען און קומט אהיים מיט א סך געלד, איז מען זיך משער, אז מסתמא איז איהם די הצלחה געקומען על פי טבע, ער האט געהאנדעלט און האט צו ביסלער בעגליקט, ביז ער איז געווארען אן עושר, אדער ער האט געארבייט און געקראגען גרויסע וויידזשעס און געסייווט א פעני צו א פעני ביז ער איז רייך געווארען.

אבער ווען דער ארימאן זאמט זיך בלויז אפ א קורצע צייט און קומט באלד צוריק צופאהרען א גרויסער עושר, איז מען זיך משער, אז מסתמא האט איהם גאט בעגליקט על פי נס, ער האט וואהר־שיינליך געפונען א גרויסע מציאה.

ווי איז אבער דער פאל, ווען איינער פערזאמט זיך פיעל יאהר אין דער פרעמד און האט ניט קיין פעני מיט עפעס אהיים צו פאהרען, און מיט אמאל טרעפט איהם א נס, ער ווערט בעגליקט מיט עשירות, און ער כאפט א שיפסקארטע און פאהרט אהיים א גרויסער עושר. דער עולם אין דער היים ווייסט ניט, אז דאס גליק איז איהם געקומען על פי נס, און אלע רעכענען, אז מסתמא איז אלעס געגאנגען כדרך הטבע, ער האט זיך ארויסגעארבייט לאנג־זאם, דורך די לאנגע יאהרען, וואס ער איז געוועזן אין דער פרעמד.

אין אזא פאל מוז ער זיי דערצעהלען דעם גאנצען אמת, אז ער האט די גאנצע צייט א פעני ניט פערדיענט, נאר גאט האט איהם געהאלפען על פי נס. ער מוז עס דערצעהלען, ווען ניט, קענען א סך מענשען אראבגעפיהרט ווערען פון וועג און זיך אויך אוועקלאזען אין דער פרעמד, מיינענדיג, אז דארט איז עס א גאנץ נאטירליכע זאך, און אז יעדער איינער קען דארט מיט'ן קוק ווערען אן עושר.

ריכטיג דאס זעלבע האט פאסירט מיט יעקב'ען:

ער האט זיך פערזאמט ביי לבן'ען צוואנציג יאהר און איז ארויס פון דארט מיט גרויס עשירות. ווען עשו איז דערפון געוואהר גע־ווארען, האט זיך אין איהם ערוועקט די אמאליגע שנאה, דער האס

פאַר דער ברכה, וואָס ער האָט אַרויסגענאַרט פון'ם פאָטער, א ברכה וועלכע איז מקוים געוואָרען. א סימן, אַז איז יעקב און ער איז אַן עושר.

אָבער אין אמת, זאָגט דער אוהל יעקב, איז די הצלחה פון יעקב'ען ניט געווען על פי דרך הטבע, נאָר על פי נס, ווי יעקב האָט געזאָגט צו לבן'ען: לולי אלהי אבי בעזרי כי עתה ריקם שלחתני, דאַריבער האָט יעקב געמוזט מודיע זיין עשו'ען, אַז די הצלחה איז ניט געווען בדרך הטבע, דורך די ברכות פון דעם פאָטער, נאָר עס איז געווען על פי נס, א סימן, וויפיעל יאָהר ער איז געווען ביי לבן'ען, האָט ער גאָר ניט געהאַט. אַט דאָס האָט יעקב בעפוילען צו עשו'ען: עם לבן גרתי ואחר עד עתה, איך האָב געוואָהנט מיט לבן'ען און האָב מיך געזאַמט ביז יעצט און עס איז געווען אומזיסט, ויהי לי שור וחמור, און דאָס וואָס איך האָב יעצט אָקסען און עזלען, איז געקומען מיט אַמאָל, עס איז „געוואָרען" על פי נס, דאַריבער איז מעהר ניט ווי רעכט, אַז דו זאָלסט אויף מיר ניט זיין ברוגז פאַר די ברכות, וואָס דער פאָטער האָט מיך געבענשט.

אין דיזער פרשה וועט זיין אַם פּלאַץ צו געבען א בראָגראַפי־שען איבערבליק איבער יעקב'ס אַלע קינדער.

ראובן. — ראובן איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 2193, פיער־צעהן טעג אין כסלו. ער האָט געלעבט 125 יאָהר.

אין דעם חושן פון כהן גדול זיינען געווען 12 שטיינער, אויף יעדען שטיין איז געווען אויפגעשריבען דער נאָמען פון א שבט. דעם שטיין „אודם" האָט געבראַכט דער נשיא פון שבט ראובן. דער פעלד פון שבט ראובן איז געווען א גרינער. אויפ'ן פלעג זיינען געווען אויסגעמאָלט די דודאים, אַן עראינערונג, אַז ער האָט געפונען די דודאים. (סנהדרין צ"ט).

ראובן איז געווען דער ערשטער אויף דער וועלט, וואָס האָט געזינדיגט און תשובה געטהאָן. (מדרש וישב).

ווען ראובן האָט געבראַכט די דודאים צו זיין מוטער, איז ער אַלט געווען פיער יאָהר. ראובן איז געשטאָרבען צום 79טען יאָהר.

ווען די אידען זיינען געווען אין מצרים. דאס איז געווען אין יאהר 2317 לב"ע.

שמעון. — שמעון איז געבארען געווארען אין יאהר 2194, אכט און צוואנציג טעג אין טבת. ער האט געלעבט 120 יאהר. ער איז געשטארבען א יאהר נאך יוסף'ס טויט, ווען די אידען זיינען שוין געווען אין מצרים זיעבעציג יאהר. מען האט איהם געבראכט צו קבורה אין דער שטאדט מאנדע.

דער שטיין „פטדה", וואס דער כהן גדול האט געטראגען אין דעם חושן, האט אויף זיך געהאט דעם אויפשריפט שמעון. דער פלעג פון שבט שמעון איז אויך געווען א גרינער און אויף איהם איז געווען אויסגעמאלט דאס בילד פון דער שטאדט שכם (שלשלת הקבלה).

לוי. — לוי איז געבארען געווארען אין דעם יאהר 2194, פופצעהן טעג אין ניסן. ער האט געלעבט 137 יאהר. ווען ער איז אריין אין מצרים, איז ער אלט געווען 44 יאהר. די גאנצע צייט וואס איינער פון די שבטים האט געלעבט, האבען נאך די מצריים מיט די אידען ניט געארבייט קיין עבודת פרך, ווי באלד לוי איז געשטארבען, האבען די מצריים אבגענומען ביי די אידען אלע וויינגערטנער און פעלדער, וואס יוסף האט זיי געגעבען, און האבען זיי אנגעהויבען דערגעהן די יאהרען.

דער בריליאנט „ברקת", וואס איז געווען אין חושן, האט געהאט דעם אויפשריפט לוי. דער פלעג פון שבט לוי האט געהאט דריי פערשיעדענע קאלירען, ווייס, שווארץ און רויט. אויף איהם זיינען געווען אויסגעמאלט די אורים ותומים.

יהודה. — יהודה איז געבארען געווארען אין יאהר 2195, פופצעהן טעג אין סיון. ער האט געלעבט 119 יאהר. ער איז געשטארבען מיט 18 יאהר פריהער פאר לוי'ן. ער איז געבראכט געווארען צו קבורה אין דער שטאדט בוכא. יהודה'ס דימענט אין חושן האט געהייסען „נופך". דער יהודה פלעג איז געווען פון הימעל־קאליר און דער הערב אויף איהם איז געווען א לייב.

יששכר. — יששכר איז געבארען געווארען אין יאהר 2197, צעהן טעג אין אב. ער האט געלעבט 122 יאהר. ער איז געשטארבען צום איין און אכטציגסטען יאהר פון זייער אריינקומען אין

מצרים. ער איז געבראכט געווארען צו קבורה אין דער שטאדט צידון. דער דימענט „ספיר", וואס איז געווען אין חושן, האט בע־לאנגט צו יששכר'ען. אויפ'ן יששכר פלעג איז געווען אויסגעמאלט די זון מיט דער לבנה. (מדרש תלפיות).

זבולון. — זבולון איז געבארען געווארען זיעבען טעג אין תשרי און האט געלעבט 114 יאהר. ער איז געשטארבען אין יאהר 2310. דער בריליאנט „יהלום", וואס איז געווען אין חושן, האט בעלאנגט צו זבולון'ען. דער זבולון פלעג איז געווען א וויסער און דער הערב אויפ'ן פלעג איז געווען א שיף. (מדרש תלפיות, שלשלת הקבלה).

דן. — דן איז געבארען געווארען אין יאהר 2192, ניין טעג אין אלול. ער האט געלעבט 124 יאהר. דער בריליאנט „לשם" האט געהערט צו דן.

נפתלי. — נפתלי איז געבארען געווארען פינף טעג אין תשרי אין יאהר 2195. ער האט געלעבט 132 יאהר. דער דימענט „שבו", וואס איז געווען אין חושן, האט בעלאנגט צום נשיא פון נפתלי.

גד. — גד איז געבארען געווארען אין יאהר 2196, צעהן טעג אין חשון. ער איז געשטארבען צו 125 יאהר און איז געבראכט געווארען צו קבורה אויף דער זייט ירדן אין דער שטאדט רומי. דער בריליאנט „אחלמה" האט בעלאנגט צום נשיא פון גד.

אשר. —אשר איז געבארען געווארען אין יאהר 2197 און האט געלעבט 123 יאהר. ער איז געבראכט געווארען צו קבורה אין דער שטאדט קדש. דער דימענט „תרשיש" האט געהערט צו אשר'ען. דיזער דימענט איז געווען א סגולה צו אסטהמא, צו מרה שחורה, האט געבראכט דעם מענשען צו חכמה און איז געווען א רפואה צו היציגע קראנקהייט. (מדרש תלפיות).

יוסף. — יוסף איז געבארען געווארען ראש חודש תמוז אין יאהר 2199 לבריאת עולם. ווען ער איז געשטארבען, איז ער אלט געווען 110 יאהר. דער דימענט „שוהם", וואס איז געווען אין חושן, האט בעלאנגט צו יוסף'ען.

אין זוהר שמות שטעהט, אז ווען יוסף איז געשטארבען, זיינען טרוקען געווארען אלע קוואלען און אלע שבטים זיינען געפאלען אין

גלות. זיי האבען דאן אנגעהויבען זאגען: צדקתך כהררי אל, משפטיך תהום רבה, דאס הייסט, ווען גאט גיט גוטעס, קען ער געבען א סך און הויך אזוי ווי די הויכע בערג; פערקעהרט ווידער, אז ער גיט יסורים, גיט ער אויך זעהר פיעל, אז עס גרייכט אזש דעם טיעפען תהום. אזוי ווי עס איז די אידען געווען זעהר גוט, ווען יוסף האט געלעבט, אזוי איז זיי געווארען זעהר שלעכט, ווען יוסף איז געשטארבען.

בנימין. — בנימין איז געבארען געווארען אין יאהר 2208 לב"ע, עלף טעג אין חשון. דער בריליאנט „ישפה" האט געהערט צו בנימין. ער איז אלט געווען 10 יאהר, ווען ער האט חתונה גע־האט. זיין פרוי איז געווען פון ארם. זי האט איהם געבארען פינף זיהן. שפעטער מיט אכט יאהר האט ער גענומען נאך א פרוי פון אברהם'ס אייניקלעך און זי האט איהם אויך געבארען פינף זיהן. די גמרא זאגט, אין שבת פ"ה, אז בנימין איז געשטארבען אהן א שום עברה, נאר ווייל אדם האט געגעסען פון דעם עץ הדעת.

קהת. — קהת איז געבארען געווארען אין יאהר 2235. ער האט געלעבט 133 יאהר און איז געשטארבען אין דעם יאהר, וואס פרעה האט ארויסגעגעבען די גזרה, אז יעדער זוהן, וואס וועט געבארען ווערען ביי אידען, זאל מען איהם אין טייך אריינווארפען. דאס איז געווען דריי און א האלב יאהר איידער משה איז געבארען געווארען.

מנשה ואפרים. — מנשה און אפרים זיינען געבארען געווארען א צווילינג, אין יאהר 2231 לבריאת עולם.

דענקען וואס אמת איז, פיהלען וואס שעהן איז, און וועלען וואס גוט איז, דאס איז דער ציעל פון ריכטיגען לעבען.

פלאטא.

ווען דו גיבסט א נדבה, זאל דיין לינקע האנד ניט וויסען, וואס דיין רעכטע האנד טהוט.

תלמוד.

וישב

די פרשה וישב איז א קליינע פרשה, אבער זעהר אינטערעסאנט.

די פרשה פאנגט זיך אן מיט א מערקווירדיגע ערצעהלונג פון יוסף מיט די ברידער, אן ערצעהלונג, וואס צייגט די שרעקליכע אונגליקען, צו וועלכע רכילות קען ברענגען דעם מענשען. די גאנצע ערצעהלונג איז געגרינדעט אויפ'ן פאקט פון „ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם", און ענדיגט זיך מיט א סארט מוסר השכל, אז אפטמאל פיהרען די אומשטענדען אזוי, אז פון דעם גרעסטען אונ־גליק לאזט זיך אויס א גליק.

אזוי איז געוועז דער פאל מיט יוסף'ען, אז נאך דעם ווי די ברידער האבען געמאכט אלע פלענער איהם צו רואינירען אויף איי־ביג, איז ער אם ענדע געווארען א גדול, און אלע האבען צו איהם געמוזט אנקומען.

אויסער דעם געפינען מיר אין היינטיגער פרשה צוויי אינטע־רעסאנטע העכסט שפאנענדע ראמאנען.

איין ראמאן איז „יהודה און תמר", אדער די פערשלייערטע אלמנה, און דער צווייטער ראמאן איז „זליכה און יוסף", אדער ליעבע, ליידענשאפט און א צוריסענע קאפאטע.

די ערצעהלונג, אזוי גוט ווי די ראמאנען, זיינען מערקווירדיג אינטערעסאנט אלס ריכטיגע לעבענס בילדער.

אין קיין מאדערנער דראמא קען מען ניט געפינען קיין מעהר ריהרענדע סצענע ווי דעם מאמענט, ווען די ברידער דערקענען זיך

מיט יוסף'ען, ווערענד ער איז שני למלך, און ער פרעגט ביי זיי: העוד אבי חי?

און עס איז אבסאלוט ניטאַ אין קיין דראמא אזא ערשטווינענ־דער קלימאַקס ווי דער לעצטער אַקט פונ'ם ראָמאן יהודה ותמר, ווען מען פיהרט זי פערברענען דערפאַר, וואס זי האט פערשוועכט דעם כבוד פון יהודה'ס משפחה, און זי נעהמט ארויס אַ פעקעל פון אונטער איהר אָרם און רופט אויס: הכר נא למי החותמת והפתילים והמטה האלה?...

דאס זעלבע איז מיט זליכה'ס אינטריגע. עס איז וואונדערבאַר אין דראַמאַטישען זינן. מען קען זאגען, אַז די מעהרסטע דראַמאַ־טורגען ביז היינטיגען טאָג בענוצען זיך מיט די שטאַרקע עפעקטען פון דיזע ביבלישע שילדערונגען, אין וועלכע עס שפּיעלען זיך אָב אַלע שלעכטע און גוטע זייטען פון מענשען.

דער מענש האט זיך גאר ניט געענדערט זייט דאן.

מיר האבען נאך ביז היינטיגען טאָג גענוג מענשען, וואס זיינען צו יעדער צייט בערייט צו פערקויפען אן אייגענעם ברודער; מיר האבען נאך ביז היינטיגען טאָג גענוג זליכה'ס, וואס טרייען אראָב־צופיהרען אַנשטענדיגע מענשען פון גלייכען וועג, און ווען יענער לאָזט זיך ניט, שלעפען זיי איהם אין קאָורט מיט בריטש אָף פּראָ־מיס פּראָצעסען און טרייען צו רואינירען זיין רעפּיוטיישאן אויף אייביג; מיר האבען נאך ביז היינטיגען טאָג מענער, וואס זאגען „צדקה ממני", ערשט דאן ווען זי כאַפּט ארויס דעם קלומעק און זאגט: הכר נא...

וישב יעקב בארץ מגורי אביו. מגורי האט אין זיך דריי טייטשען: וואהנונג, פורכט, און עס איז אויך פון לשון גר, אַ פרעמ־דער. דאס איז אַ אנצוהערעניש, אַז איבעראַל וואו יעקב וועט וואהנען אין גלות, וועט ער זיין פעררעכענט פאַר אַ גר, פאַר אַ פרעמדען, און וועט דאַרפען ציטערען און מורא האבען, ווער ווייסט, וואס מאָרגען וועט מיט איהם זיין.

ויאמר יהודה אל אחיו, מה בצע כי נהרוג את אחינו?

אייגענטליך איז דאָך די פּראַגע: וואָס פאַר אַ קשיא פרעגט דאָ יהודה ביי די ברידער — מה בצע כי נהרוג את אחינו? וואָס פאַר געלד וועט אונז אַרויסקומען, אַז מיר וועלען הרג'ענען אונ־זער ברודער? הייסט עס הפנים, אַז ווען עס זאָל דערפון יאָ אַרויס־קומען געלד, וואָלט ניט אויסגעמאַכט, אַז מען זאָל יוסף'ען יאָ הרג'ענען, זאָנסט וואָס פרעגט ער עפּעס מה בצע?

ביי יוסף'ען ווידער, זעהען מיר, אַז ווען די ברידער האָבען זיך מיט איהם דערקענט, האָט ער ביי זיי געפרעגט: העוד א ב י חי, צו לעבט נאָך מ י י ן פאָטער? איז דאָך די קשיא, וואָרום האָט ער ניט געזאָגט א ב י נ ו, אונזער פאָטער, יעקב איז דאָך געווען זייער פאָטער, אַזוי גוט ווי זיינער?

ווידער געפינען מיר, ס'איז אַ בפירוש'ער דין אין שלחן ערוך, אַז איידער מען שטעלט זיך דאַווענען, דאַרף מען אויף זיך נעהמען דעם עול פון ואהבת לרעך כמוך. איז דאָך די פּראַגע: וואָס האָט דאַווענען צו טהאָן מיט ואהבת לרעך כמוך? דוכט זיך, אַז פאַר'ן דאַווענען וואָלט מען גיכער געדאַרפט נעהמען אויף זיך עול מלכות שמים? דעם עול פון ואהבת לרעך כמוך וואָלט מען גיכער גע־דאַרפט נעהמען, ווען מען שטעלט זיך אַוועק אין סטאָר צו ביזנעס?

נאָר דער תירוץ איז, אַז קיין גרעסערע און קיין בעסערע און קיין שעהנערע מצוה האָבען מיר ניט, ווי די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך. נאָר דאַן קענען מיר קומען צום רבונו של עולם מיט אונזערע בקשות און תפילות ווי צו אַ פאָטער און זאָגען אבינו אב הרחמן און ער זאָל אונז אָנערקענען אַלס קינדער, ווען מיר פיהרען אַ ריכטיגע ברודערשאַפט בין אדם לחברו. אָבער אַז מיר זיינען צוויי־שען זיך ניט קיין ברידער, איז אונז גאָט ניט קיין פאָטער. דאַריבער מוז מען פאַר'ן דאַווענען אויף זיך נעהמען דעם עול פון ואהבת לרעך כמוך. דאָס האָט אויך יהודה געזאָגט: מה בצע (בצע ענט־האַלט די ראשי תבות פון בוקר, צהריר ערבית), וואָס קומט אַרויס פון אונזער דאַווענען דריי מאָל אין טאָג, כי נהרוג את אחינו, ווען מיר הרג'ענען אַז אייגענעם ברודער? וואָס פאַר אַ ווערטה האָט דאַן דאָס דאַווענען?

דאַריבער האָט אויך יוסף געזאָגט העוד אבי חי, ניט אבינו. יוסף האָט זיינע ברידער געהאַלטען פאַר ברידער, דערפאַר איז איהם יעקב געווען אַ פאָטער. אָבער זיי — איהם, האָבען דאָך פאַר קיין ברודער ניט געהאַלטען, אַ סימן, זיי האָבען איהם געוואָלט הרג'ענען, דערפאַר איז יעקב זיי קיין פאָטער ניט, אַזוי האָט יוסף געדענקט, דאַריבער האָט ער ביי זיי געפרעגט העוד אבי חי, צו לעבט נאָך מ י י ן טאַטע? איהר האָט קיין רעכט צו רופען איהם טאַטע, ווען איהר קענט וועלען הרג'ענען אַ ברודער.

מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים, און עס איז געווען אויפ'ן סוף פון די צוויי יאָהר, וואָס יוסף איז בעשטראָפט געוואָרען דערפאַר וואָס ער האָט זיך פערלאָזט אויפ'ן שר המשקים.

דאָס איז אַן אָנצוהערעניש, אַז מען טאָר זיך קיין מאָל ניט פערלאָזען אויף אַ גוטען ברודער. ווען ניט די געשיכטע מיט פרעה'ס חלומות, ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך דער שר המשקים וואָלט זיך ניט געווען דערמאָהנען אַן יוסף'ען, און יוסף וואָלט נאָך אַלץ געווען געזעסען אין דזשייל.

אין יענע צייטען, מיט איבער פיער טויזענד יאָהר צוריק, זיינען די מענשען נאָך געווען האַלב, אָדער דריי פיערטעל ווילד; קיין ביכער האָבען זיי ניט געלעזען, קיין צייטונגען האָבען זיי ניט גע־האַט, די לאַנגע פינסטערע נעכט, אָהן בעלייכטונג און אָהן אירגענד וועלכע בעקוועמליכקייטען פלעגען זיי פערברענגען אויף זייערע גע־לעגער און אַזוי ווי זיי האָבען אַזוי פיעל ניט געקענט שלאָפען

פלעגען זיי זיך קאַטשען פון איין זייט אויף דער צווייטער, טראַכטען וועגען פערשיעדענע שלעכטע און גוטע זאַכען, און נאָכהער ווען זיי פלעגען איינשלאָפען, האָבען זיי געזעהן פערשיעדענע חלומות, וועגען וועלכע זיי פלעגען נאָכהער דענקען גאַנצע טעג און ביי נאַכט ווידער זעהן נאָך מעהר חלומות. אין זייער ווילדען צושטאַנד האָבען זיי געגלויבט, אַז דיזע חלומות האָבען געוויסע בעדייטונגען, און אַז יעדער חלום איז אַן אָרדער פון די געטער געוויסע זאַכען צו טהאָן, אָדער אויסצומיידען. יעדער בעל חלום פלעגט דעריבער דערצעהלען זיינע חלומות צו אַנדערע און פרעגען ביי קליגערע פון איהם די בעדייטונג, און אַזוי האָבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אַ געוויסע קלאַסע מענשען, וואָס האָבען עס געמאַכט פאַר אַ שטודיום און פאַר אַ פּרנסה צו פּותר זיין חלומות.

מיר מאָלען זיך אויס, אַז אַן אָרימאַן האָט ניט געקענט האָבען דעם לוקסוס צו געהן מיט זיינע חלומות צו אַ פּראָפעסיאָנעלען פּותר חלומות, ווייל יענע האָבען זיך מסתמא געלאָזט גוט בעצאָהלען, ווי היינטיגע יאָהרען אַ פּראָפעסאָר, דאָריבער האָבען נאָר קעניגע און גאַנץ רייכע לייטע זיך בענוצט מיט די זאָגענאַנטע חרטומים און חכמים יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען געזעהן אַ חלום. דער פּותר חלומות האָט נאַטירליכערווייזע געמוזט זיין אַ קלוגער מענש צו קענען צופּאַסען די אומשטענדען און ווייסען, אַז איין און דער זעלבער חלום דאַרף בעשיידען ווערען צו פערשיעדענע מענשען אויף פערשיעדענע וועגען, און ווי דער שטייגער איז, ווען ער האָט געטראָפען פון הונדערט דריי חלומות, האָבען איהם דיזע דריי שוין געשאַפען אַזאַ נאָמען, אַז מ'האָט איהם מיט דערצייט אַריינגערעכענט אין אָפיציעלער ליסט פון די חרטומי מצרים, און ער איז שוין געווען פערזיכערט מיט אַ גוטע רעגיערונגס געהאַלט זיין גאַנצען לעבען.

אָפט האָט פּאַסירט, אַז אַפילו די אָפיציעלע חרטומים פלעגען אויך דורכפאַלען און אַנפלאָפּלען אויף יעדען חלום פּתרונים, וואָס האָבען זיך געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צום וואַנד. נאַטירליך, ווען

דאס האט פאסירט מיט א געוועהנליכען ציווילנעם קליענט, איז געווען פערפאלען, אבער ווען דער קליענט איז געווען דער קעניג אליין, האבען דאן ניט איין מאל די חרטומים דערפאר מיט זייער לעבען בעצאהלט.

וישלח ויקרא את כל חרטומי מצרים ואת כל חכמיה, און פרעה האט געלאזט רופען אלע חרטומים און חכמים פון מצרים, זיי זאלען איהם זאגען, וואס זיין חלום בעדייטעט, ואין פותר אותו, און קיינער האט איהם ניט פותר געווען.

דער מדרש דערצעהלט אונז, אז די חרטומים האבען יא פותר געווען, נאר זייערע פתרונים האבען זיך ניט געקלעפט. פרעה האט פערשטאנען, אז זיי פלאפלען בלויז אין דער וועלט אריין און אז זיי וויסען ניט פון זייער חיות וואס זיי ריידען.

זיי האבען געזאגט צו פרעה'ן:

— די זיעבען פעטע קיה, וואס דו האסט געזעהן אין חלום, בעדייטען, אז דו וועסט האבען זיעבען טעכטער, און די זיעבען גוטע זאנגען בעדייטען, אז דו וועסט איינגעהמען זיעבען מדינות.

דאס איז פרעה'ן ניט געגאנגען אין קאפ אריין, אויף אזא פתרון איז צו לאנג צו ווארטען. ווען עס איז אבער געקומען יוסף און האט איהם געזאגט, אז די זיעבען פעטע קיה מיט די זיעבען גוטע זאנגען בעדייטען אויף זיעבען זאטע יאהרען, און די זיעבען מאגערע קיה מיט די זיעבען שלעכטע זאנגען מיינען זיעבען הונגער יאהר, און אז די גאנצע געשיכטע וועט זיך באלד אנפאנגען — דאס איז פרעה'ן גלייך געפעלען געווארען, ווייל אלס קעניג האט ער אפט געטראכט, וואס צו טהאן, אום צו פערזארגען זיין לאנד, אז אין פאל פון מאנגעל אין תבואה זאלען זיינע אונטערטהאנען ניט אויסשטארבען פון הונגער.

אשר ימצא אתו מעבדיך ומת, וגם אנחנו נהיה לאדוני לעבדים, ביי וועמען פון דיינע קנעכט מען וועט געפינען דעם בעכער, דער זאל געטויט ווערען, און מיר זאלען בלייבען פאר קנעכט.

ויאמר: גם עתה כדבריכם כן הוא, אשר ימצא יהיה לי עבד ואתם תהיו נקיים. און יוסף'ס מענש האָט געזאָגט: יאָ, אַזוי זאָל עס בלייבען ווי איהר זאָגט: דער, ביי וועמען מען וועט דעם בעכער געפינען, וועט זיין צו מיר אַ קנעכט, און איהר וועט זיין ריין.

די פראַגע איז דאָ: וואָס האָבען די ברידער געזאָגט און וואָס האָט זיי דער שליח פון יוסף'ען געענטפערט? פאַר וואָס האָט ער געזאָגט כדבריכם כן הוא, אַז זיי האָבען געפאָדערט אשר ימצא אתו מעבדיך ומת, און זיי זאָלען אַלע בלייבען קנעכט, און ער האָט געזאָגט גאַנץ אַנדערש, אַז נאָר דער, ביי וועמען מען וועט דעם בעכער געפינען זאָל בלייבען אַ קנעכט און די איבעריגע זאָלען זיין פריי, הייסט וואָס איז עס פאַר אַ כדבריכם כן הוא?

ר' חיים זעליג סלאָנימסקי, עליו השלום, האָט דיזע פסוקים אַזוי פערטייטשט:

ווען יוסף'ס מאַן איז נאָכגעלאָפען די ברידער און האָט זיי געכאַפּט און ערקלעהרט, אַז ער בעשולדיגט זיי אין גנב'ענען דעם זילבערנעם בעכער, האָבען זיי איהם געזאָגט: חלילה לעבדיך מעשות כדבר הזה? קען דען ניט מעגליך זיין, אַז דאָס האָבען דיינע איי־גענע קנעכט, דיינע הויז דיענער, געטהאָן, ניט מיר, פרעמדע מענ־שען: על כן גיבען מיר אַרויס אַזאַ פסק: אשר ימצא אתו מעבדיך ומת, ווען דאָס וועט זיין איינער פון דיינע קנעכט, זאָל ער שטאַר־בען, ווייל דיינער אַ קנעכט, אַ הויז דיענער, אויף וועמען דו פער־טרויסט דיין פערמעגען, ווען ער איז אַ גנב, קומט איהם דער טויט. וגם אנחנו, און אויב מען וועט ביי איינעם פון אונז געפינען די גנבה, נהיה לעבדים. דערויף האָט דער מאַן געענטפערט: כדבריכם כן הוא, אשר ימצא יהיה לי עבד, ואתם תהיו נקיים.

אַלעס פערליערט דער מענש מיט די יאָהרען — יוגענד, שעהנ־הייט, געזונדהייט, נאָר איין זאַך בלייבט איהם — זיין נאַרישקייט.
אַריסטאָ.

ויגש

מיינע ליעבע אידען: — זעצט זיך אוועק, זאל זיין שטיל און רוהיג, און מיר וועלען א ביסעל לערנען די פרשה ויגש.

געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, וואס איך בין ביי אייך א מגיד אהן געלד. איהר צאהלט מיר ניט קיין שכירות און איך מאהן ביי אייך ניט. און אזוי ווי אידען זיינען בטבע א פאלק, וואס האבען שטארק הנאה, אז זייערע רבנים און מגידים נעהמען קיין געלד ניט, האב איך, אז איהר זייט שטארק צופריעדען מיט מיינע דרשות, נאר דערפאר אליין, וואס מען שטעלט נאכהער קיין טעלער ניט, און דערפאר וואס דער גבאי הייסט אייך פאר מיר גאר ניט שנדר׳ן.

א פריסטאוו איז א גוטער ביי אידען, אז ער נעהמט געלד, און א מגיד איז גוטער, אז ער נעהמט ניט.

איך האב אמאל געהערט א גוט-ווארט פונ׳ם מאסקווער רב, עליו השלום. ער האט אמאל געהאט א ויכוח מיט אן אללרייטניק. דער אללרייטניק האט איהם אויסגעווארפען, אז דאס וואס ער דאווענט און לערענט יומם ולילה, טהוט עס נאר צוליעב געלד, ווייל ער מאכט דערפון א לעבען.

— זאל זיין ווי איהר זאגט, האט איהם דער מאסקווער ר׳ב געענטפערט, איך דאווען און לערען צוליעב געלד. עס איז אמת. און דאס איז טאקע דער אונטערשיעד צווישען אן עהרליכען אידען און אייך. אז עהרליכער איך דאווענט און לערענט צוליעב געלד, און איהר גנב׳עט, גזל׳ט און געמבעלט צוליעב געלד.

איך האָב אייך דיזע קליינע מעשה'לע דערצעהלט בלויז אלס אַ קורצע אילוסטראַציע צו צייגען, אַז אַן אַלררייטניק גלייכט נים, אַז אַ רב זאָל דאַוונען, לערנען, אָדער זאָגען פאַר געלד.

ווען עס האַנדעלט זיך אום געלד, זיינען דאַ בעסערע פּרנסות ווי מגידות און אפילו ווי רבנות, אָבער נים דאָס בין איך אויסען. איך רעד דאָך במילא אַהן געלד, און איהר האָט מיך נים וואָס חושד צו זיין, אַז אַלעס וואָס איך טהו איז צוליעב פּרנסה.

על כן, זאָל זיין שטיל, רבותי, און מיר וועלען אַ ביסעל לערנען די פּרשה ויגש.

ויגש אליו יהודה, און יהודה איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו יוסף'ן, ויאמר, און האָט געזאָגט: בי אדוני, איך בעט דיך איבער, מיין הערר, ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני, איך האָב דיר עפּעס צו זאָגען אַ סוד אין אויער, אָבער אל יחר אפּך בעבדך, איך בעט דיך אין פאַראוים, עס זאָל דיך נים פערדריסען, כי כמוך כפרעה, דו ביזט אַזוי ווי פּרעה. אדוני שאל את עבדיו, א. ז. וו.

דאַ, מיינע ליעבע אידען, וועלען מיר מאַכען, ווי מען רופט עס אין רוסלאַנד, אַ „טאַטשקאַ“, און וועלען זיך אָבשטעלען אַ ביסעל צו פערשטעהן וואָס מיר האָבען דאַ פריהער געלערענט.

וואָס האָט דאַ יהודה אַזעלכעס געזאָגט צו יוסף'ען, וואָס ער האָט ביי איהם געדאַרפט בעטען, עס זאָל איהם נים פערדריסען? און וואָס איז דאַ געווען דער סוד, וואָס ער האָט יוסף'ען געדאַרפט זאָגען אין אויער אַריין? צו וואָס האָט עס יהודה אין אַלגעמיין געדאַרפט צוקומען מיט אַזאַ לאַנגער הקדמה? אַלעס וואָס יהודה האָט יוסף'ען געזאָגט, איז געווען די ערקלעהרונג, אַז ער איז אַזוי ווי פּרעה אליין, און דאָס איז דאָך געווען אַ כבוד, און ווייטער האָט ער איהם דערצעהלט די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט ביי זיי גע־פרעגט, אויב זיי האָבען אַ פאָטער, אָדער נאָך אַ ברודער. דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס יהודה האָט זיך נים געדאַרפט בויגען און זאָגען בי אדוני און אל יחר אפּך; און וואו זיינען דאַ די סודות, וואָס ער האָט איהם געדאַרפט זאָגען אויפ'ן אויער?

דערויף דערצעהלט אונז דער מדרש תנחומא, אַז יוסף האָט

ניט נאָר געקענט לערנען, נאָר ער האָט אויך מקיים געווען די גאַנצע תורה, נאָך איידער זי איז געגעבען געוואָרען למשה מסיני.

דאָס זעלבע האָבען אַלע קינדער פון יעקב׳ען געוואוסט אַלע דינים פון דער תורה. ווען עס איז פאָרגעקומען די דעבאַטע וועגען גע׳גנב׳עטען בעכער, האָט יוסף גאַנץ גוט געוואוסט, אַז על פּי דין תורה קומט ניט דעם גנב קיין מיתה. אם המצא תמצא בידו הגנבה שנים ישלם, שטעהט אין משפּטים. ווען מען כאַפּט דעם גנב מיט דער גנבה, איז אַלעס וואָס מען קען פון איהם פאָדערען, איז צוויי מאָל אַזוי פיעל וויפיעל די גנבה בעטרעפט, און דאָס האָבען די ברידער פון יוסף׳ען זעהר לייכט געקענט בעצאָהלען, און זיי האָבען זיך גאָר ניט געדאַרפט שרעקען, אפילו ווען מען וואָלט ביי זיי דעם בעכער געפונען. אַלעס וואָס עס האָט געקענט זיין, איז, עס זאָל קאָסטען געלד. אַ פּאָר דאָלער מעהר, אָדער אַ פּאָר דאָלער וועניגער, און געלד האָט ביי יעקב׳ס קינדער אַ קליינע ראָלע געשפּיעלט, זיי זיינען געווען זעהר רייך, און יוסף, וועלכער האָט דאָס אַלעס גע־וואוסט, האָט דעריבער געמאַכט די הויפּט טענה, אַז דער בעכער איז אַזעלכער, וואָס קיינער פערמאָגט גאָר ניט אפילו איין מאָל דעם פּרייז פון איהם צו בעצאָהלען, ווייל עס איז אַזאַ בעכער, וואָס מען טהוט מיט איהם כ ש ו ף. ווער עס האָט דעם בעכער, ווייסט אַלעס דורך זיין צויבער, און אפילו אַ גאַנצע מלוכה איז ניט אין שטאַנד דעם בעכער צו בעצאָהלען מיט געלד.

ווען יהודה האָט דערהערט דיזע טענה, איז ער צוגעקומען נאָהענט צו יוסף׳ען און האָט איהם געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיין הערר, דו זאָלסט אויף מיר ניט זיין אין כעס, איך וועל דיר איינרוימען אַ סוד אין אויער, כי כמוך כפרעה, אַז דו ביזט אַזאַ בלאָפער ווי פרעה, ניט פרעה קען כשוף און ניט דו קענסט כשוף, איהר ווייסט ביידע ניט פון אייער חיות, סיי מיט דעם בעכער און סיי אָהן דעם בעכער. אַ סימן, אַז דו ווייסט גאָר ניט, איז: אדוני שאל את עבדיו לאמר, היש לכם אב או אח. ווען דו האָסט געוואָלט ויסען, אויב מיר האָבען אַ פאָטער, אָדער אַ ברודער, האָסטו דאָך געמוזט פרעגען ביי אונז — ניט ביים בעכער...

ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי מכרתם אותי הנה, און יעצט, ברידער, זאָלט איהר זיך מעהר ניט זאָרגען, וואָס איהר האָט מיך אַהער פערקויפט, כי למחיה שלחני אלהים לפניכם, ווייל דאָס האָט גאָט אַזוי געפיהרט, אום איך זאָל אייך יעצט אַלע ביים לעבען דערהאַלטען.

דער אוהל יעקב גיט דעם פסוק צו פערשטעהן מיט אַ פיינעם משל:

אַ גרויסער שר האָט אַמאָל געהאַט אַ טהייערען ברילִיאַנט, וואָס איז געוועזען בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט. מיט אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ קריץ אין טאַמע צענטער פון שטיין און דאָס האָט גע־ספאָילט דעם גאַנצען ברילִיאַנט.

דער שר האָט צוזאַמענגערופען אַלע בעריהמטע דיאַמאַנטען־שלייפערס און האָט זיך מיט זיי אַן עצה געהאַלטען, וואָס מען קען טהאָן אומצוקעהרען צום שטיין זיין פריהעריגע שעהנקייט, און ביי אַלעמען איז געבליבען איינשטימיג בעשלאָסען, אַז מען קען צום שטיין גאָר ניט טהאָן, ווי מען זאָל איהם ניט פיקסען, וועט אַלץ דער קריץ בלייבען. ויהי היום איז אַמאָל געקומען אין דער זעלבער שטאָדט, וואו דער שר האָט געוואָהנט, אַ גרויסער קינסט־לער אין דיימאַנד שלייפעריי, און דער שר האָט איהם געלאָזט רופען צו זיך און האָט ביי איהם אויך געפרעגט אַ ראַטה, וואָס צו טהאָן מיט'ן שטיין.

דער קינסטלער האָט גוט בעטראַכט דעם ברילִיאַנט און דעם קריץ און האָט זיך געווענדעט צום שר:

— איך האָב אַן עצה, האָט ער געזאָגט. דער שטיין איז נאָך יעצט אויך אַ זעלטענער אַנטיק, אָבער ער וועט נאָך פיעל טהייערער ווערען, ווען איך וועל אויף איהם אויסקריצען שעהנע בילדער און פראַכטפאָלע בלומען, און צווישען די בלומען וועל איך אויסקריצען דיין נאָמען. מיין אַרבייט וועל איך אָנפאַנגען גראָדע פון דעם קריץ, פון דאָרט וועלען זיך פערשפּרייטען די בלומען־צווייגלעך, און דער קריץ וועט ווערען אַ מעלה אנשטאָט וואָס ער איז ביז יעצט געוועזען אַ חסרון.

אַט דאָס האָט זיי יוסף געזאָגט, איהר זאָלט זיך ניט זאָרגען און עס זאָל אייך מעהר ניט פערדריסען, וואָס איהר האָט מיך

פערקויפט, ווייל דאס וואס עס איז פריהער געווען א חסרון, איז יעצט געווארען א מעלה.

לא אתם שלחתם אותי הנה, ניט איהר האט מיך אהער גע־שיקט. יעדער איינער קען זעהן און פערשטעהן, אז גאט האט אזוי געפיהרט, אום עס זאל ארויסקומען א טובה.

אין ספר זכרונות לבית ישראל געפינט זיך דער בריעף, אדער בעסער געזאגט, די פראשעניע, וואס יעקב האט געשיקט דורך יהודה'ן צום קעניג פון מצרים. דער בריעף איז זעהר אינטערע־סאנט און איך וועל איהם איבערגעבען ווארט־ביי־ווארט ווי ער איז געדרוקט אין ספר זכרונות לבית ישראל:

„פון דיין קנעכט יעקב, דער זוהן פון יצחק, דער אייניקעל פון אברהם העברי, דער געטליכער מאן.

„צו דעם שטארקען מלכות, דער חכם צפנת פענח, דער קעניג פון מצרים: —

„פריערען. דו זאלסט וויסען, אדוני מלך, אז עס האט זיך געשטארקט אויף אונז דער הונגער. מיין פאמיליע בעשטעהט פון זיעבעציג נפשות, זיהן און אייניקלער, זיי זיינען אלע ארום מיר און איך מוז זיי האדעווען. איך בין שוין אן אלטער מאן, מיינע אויגען זיינען שוין דונקעל פון אלטקייט און פון דעם וואס איך וויין און קלאג שטענדיג אויף מיין זוהן יוסף, וועלכער איז פון מיר פערלארען געווארען. דיזער טרויער וועט מאכען א סוף צו מיינע אלטע יאהרען.

„איך האב פערזאגט מיינע זיהן, אז ווען זיי וועלען אריין קיין מצרים, זאלען זיי ניט אריינקומען צוזאמען. יעדער זאל געהן אין א בעזונדער טויער זוכען, טאמער וועלען זיי איהם געפינען, און זיי האבען אזוי געטהאן. צום סוף האסטו זיי געמאכט פאר מרגלים.

„מיר האבען דאך געהערט, אז דו ביזט א גרויסער חכם, אז דו ביזט געווען דער יעניגער, וואס האט פותר חלום געווען צו פרעה'ן, און אלעס איז געווען ווי דו האסט געזאגט, היינט ווי קומט עס, וואס דו דערקענסט ניט אז מיינע זיהן זיינען עהרליכע לייט?

וואָרום זאָגסטו אויף זיי אַז זיי זיינען מרגלים און זיינען געקומען אויסזעהן דיין לאַנד?

„איך שיק דיר יעצט מיין זוהן בנימין, און איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט גוט אַכטונג געבען, עס זאָל מיט איהם קיין בייזעס ניט געשעהן און זאָלסט איהם מיר אומקעהרען צוריק בשלום.

„דו האָסט געהערט, וואָס גאָט האָט געטהאָן צו אבימלך'ען דערפאַר וואָס ער האָט גענומען שרה'ן, די פרוי פון מיין זיידען אברהם, און דו ווייסט וואהרשיינליך אויך די געשיכטע ווי אברהם האָט אויסגע'הרג'עט אַלע פיער מלכים פון עילם און וואָס מיינע זיהן שמעון און לוי האָבען געטהאָן צו שכם און צו נאָך זיעבען שטעדט פון אמורי, פאַר זייער שוועסטער דינה, הייגט קענסטו זיך שוין פאַרשטעלען, וואָס זיי קענען טהאָן פאַר זייער ברודער בנימין, וואָס מיט איהם טרייסטען זיי זיך אויף זייער ברודער יוסף.

דו ווייסט, דו מלך פון מצרים, אַז אונזער גאָט איז אימער מיט אונז, ער הערט אונזער געבעט און פערלאָזט אונז קיין מאָל ניט. איך שווער ביי גאָט, אַז לויט די קינדער האָבען מיר דערצעהלט, ווי דו האָסט זיך געגען זיי בעגאַנגען, ווען איך וואָלט נאָר תפילה געטהאָן צו גאָט, וואָלסטו פערלאָרען געוואָרען מיט אַלע דיינע מענשען, נאָך איידער בנימין וואָלט צו דיר געקומען, אָבער איך האָב מיר געקלעהרט, דערווייל איז שמעון ביי דיר, פיליייכט וועסטו מיט איהם טהאָן גוטעס, דעריבער האָב איך קיין תפילה ניט גע־טהאָן, אַז עס זאָל אויף דיר קומען שלעכטעס.

„על כן בעט איך דיך, אַז ווען בנימין וועט צו דיר קומען, זאָלסטו זיך היטען פון בעהאַנדלען איהם שלעכט, דערפאַר וועט גאָט היטען דיך און דיין גאַנצע מלוכה“.

די וואָס עסען פיעל און שלאָפען לאַנג זיינען אונפעהיג צו גרויסע זאַכען.

ווילסאָן.

ויחי

דעם אמת זאָגענדיג הויב איך ניט אָן צו פערשטעהן, פאַר וואָס דיזע פּרשה הייסט „ויחי". לויט דעם איינפאַכען פערשטאַנד וואָלט פיעל מעהר געפּאַסט, אַז דיזע פּרשה זאָל הייסען „וימת".

די גאַנצע פּרשה האָט צו טהאָן מיט יעקב'ס טויט. וועגען זיין לעבען ווערט אַ וואָרט ניט דערמאָהנט. די פּרשה פאַנגט זיך גלייך אָן מיט „ויקרבו ימי ישראל למות", יעקב האָט געזעהן, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען, האָט ער צוזאַמענגערופען אַלע זיינע קינדער און האָט מיט זיי געמאַכט די נויטיגע אַראַנזשמענטס וועגען זיין קבורה, האָט אַלע קינדער געבענשט, נאָכהער איז ער געשטאָרבען. דערמיט געהט אַוועק די גאַנצע פּרשה „ויחי", און עס איז ווירקליך אַ וואונדער, פאַר וואָס די פּרשה זאָל בעסער ניט הייסען „וימת" אַנשטאָט „ויחי".

אָבער ווי עס שיינט, איז דער וואָס האָט געגעבען די נעמען צו די פּרשות, געווען אַ גרויסער חכם. ער האָט געוואָלט ציהען אַ סך לעזער צו די פּרשות און ער האָט געוואוסט, אַז מיט „ויחי" וועט ער פיעל מעהר לעזער געווינען ווי מיט „וימת". פאַר'ן טויט ציטערען אַלע. די מעהרסטע מענשען ווילען אפילו ניט אַ טראַכט טהאָן, אַז מען דאַרף שטאַרבען. יעדען איינעם ווייזט זיך אויס, אַז עס איז ערגעץ דאָ אַ חברה שטאַרבערס, און ער בעלאַנגט גאָר ניט צו דער חברה. עס אינטערעסירט איהם גאָר ניט, ער וויל דערפון ניט וויסען. און ווען די פּרשה זאָל געווען הייסען „וימת" אָדער „ויגוע", וואָלט קיינער אפילו ניט אַ קוק געטהאָן אין איהר, און קיינער וואָלט זאָגאַר ניט געוואוסט, וואָס איז דער פּרשה שטעהט, אָבער גאַנץ אַנדערש איז עס, ווען עס ווערט אַדווערטייזט מיט גרויסע אותיות „ ו י ח י ". לעבען וויל יעדער איינער,

עפּעס אַ קליינינקייט ווי טהייער ביים מענשען איז דאָס וואָרט „לעבען״, און דאָס מאַכט שוין, מען זאָל די גאַנצע פּרשה לערנען.

ביז היינטיגען טאָג האָט אַ נאָמען זעהר פיעל צו טהאָן מיט אַ ווערק. דער עולם גלייכט אַ שעהנעם נאָמען — ו י ח י.

ויקרבו ימי ישראל למות.

דער מדרש תנחומא בעמערקט דערויף: זה שאמר הכתוב, דאָס איז וואָס דער פּסוק זאָגט אין דברי הימים א׳ כ״ט, כצל ימינו עלי ארץ, אונזערע טעג זיינען ווי אַ שאָטען אויף דער ערד, ואין מקוה, און עס איז גאָר ניטאָ קיין האָפנונג ניצול צו ווערען פון דעם טויט. הלואי וואָלט עס כאָטש געווען ווי אַ שאָטען פון אַ וואַנד, אָדער ווי אַ שאָטען פון אַ בוים, וואָס געדויערט לאַנג, זאָגט דער מדרש, אָבער ימינו כצל עובר, אונזערע טעג זיינען ווי אַ שאָטען פון אַ פאַרבייפליהענדע פויגעלע, אָט איז דער שאָטען דאָ און אָט פליהט ער אַוועק, גלייך ווי ניט געוועזן, ואין מקוה, קענסט זיין אַ יעקב אבינו, אַ ראָטהשילד, דער גרעסטער, דער רייכסטער מענש איז דער וועלט, איז ניטאָ קיין האָפנונג זיך אויסצודרעהען פון טויט. אַלע מוזען שטאַרבען. יעדער איינער בעלאַנגט צו דער חברה שטאַרבערס.

אַ שאָדע וואָס אונזערע גבירים לערנען ניט דעם מדרש תנחומא. ווען זיי וואָלטען אָט וועניגסטען גוט איינגעשטודירט דעם קורצען פּסוק „כצל ימינו עלי ארץ ואין מקוה״, און וויסען, אַז זיי בע־לאַנגען אויך צו די חברה שטאַרבערס, וואָלטען זיי ניט געווען אַזוי האַרט־לייביג. אָבער וואָס קען מען העלפען? עס איז שוין אַז אַלטע צרה, די וואָס האָבען געלד לערנען ניט, און די וואָס לערנען האָבען קיין געלד ניט.

עס איז די זעלבע געשיכטע ווי מיט טשעקס. אייגענטליך איז דאָך אַ קשיא, פאַר וואָס ביי אַ נגיד נעהמט מען אַ טשעק ריכטיג ווי קעש און ביים קבצן וויל מען נאָר קעש? על פּי יושר וואָלט דאָך דער וואָס האָט געלד געדאַרפט צאָהלען מיט קעש, און דער קבצן, וועלכער האָט קיין קעש ניט, וואָלט געדאַרפט צאָהלען מיט

טשעקס. אי וואס, טאמער וועט דער נגיד אוועקגעבען די גאנצע קעש און וועט פון די קבצנ׳ישע טשעקס אויך ווערען א קבצן, איז מה רעש? ער וועט דאך דאן אויך קענען געבען טשעקס גלייך מיט אלע אנדערע? איז אבער די וועלט משוגע, און מען גלייבט נאר נעהמען טשעקס ביי אזעלכע, וואס האבען קעש אויך.

יעצט וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער פרשה.

יעקב איז קראנק געווארען אין יאהר 2255. ער האט פער־שטאנען, אז זיינע טעג זיינען געצעהלטע, אז ער האלט ביים שטאר־בען, און ער האט גלייך געשיקט נאך יוסף׳ען. די ערשטע זאך, וואס ער האט ביי איהם געבעטען, איז געווען, אז ער זאל איהם מקבר זיין אין לאנד כנען, אין דער מערת המכפלה. נאכהער האט ער פערזאגט אלע קינדער, אז זיי זאלען זיך ניט ארומקריגען, דאן האט ער זיי געבענשט. יעדען איינעם האט ער געגעבען א בעזונדער ברכה, און ווען ער איז פערטיג געווארען מיט די ברכות, האט ער פערזאגט, אז קיין אנדער מענש זאל ניט טראגען זיין מטה אויסער זיינע זיהן. ער האט אויך אנגעזאגט יוסף׳ען, ער זאל פערגעסען און פערצייהען אלעס וואס די ברידער האבען איהם געטהאן, נאכהער האט ער זיך געווענדעט צו יוסף׳ען מיט פאלגענדע לעצטע ווערטער:

— איך האב יעצט אבגעגעבען מיינע קינדער פריהער צו גאט, דערנאך צו דיר אין די הענט, דו זאלסט זיי היטען פון אלע שלעכטס. איך וויים, אז זיי וועלען האבען גרויסע צרות אין דעם לאנד, נאר דיענט גאט און ער וועט אייך פון אלע אייערע צרות ארויסהעלפען. ער וועט אייך שיקען א העלפער פון צווישען אייערע קינדער, ער וועט אייך העלפען און וועט אייך אריינפיהרען אין דעם לאנד כנען.

און וועהרענד די קינדער האבען איהם געענטפערט, אז זיי וועלען טהאן אלעס, ווי ער האט זיי פערזאגט, האט יעקב צוגע־מאכט זיינע אויגען און האט זיין לעצטען אטהעם אויסגעהויכט.

דער מדרש דערצעהלט, אז פרעה האט ארויסגעגעבען א ספע־ציעלען אוקאז, אז וועמען יוסף וועט הייסען מיטגעהן צו דער לויה, מוז געהן, און ווער עס וועט ניט פאלגען, וועט בעשטראפט ווערען מיט טויט. די מטה, אין וועלכער מען האט יעקב׳ען געטראגען, איז געווען פון גאלד, אויסגעזעצט מיט דיאמאנטען, מיט א טהייערען גאלד און זילבער געוועבטען צודעק.

עס איז געווען אַ מערקווירדיגע גרויסע און שעהנע לויה.

יוסף האָט אַנגעטהאָן אויף יעקב'ען אַ טהייערע קרוין. און האנד האָט ער איהם אריינגעשטעלט אַ גאָלדענע רוט. אַלע גבורים פון מצרים זיינען געגאַנגען אין פאַנצערען מיט אַלע געוועהר פון מלחמה. די מקוננים, די בעקלאַגער, זיינען געגאַנגען ווייט פון דער מטה אין פאָראויס, און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען נאָך דער מטה. יוסף מיט זיין הויז־געזינד זיינען געגאַנגען נעבען דער מטה באָרפוס, אַהן שיך, פופציג מאָן זיינען געגאַנגען פאָר דער מטה און האָבען געשאָטען אַלערליי געווירצען אויף דער ערד, און די וואָס האָבען געטראָגען די מטה, זיינען געגאַנגען אויף די בשמים דעם גאַנצען וועג, ביז זיי זיינען געקומען אין דעם לאַנד כנען.

ביים שייער אטד, אויף יענער זייט ירדן, האָבען זיי זיך אָב־געשטעלט און די מצריים האָבען דאָרטען געמאַכט אַ גרויסען הספד. ווען די לייטע פון כנען האָבען עס דערהערט, זיינען אַלע איין־און־דרייסיג מלכים געקומען בעקלאַגען יעקב'ען און האָבען ארויפ־געלעגט זייערע קרוינען אויף דער מטה.

אַ נאַר לאַכט פון אַ קלוגען, אָבער דער קלוגער לאַכט ניט פון דעם נאַר — ער בעדויערט איהם.

ווינקלער.

אַ יונגער מאַן רעדט וועגען דעם וואָס ער טהוט יעצט, אַן אַלטער מאַן — וועגען דעם וואָס ער האָט געטהאָן, אַ נאַר — וועגען דעם וואָס ער וואָלט געוואָלט טהאָן.

חיינע.

אַ ליגען איז ווי אַ שנעע־באַל: וואָס לענגער מען קאַטשעט איהם, אַלץ גרעסער ווערט ער.

בן סירא.

שמות

יעצט, ווען אין דרויסען איז קאלט און נאס, איז זעהר גוט צו זיצען אין א סטים־היטעד אפארטמענט הויז אין פינפטע עוועניו, אדער אין ריווערסייד דרייוו און לערנען א פרשה חומש.

איך האב אמאל געהאט א רבי'ן, עזריאל לעמעשקע האט מען איהם גערופען, ער איז געווען א גרויסער פרומער איד, און נאך א גרעסערער ארימאן. אימער רק פלעגט ער זיך וואונדערען און ניט קענען בעגרייפען, ווי קומט עס, וואס גאט איז אזוי גוט און פערטהיילט יעדען איינעם עולם הבא גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און איז גאר ניט פריטיקלע, אייב יענער האט עס פערדיענט, אדער ניט.

אמאל איז ער געזעסען ווינטער אין טאלנער קלויז נעבען א הייסע ברענענדע הרובע און האט געלערענט אויף א קול און מיט א נגון, וואס האט אבגעקלונגען איבער'ן גאנצען קלויז. אלע מאל האט ער זיך געקראצט מיט דער פלייצע אין דער הייסער הרובע און האט פאסמאקעוועט מיט די ליפען. מען האט געזעהן, אז עס קומט איהם צו א שטיק געזונד, ווייל ביי איהם אין הויז איז געווען קאלט און נאס, אז מען האט געקענט זיעבען מאל אין איין וואך די גריפ בעקומען. און די הרובע פון דער טאלנער קלויז איז איינ־פאר געווען דאס העכסטע און דאס בעסטע וואס ער האט זיך צווישען די לעבענס פערגעניגענס געקענט פארשטעלען. די הייסע הרובע צוזאמען מיט א בלאט גמרא און אלע מאל א פרישען קראץ און א רייב אין הרובע מלרע און מלעיל, און רעכטס און לינקס, ווי ביי די נענועים מיט'ן לולב, איז ביי איהם געווען א פלעזשור, פאר וועלכען א גאנצע קעניגרייך האט ניט געקענט בעצאהלען.

איין מאָל אין אַ שטורעמדיגער נאַכט, ווען די זאַווערוכע האָט שיער ניט איבערגעקעהרט האַרע־קאַרע דאָס גאַנצע שטעדטעל, שטיקער שנעע האָבען געקלאַפּט אין די פענסטער, און דער ווינט האָט געריסען די שויבען און געוועוועט מיט קולות, ווי די מוטער־נאַטור וואָלט האַלטען ביים ענטבונדען ווערען, דאַן איז מיין רבי, עזריאל לעמעשקע, זיצענדיג ביי דער הרובע, צוגעקומען צום העכ־סטען גראַד פון פּלעזשור'ס טערמאָמעטער און האָט אויסגערופען מיט גרויס התלהבות:

— וואָס פאַר אַ גרויסער רחום וחנון דו ביזט, רבונו של עולם! ניט גענוג, וואָס איך זיץ ביי אַזאַ הייסע הרובע און לערען, און בין זיך אַזוי מחיה, גיבסטו מיר נאָך דערפאַר עולם הבא! פאַר וואָס קומט עס מיר?

מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס מיין רבי וואָלט געזאָגט, ווען ער זאָל געוועזען האָבען דאָס גליק צו זיצען און לערנען ווינטער אין אַ פינפטער עוועניו סטים־היטעד אַפּאַרטמענט הויז ביי עלעק־טרי, ניט ביי אַ גראָשענדיגע ליכטעל, ביי וועלכער מען האָט זיך געקענט די אויגען אַרויסנעהמען!

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. איך האָב אייך בלויז דער־צעהלט די געשיכטע, אום אייך אונטערצוגעבען אַ ביסעל חשק צו לערנען כאָטש אַ פּרשה חומש.

איהר זאָלט וויסען, רבותי, אַז היינט איז די פּרשה שמות, די פּרשה, אין וועלכער עס איז דאָ אַ סימן, ווי אַזוי מען קען דער־קענען אַ אידיש קינד.

אידען זיינען אין נאַטור פערוויינטע נשמות, זעלטען, זעהר זעלטען, ווען אַ איד פרעהט זיך. זיין אייביגער קאַמפּף מיט געצען־דיענער און מיט אַלע אַנדערע פינסטערע כחות, וואָס ווילען בע־הערשען און בעהערשען טאַקע מענשען און פעלקער, שטעלען איהם אַוועק אין אַזאַ לאַגע, אַז ער איז אימער אַרומגערינגעלט פון שונאים. די וועלט האָט פיינט אַ קלוגען, און אַנפאַנגענד פון פּרעה מלך מצרים ביז אַלע יעצטיגע פּרעה'ס, זוכט מען אַלץ פערשיעדענע מיט־לען, ווי פון איהם פּטור צו ווערען. אויב עס העלפט ניט דער

עבודת פרך, טרייעט מען דעם כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, און אויב דאס העלפט אויך ניט, טרייעט מען פאגראמען. דער צוועק איז שטענדיג דער זעלבער. די הערשער, די פרעה'ס, ווילען ניט האבען קיין קלוגע, זיי ווילען ניט האבען קיין קעמפפער פאר ליכט, גאטהייט און פרייהייט, און דער איד, זייענדיג א קליינע מינאריטעט, קען זיך ניט העלפען. ער מוז אויסשטעהן אלע צרות און ליידען און האפען. אלעס וואס ער קען טהאן איז, וויינען און שרייען צו גאט, און דאס טהוט ער.

די אידען זיינען דאריבער בעקאנט אלס א פאלק פון וויינען. און ווען פרעה'ס טאכטער איז זיך געגאנגען באדען און האט געפונען דאס קעסטעלע מיט משה'ן אין טייך, זאגט אונז דערביי די תורה באלד: און זי האט אויפגעעפענט דאס קעסטעלע און האט געזעהן, אז דאס קינד וויינט, ותאמר, האט זי געזאגט, מילדי העברים זה. קוים וויינט ער, איז א סימן, אז ס'איז א אידיש קינד, ווייל אלע אידען וויינען.

אין ילקוט, שמות קס"ד, ווערט דערצעהלט, אז פרעה מלך מצרים האט איין מאל געהאט א חלום, אז ער זיצט אויף זיין קעניגליכען שטוהל און נעבען איהם שטעהט אז אלטער מאן און האלט א וואגשאל אין האנד. מיט אמאל האט דער אלטער גענומען און האט צוזאמענגעבונדען אלע גרויסע לייט פון מצרים און האט זיי ארויפגעלעגט אויף איין וואגשאל, דאן האט ער גענומען א קליין זויגענדיג שעפסעלע און האט ארויפגעלעגט אויף דער צווייטער וואגשאל, אבער דאס קליין זויגענדיג שעפסעלע האט אריבערגעוואויגען די אלע גרויסע לייט.

פרעה האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האט געלאזט ברענגען צו זיך אלע חכמים פון מצרים און האט זיי דערצעהלט דעם חלום.

ווען די חכמים האבען דערהערט דעם חלום, זיינען זיי פערציטערט געווארען. און נאך א לאנגען קאנסיליום האבען זיי פותר געווען דעם חלום, אז דאס מיינט, דאס ביי די אידען וועט געבארען ווערען א קינד, וואס וועט אמאל דאס גאנצע לאנד מצרים פערניכטען.

און זייער ראַטה איז דעריבער געווען צום קעניג פון מצרים, אַז אַלע זכרים, וואָס וועלען ביי אידען געבאָרען ווערען, זאָל מען זיי אין טייך אַריינוואַרפען.

משה'ס ביאָגראַפיע איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט, בעזאָנדערס ווערט עס זעהר שעהן לעגענדאַריש געשילדערט אין שמות רבה א׳: ,

ווי פּרעה'ס טאָכטער האָט משה'ן פון טייך אַרויסגעצויגען, האָט זי איהם באַלד איבערגעגעבען זיין מוטער יוכבד צום זויגען. אין צוויי יאָהר אַרום, ווען זי האָט איהם ענטוועהנט, האָט זי איהם אָבגעבראַכט צוריק צו פּרעה'ס טאָכטער, וועלכע האָט איהם געהאַלטען ווי אַן אייגען קינד. זי האָט איהם געליעבט ווי אַ צערטליכע מוטער. ער איז געווען זעהר אַ געראָטען שעהן קינד, און זי האָט משה'לען אַלע מאָל געבראַכט צו איהר פאָטער פּרעה צום טיש ביי יעדען מאָלצייט. עס האָבען געמענגט זיין וויפיעל געסט ביים טיש, משה'לע איז אימער געזעסען אויבען אָן. אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט און פלעגען איהם האַלדזען און קושען און זיך שפּיעלען מיט איהם.

איין מאָל האָט איהם פּרעה גענומען אויף די הענט און האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט, און דער קליינער משה'לע איז זיך מיישב און נעהמט אַראָב די קרוין פון פּרעה'ס קאָפּ און טהוט זי אָן אויף זיין קליין קעפּעלע.

גראָדע זיינען דאָביי געווען אַ סך פון די חכמי מצרים און זיי האָבען געזאָגט פּרעה'ן, אַז דיזער קליינער משה'לע וועט זיין דער מאַן, וואָס וועט רואינירען דאָס לאַנד מצרים, און אַלע האָבען איהם געראָטהען, ער זאָל ניט מאַכען קיין סך טענות און זאָל הייסען, מען זאָל דאָס קינד שוין הרג'ענען.

אָבער יתרו, איינער פון פּרעה'ס מיניסטאָרען, האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל און האָט געזאָגט:

— עס איז ניט קיין יושר, מען זאָל נעהמען אַזאַ שעהן קינד און טויטען, איידער מען האָט אונטערזוכט, אויב ער האָט עס געטהאָן מיט שכל, אָדער בלויז אַלס אַ קאַפּריז פון אַ קינד, וואָס ווייס

ניט, וואס עס טהוט. מיין עצה איז, אַז מען זאָל מאַכען אַ פּראָבע, אויב דאס קינד האט מעהר פערשטאַנד ווי אַ געוועהנליך קינד. מען זאָל אַוועקשטעלען צוויי שילען נעבען משה'לען, איינע זאָל זיין פול מיט בריליאַנטען און די אַנדערע מיט הייסע ברענענדיגע קויהלען. ווען משה'לע וועט כאַפּען די בריליאַנטען, איז אַ סימן, אַז ער האט מעהר פערשטאַנד ווי אַ געוועהנליכער קינד, ווען אָבער ער וועט כאַפּען די הייסע קויהלען, איז אַ סימן, אַז ער איז ווי אַלע אַנדערע געוועהנליכע בייבים, און מען דאַרף איהם ניט בעשטראָפען.

די עצה איז שטאַרק געפעלען געוואָרען דעם קעניג און אַלע מיניסטאָרען, און מען האט געמאַכט די פּראָבע.

משה'לע האט נאַטירליך געוואָלט אויסציהען די הענטעלעך צו די בריליאַנטען, אָבער אַ געטליכע קראַפט האט זיינע הענט געשטופּט צו די ברענענדע קויהלען, און משה'לע האט געכאַפּט די קהוילען, האט זיי געטראָגען גלייך צום מויל און האט זיך שרעקליך צוברענט דעם צונג. דערפון איז ער געוואָרען אַ כבד פּה און האט ניט געקענט גוטריידען.

דערפאַר האט זיך משה נאָכהער ביי גאָט ענטשולדיגט, אַז ער קען ניט געהן צו פּרעה'ן איהם הייסען אַרויסשיקען די אידען פון מצרים, ווייל ער איז אַ כבד פּה.

ווען משה איז עלטער געוואָרען, האט ער אָנגעפאַנגען צו פיהלען די אונגליקליכע לאַגע פון זיינע ברידער. אָבוואָהל ער איז איז פּרעה'ס הויז ערצויגען געוואָרען ווי אַ פּרינץ, און האט געקענט לעבען ווי אַ שררה און זיך באָדען אין פערגעניגען, האט ער זיך אָבער קיין זאַך ניט ערלויבט, וויסענדיג, אַז זיינע ברידער מאַטערען זיך און אַרבייטען עבודת פּרך, און אַז די מצריים הרג'ענען און שלאָגען זיי אָהן רחמנות.

איין מאָל האט משה געזעהן, ווי אַ מצרי האט געשלאָגען אַ אידען און דער איד האט געשריען צו משה'ן, ער זאָל איהם העלפען. משה איז גלייך צוגעלאָפען און האט איהם געפרעגט:

— פאַר וואס שלאָגט דיך דער מצרי?

און דער איד האט נעבאַך געגומען דערצעהלען זיין גרויסען אונגליק:

— נעכטען איז געקומען דער מצרי צו מיר אין הויז, האָט דער איד אנגעפאנגען מיט א ריהרענדער שטימע, אז עס האָט געקענט ריהרען א שטיין, ער איז געקומען צו מיר אין שטוב און האָט מיך געבונדען, דאן האָט ער געפייניגט מיין פרוי פאר מיר אין די אויגען, און איהם דאָס נאך ווענינ, וויל ער מיך נאך יעצט אין גאנצען טויט שלאגען.

משה איז שרעקליך געריהרט געוואָרען פון דער געשיכטע, וואָס דער איד האָט איהם דערצעהלט, און האָט געכאפט דעם מצרי און האָט איהם אין שטיקער צוריסען, דאן האָט ער איהם פערשאַרט אין זאמד.

אויף מאָרגען האָט משה ווידער געזעהן, ווי צוויי אידען קריגען זיך און איינער הויבט געגען צווייטען א האנד.

— רשע, האָט משה אויסגערופען, פאר וואָס שלאָגסטו דיין חבר?

— ס'איז ניט דיין עסק! האָט יענער אויסגעשריען מיט חוצפה. ווער האָט דיך געמאכט פאר א ריכטער, ארומצוגעהן און זוכען חטאים אויף אנדערע? דו מיינסט, אז דו וועסט מיך הרג'ע־נען אזוי ווי דו האָסט גע'הרג'עט דעם מצרי?

ווען משה האָט דיזע ווערטער דערהערט, האָט ער ארויסגעלאָזט א שווערען זיפץ פון הארצען און האָט צו זיך אליין געזאגט: יעצט פערשטעה איך, פאר וואָס גאָט שטראָפט אזוי שטארק די אידען. דאָס איז אלץ איבער די מוסרים און רשעים... אידישע מוסרים... אידישע רשעים... אם ענדע האָט משה איבער דיזער געשיכטע גע־מוזט אנטלויפען פון מצרים, ווייל פרעה האָט איהם געוואָלט הרג'ענען.

אין מדרש רבה ווערט דערצעהלט, אז משה האָט געפאשעט די שאָף פון זיין שווער יתרו אין דער מדבר. איין מאָל איז א שעפ־סעלע פון דער סטאדע פערבלאָנדזשעט געוואָרען. משה איז ארומ־געגאנגען איינינע שטונדען ביז ער האָט דאָס שעפסעלע געפונען, דאן האָט ער עס אויף די הענט גענומען און האָט צוגעטראָגען צו א ברונען, האָט עס גוט אנגעטרונקען מיט פרישע וואַסער און

נאכהער האט ער עס אוועקגעטראגען אויף די הענט צוריק צו דער סטאדע. דאמאלסט איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט געזאגט:

— משה, דו ביזט א גוטער פאסטוך צו דיין סטאדע, דערפאר וועל איך דיך אויך מאכען פאר'ן פאסטוך פון מיין סטאדע. דו וועסט זיין דער פיהרער און דער לעהרער פון מיין פאלק ישראל.

וארא

זעצט זיך אוועק, רבותי, און מיר וועלען לערנען די פרשה וארא.

א טהייערע פרשה, א וואונדערבארע פרשה פאר אידען. דאס ערשטע מאל, וואס מיר הערען, זייט מיר זיינען א פאלק, אז א דעספאטישער פרעה, וועלכער האט געזוכט אלע פערשיעדענע מיטלען צו פערטיליגען דאס אידישע פאלק, איז ענדליך געשטראפט געווארען מיט א סעלעקשאן פון פראכטפאלע פאטענטירטע מכות, ספעציעל געמאכט פאר איהם „טו ארדער", זיי זאלען איהם פיטען, און די אידען זיינען ארויס די זיעגער.

ווען מאכט זיך ביי אידען אזא טהייערע פרשה? זעהר ווייניג אזעלכע יובילעאומס האבען אידען!

מען מוז אויך ניט פערגעסען, אז דאס איז געווען דאס איינציגע מאל אין דער געשיכטע, וואס אנשטאט די הוליגאנעס זאלען ביי זיי אוועקנעהמען זייער גאלד און זילבער און בעטגעוואנד, האבען עס די אידען אוועקגענומען ביי די הוליגאנעס! איז עס ניט א טהייערע פרשה? זאגט, רבותי!

איהר האט וואהרשיינליך געהערט די שאלה וואס די וועלט פרעגט: פאר וואס נעהמט א רעפארם ראבינער גרויסע ווייזשעס

און אז ארטהאדאקסישער רב קליינע? עס איז ווירקליך א פראגע, און א גוטע פראגע דערצו, אבער איך האב דערויף א גוטען תירוץ.

איהר ווייסט דאך, אז ביי אונז אידען טאָר מען ניט מאכען די תורה א קרדום לחפר בה. פאלגליך, טאָר מען פאַר רבנות קיין געלד ניט נעהמען, און די שבירות, וואס א רב קריגט, בעקומט ער אלס שכר בטלה. על כן, דעריבער, א פאטאמו, איבער דעם, אזוי ווי א רעפארם ראבינער געהט ארום פאלשטענדיג בטל און טהוט קיין האנד אין קאלטע וואסער ניט אריין און קוקט אפילו זעלטען אריין אין א ספר, קומט איהם א סך ווייזשעס, אבער אונזערער א רב, וואס מוז טאקע ארבייטען, זיצען און לערנען, און פסק'ענען שאלות, און געהט זעהר זעלטען ארום בטל, קומט איהם גאנץ ווייניג שכר בטלה, און מען גיט איהם דעריבער ווייניג, מען טהוט עס על פי דין.

רעדענדיג וועגען ראבינער און רבנים, האב איך זיך דערמאָהנט א גלייך ווארט, וואס איך האב אמאל ערגעץ געהערט.

פאר וואס, פרעגט זיך, האלטען די רעפארם ראבינער זייערע דרשות זונטאג, באלד ביים אנהויב פון דער וואך, און די ארטהאָ־דאקסישע רבנים לעגען אב זייערע דרשות אויף שבת, דעם לעצטען טאג פון וואך?

דער תירוץ איז, אז ס'איז זעהר ריכטיג און אזוי דארף עס טאקע זיין, ווייל תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם, תלמידי חכמים ווערען מיט יעדען טאג קליגער, און ווייסען מעהר, דעריבער איילען זיי זיך ניט, און לעגען אב פון טאג צו טאג זייער דרוש, אום עס זאל ארויסקומען בעסער; נאטירליך, שבת איז שוין דער לעצטער טאג פון וואך, און מעהר קענען זיי ניט אב־לעגען, האלטען זיי זייער דרוש שבת.

עמי הארצים, ווידער, וואס זיי ווערען עלטער, ווערען זיי אלץ נארישער, זקני עמי הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מטורפת עליהם, דעריבער כאפען די רעפארם ראבינער זונטאג, דעם ערשטען טאג פון וואך, און זאגען אב וואס זיי האבען, און פטור, ווייל זיי ווייסען,

אַז וואָס שפּעטער זיי װעלן װאַרטן, אַלץ ערגער װעט עס װערן...
כפתור ופרח.

אָבער, ענטשולדיגט, איך בין שוין אַ ביסל צו װייט פאַרקראָ־
כען פון מיין טהעמא, ונחזור לענינינו:

דער מדרש דערצעהלט אונז, אַז זיעבען טעג נאָכאַנאַנד האָט אַנגעהאַלטען די קאָנפערענץ, וואָס משה רבנו האָט געהאַט מיט'ן רבונו של עולם וועגען דער שליחות צו פרעה'ן, ער זאָל ארויסלאָזען די אידען פון מצרים.

ווען משה און אהרן זיינען געקומען צו פרעה'ס פּאַלאַץ, זיינען ביי דער טהיר געשטאַנען צוויי לייבען, און קיין מענש האָט ניט געקענט אריינגעהן.

ווען פרעה האָט יעמאַנדען ערלויבט אריינצוקומען, האָט ער בעפאָר ארויסגעשיקט זיינע מכשפים צו האַלטען די לייבען רוהיג, ביז דער מאַן איז אריינגעקומען אין פרעה'ס קאַבינעט.

אָבער משה האָט ניט גערדאַרפט װאַרטען אויף פרעה'ס מכשפים. ער האָט אויפגעהויבען זיין שטעקען אויף די לייבען, זיינען זיי שטיל געװאָרען, דאַן האָט ער זיי אָבגעבונדען פון דעם פּלאַץ, וואו זיי זיינען געשטאַנען צוגעבונדען, און משה מיט אהרן זיינען צו־זאַמען מיט די לייבען אריינגעקומען צו פרעה'ן אין קאַבינעט. די לייבען האָבען זיך געפרעהט מיט משה און אהרן ווי אַ געטרייער הונד פרעהט זיך מיט זיין בעל הבית ווען ער קומט פון פעלד.

ווען פרעה האָט עס דערזעהן, איז ער אַ פערציטערטער גע־װאָרען. ער האָט אויף זיי אַ קוק געטהאַן און זייערע געזיכטער האָבען געשטראַהלט ווי מלאכים. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי הימ־לישע וועזענס, און ווען זיי האָבען גענומען רעדען, זיינען זייערע רייד געווען ווי פלאַם פייער. אַלע אין פרעה'ס הויז האָבען זיך דערשראָקען און האָבען ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר.

— מיר קומען אין נאָמען פון גאָט און אין נאָמען פון פרייהייט! האָט אהרן געזאָגט מיט אַ שטימע, וואָס אַלע הויז מענשען האָבען ניט געקענט דערקענען. אויב דאָס רעדט יעמאַנד דאָ אין הויז,

אדער די ווערטער ווערן אזוי ארונטערגערונערט פון הימעל און ווערן געהערט אין גאַנצען לאַנד מצרים.

פרעה האָט גערופען בלעם׳ען מיט זיינע זיהן און אַלע מכשפים. און אהרן האָט פאַר זיי אין די אויגען גענומען און אַ וואַרף געטהאָן זיין שטעקען, וועלכער איז באַלד פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שלאַנג.

— דאָס איז גאָר ניט, האָט פרעה געזאָגט, מיינע מכשפים קענען דאָס אויך מאַכען. און אויף פרעה׳ס אָרדער זיינען נעגאַנגען די מכשפים און אויך געמאַכט די זעלבע קונץ מיט זייערע שטעקענס, אָבער אהרן׳ס שלאַנג האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געוואָלט אַלע שלענג איינשלינגען.

דערפון וועלען מיר נאָך אַלץ ניט קענען וויסען, האָט בלעם געזאָגט צו אהרן׳ען. עס איז ניט קיין גרויסע קונץ, אַז איין שלאַנג זאָל איינשלינגען דעם אַנדערען. אויב דו מיינסט ווירקליך אונז צו ווייזען אַ וואונדער, מאָה, אַז דיין שלאַנג זאָל צוריק ווערען אַ שטעקען, אונזערע שלענג וועלען מיר אויך מאַכען צוריק פאַר שטעקענס, און נאָכהער ווען דו וועסט קענען צייגען, אַז דיין שטעקען שלינגט איין אונזערע, וועט דאָס הייסען אַ וואונדער.

אהרן האָט עס געטהאָן, זיין שלאַנג איז געוואָרען אַ שטעקען און האָט איינגעשלונגען די מכשפים׳ס שטעקענס, אָבער פרעה האָט זיך אין דער צייט עטוואָס בערוהיגט. ער האָט גענומען דענקען, אַז יעדענפאַלס איז עס אַ זאַך, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט גאָט. פילייכט זיינען משה און אהרן גרעסערע מכשפים ווי זיינע, אָבער זיי זיינען ניט קיין דירעקטע שלוחים פון גאָט, און ער האָט זיי געזאָגט:

— געהט אייך צוריק פון וואַנען איהר זייט געקומען, איך ווייס ניט ווער און וואָס דער אידישער גאָט איז, און איך וועל די אידען ניט אַרויסלאָזען.

ווען משה און אהרן האָבען דיזע שלעכטע בשורה געהערט, זיינען זיי אַוועק פון פרעה׳ן זעהר טרויעריג, און דאַן ערשט האָט זיך פרעה גענומען ריכטיג צו דריקען און שטיקען די אידען. מען האָט זיי געמאַכט אַרבייטען איבער די כחות, פאַר יעדע קליינינקייט

האָט מען זיי גע'הרג'עט, געשלאָגען און'ברחמנות, און די אידען האָבען שטאַרק אָנגעהויבען מתרעם זיין אויף משה'ן. וואָס האָט ער געוואָלט פון זייער לעבען האָבען? ווער האָט איהם געבעטען צו געהן זיין פאַר זיי אַ מליץ יושר און נאָך מאַכען פאַר זיי ערגער, ווי עס איז ביז יעצט געווען? זיי פלעגען קנעטען די ציגעל, בע־ווייגען יעדען ציגעל מיט ביטערע טרעהרען און שילטען משה'ן מיט טויטע קללות.

משה, די גוטע אידישע האַרץ, האָט פערשטאַנען, אַז די אידען האָבען נעבאָך רעכט, זייערע צרות ברענגען, אַז זיי זאָלען אויף איהם זיין אין כעס, און ער האָט גענומען בעטען ביי גאָט מיטלייד פאַר די אונגליקליכע שקלאַפען.

— וואָס האָסטו געוואָלט האָבען פון מיר און פון זיי? האָט משה געבעטען רחמים ביים רבונו של עולם. עס איז דאָך זיי נאָך פיעל ערגער געוואָרען ווי פריהער, און מיר זיינע זיי דם שונאים געוואָרען, און זיי זיינען גערעכט. זיי זיינען געשטאַנען אין צרות און האָבען געאַרבייט, געשקלאַפט, זיי זיינען שוין געווען געוועהנט מיט די צרות, און איך האָב זיך אויף דיינע ווערטער פערלאָזט און האָב זיי פערזיכערט, אַז אָט־אָט ווערען זיי פטור פון זייער שווערע שקלאַפעריי, צום סוף איז נאָך ערגער געוואָרען. זיי דענקען, אַז איך בין גלאָט געקומען זיי שיטען זאַלץ אויף די וואונדען, און איך וועל דעם וועהטאָג און די שאַנדע ניט אריבערטראָגען.

— זיי ניט אַזוי ברוגז, משה, האָט גאָט געזאָגט, פרייהייט קומט ניט אַזוי לייכט ווי דו האָסט געמיינט. און אַ פרייהייט וואָס קומט שנעל און לייכט, איז גאָר ניט ווערטה. איך אַרבייט, איך מאַך גרייט אַ גאַנצען פּלאַן, וואָס צו טהאָן מיט פרעה'ן, איך מוז דאָצו האָבען די מיטווירקונג פון אַלע בייזע קרעפטען, וואָס איך האָב אַליין בעשאַפען, און קענסט זיין זיכער, אַז ער וועט זיך נאָך בעטען ביי די אידען, זיי זאָלען וואָס שנעלער ארויסגעהן פון זיין לאַנד. אָבער עס מוז נעהמען צייט, דו געה דערוויייל און טרייסט די אידען, זאָג זיי, אַז זיי זאָלען האָבען אַ ביסעלע מעהר געדולד. יעצטיגע שמערצען זיינען די גרעסטע, ווייל דאָס זיינען די לעצטע, וואָס מוזען קומען מיט'ן געבורט פון פרייהייט...

און באלד האט זיך אנגעפאנגען די סעריע בעפרייאונגס פלענער וואס גאט אליין האט אויסגעארבייט, ווי צו קעמפפען געגען שקלא־פעריי לדור דורות.

עס האט זיך אנגעפאנגען די סדרה פון מכות, איינע שווערער פון דער אנדערער, און אזוי לאנג ווי פרעה האט נאך געקענט סטענדען, האט זיך איהם זעהר ניט געוואלט אבלאזען די אומזיס־טיגע פאנשטשעניקעס, וואס האבען פאר איהם געשקלאפט אזוי פיעל יאהרען אומזיסט. און ער האט עס נאר דאן געטהאן, ווען ער האט געפיהלט, אז זיין לעצטע שטונדע קומט, אז באלד וועט ער מיט זיין גאנצער לאנד אונטערגעהן...

דאס איז געווען דער ערשטער און וועט אויך בלייבען דער לעצטער וועג, ווי צו קעמפפען פאר פרייהייט...

בא

עס איז זעהר גוט, אז מען בלעטערט דורך פון וואך צו וואך אונזער אלטען חומש און מען כאפט א בליק אויף אלעס, וואס מיר האבען געהאט דורכצומאכען, איידער מיר זיינען א פאלק געווארען.

ויאמר ד׳ אל משה, און גאט האט געזאגט צו משה, בא אל פרעה, קום צו פרעה׳ן. אייגענטליך וואלט דאך געדארפט שטעהן „לך“ אל פרעה, געה צו פרעה׳ן, אבער דאסווארט „בא“, קום, צייגט, אז גאט האט איהם געזאגט, איך וויל מעהר קיינע תירוצים, קיין ענטשולדיגונג; קום, איך געה מיט דיר; מיר געהען ביידע, און דו האסט ניט וואס מורא צו האבען.

מענשען וואס האבען א ביסעל מארך און קוקען אויף יעדע זאך מיט ערנסטע בעאבאכטונג, קענען זעהן, אז יעצט ווידערהאלט זיך

די זעלבע געשיכטע ווי דאָ, ווען די אידען האָבען צום ערשטען מאָל געטרייעט זיך צו בעפרייען פון שקלאַפעריי.

עס זיינען דאָ אַ מאַסע אידען, וואָס געפינען פערשיעדענע טעמים צו איבערצייגען, אַז מיר אידען טאָרען ניט האָבען קיין אידישען קאָנגרעס; אַז מיר דאַרפען ליידען און שווייגען, ווייל ווען מען וויל געהן צו אַ פּרעה, זאָגען זיי, מוז מען זיין אַ דיפּלאָ־מאַט, און מיר פּראָסטע אידען, זיינען ניט קיין דיפּלאָמאַטען, יעדער איינער פון אונז איז אַ כבד פּה, מיר וועלען שטאַמלען, מיר וועלען גאָר ניט וויסען וואָס צו ריידען צו פּרעה'ן און אנשטאַט צו מאַכען בעסער, וועלען מיר נאָך מאַכען ערגער מיט אונזער קאָנגרעס. אַזוי טרייען זיי אונז איינצורעדען.

קומט צוגעהן דער אוהל יעקב און נעהמט דעם אַלטען חומש און דערצעהלט אַ שעהנע מעשה, וואָס פּאַסט צו אונזער קאָנגרעס, אויסגעצייכענט.

ויאמר ד' אל משה, בא אל פּרעה, כי אני הכבדתי את לבו... גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, געה צו פּרעה'ן, ווייל איך האָב איהם שווער געמאַכט דאָס האַרץ און ער וועט ניט וועלען בעפרייען די אידען, למען שתי אותותי אלה בקרבו, אום איך זאָל דערווייל האָ־בען די געלעגענהייט צו צייגען מיינע וואונדער און איהם געבען אַלע מכות, וואָס איך האַלט פאַר איהם אָנגעגרייט... למען תספר באזני בנך, און כדי דו זאָלסט דערצעהלען דיינע קינדער, וואָס איך האָב געטהאָן מיט פּרעה'ן, וידעתם כי אני ד', און איהר זאָלט וויסען אַז איך בין גאָט.

איהר ווייסט דאָך, אַז דער אוהל יעקב האָט ליעב אַלעם ממתיק צו זיין מיט אַ שעהנעם משל, און ער גיט אונז צו פערשטעהן די פּאָר פּסוקים מיט פאָלגענדען משל:

איינער איז אַמאָל שולדיג געווען אַ רעגיערונג'ס שטייער און האָט ניט געוואָלט בעצאָהלען. דער סיטי מעיאָר פון שטאָדט האָט איהם געשיקט בילס און ער האָט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט. מען האָט געשיקט קאָלעקטאָרס, ואין קול ואין עונה. ווען מען האָט

געזעהן, אַז עס איז אַ מעשה אַהן אַן עק, ער וויל ניט בעצאָהלען, האָט דער סיטי מעיאָר דאָן געשיקט עטליכע פּאָליסלייט, מען זאָל ביי איהם נעהמען אַ משכון. זיי זאָלען נעהמען זיין בעטגעוואַנד, די לייכטער, דעם סאַמאָוואַר, וואָס נאָר זיי וועלען אין הויז געפינען.

ווען דער מאַן האָט זיך עס דערוואוסט, איז ער געלאָפען צום מעיאָר און האָט ביי איהם געבעטען רחמים, ער זאָל איהם ניט שטעלען צו שאַנדע, ער וועט איהם שוין געבען וויפיעל ער וויל, אַבי קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, אָבער דער סיטי מעיאָר האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט און האָט געזאָגט:

— איך וועל יעצט ביי דיר דיין געלד ניט נעהמען, ווען דו זאָלסט אַפילו טענה'ן פון היינט ביז מאָרגען, איך מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל צייגען, אַז אַלע זאָלען וויסען, אַז אַ שטייער מוז בעצאָהלט ווערען, און וואָס מעהר דיין שאַנדע וועט זיין, אַלץ מעהר וועט עס ווירקען אויף אַנדערע, און דאָס איז ביי מיר וויכטיגער ווי די פּאָר דאָלער שטייער וואָס דו ביזט שולדיג.

דער נמשל איז, זאָגט דער אוהל יעקב, גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, געה צו פּרעה'ן און זאָג איהם, ער זאָל אַרויסלאָזען די אידען, טאָמער וועסטו מיך וועלען פרעגען, צו וואָס זאָל איך געהן אומזיסט, ווען איך וויים, אַז איך וועל גאָר ניט פועל זיין מיט מיין געהן? דערויף האָט איהם גאָט געזאָגט:

— זאָלסט וויסען, משה, אַז מיט דיין שליחות מיין איך גאָר ניט דעם עיקר צו נעהמען ראָכע פון פּרעה'ן, דאָס איז ביי מיר אַ תפל. די הויפּט זאַך וואָס איך מיין דערמיט, איז אויפצוקלעהרען די אידען, אַז זיי זיינען אַ פאָלק און אַז איך בין אַ גאָט. אויף אַזאַ אופן האָסטו שוין פיעל גע'פועל'ט מיט דיין געהן צו פּרעה'ן. דיין געהן און קומען צו איהם צייגט, אַז הינטער דיר שטעהט אַ פאָלק מיט געוויסע פאָדערונגען, מיט וועלכע מען דאַרף זיך רעכענען. פּרעה מעג טאַקע ניט וועלען ערפילען דיין פערלאַנג, אָבער דאַן ערשט וועט ער קריגען קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע, און די אידען וועלען זיין פּעראינטערעסירט, און וועלען זעהן און וויסען, אַז די שטאַרקע געטליכע קראַפט איז מיט זיי.

ריכטיג דאס זעלבע איז מיט'ן אידישען קאנגרעס. נעוועק מיינד אויב א יעצטיגער פרעה וועט יא אדער ניט ערפילען די פאדערונגען באלד, מכות וועט ער קריגען. און די אידען וועלען דערווייל פיה־לען, אז זיי זיינען א פאלק, אז עפעס, א זיידענער פאדים פון פאלקס איינינקייט וועט צוזאמענבינדען די אידען פון אלע וועלט טהיילען און מען וועט זיך ניט פיהלען אזוי עלענד, אזוי פערלאזען, אזוי ערנידעריגט.

דאס אליין וועט ווערטה זיין פיעל מעהר ווי די ראכע, וואס מיר וועלען זוכען אין אונזערע פרעה'ס.

בא אל פרעה, מיר דארפען נאר האבען א קערפערשאפט, וואס זאל קענען קומען צו פרעה'ן, און ווען פרעה וועט זיין הארטנעקיג, זיינען דא גענוג אלטע און מאדערנע מכות פאר איהם...

א רב פון א קליין שטעדטעל אין טעקסעס האט מיר צוגעשיקט א בריעף, איך זאל איהם מאכען אן עקסטרא דרשה פאר זיין געמיינדע. ווי ער שרייבט, איז ער אן עני ואביון, זיינע בעלי בתים ווילען איהם קיין ווידזשעס ניט צאהלען, קיין הכנסה מן הצד האט ער ניט, קיין ברית'ען זיינען ניטא, קיין חתונות אויך ניט, בלויז א לויה מאכט זיך איהם אמאל אין א יובל. און ער מוז, שרייבט ער, זיין געמיינדע אוועקווארפען, אבער ער וואלט וועלען זיינע בעלי־בתים מכבד זיין מיט א לעצטע דרשה, אז זיי זאלען איהם נאכהער דערמאהנען צו גוטען יאהרען לאנג, עס זאל זיי ערגערען, וואס זיי האבען אזא טהייערען „זאגער" פערלארען.

אזוי ווי איך בין בטבע א גוטער מענש, און גלייך צו טהאן א טובה א קאלעגע, האב איך איהם אוועקגעשיקט פאלגענדען דרוש, ספּעציעל געמאכט פאר זיינע בעלי־בתים:

„רבותי, איך זאג אייך יעצט מיין לעצטע דרשה. איך מוז פון אייך אוועקגעהן איבער פיער טעמים: ערשטענס, ווייל איהר האט מיך פיינט; צווייטענס, ווייל איהר האט פיינט אייערע ווייבער; דריטענס, ווייל איהר האט פיינט איינער דעם אנדערען; און פיערטענס, ווייל גאט האט אייך אלעמען פיינט.

„ווען איהר זאָלט מיך ליעב האָבען, וואָלט איהר דאָך געזעהן, איך זאָל מאַכען אַ לעבען און זאָל ניט דאַרפען ביי אייך שטאַרבען פון הונגער.

„ווען איהר זאָלט ליעב האָבען אייערע ווייבער, וואָלט איהר דאָך געהאַט קינדער, וואָלטען געווען ברית'ען און איך וואָלט דער־פון געקענט ציהען מיין חיונה.

„ווען איהר זאָלט ליעב האָבען איינער דעם אַנדערען, וואָלט איהר געטהאָן שידוכים, געמאַכט שמחות, און איך וואָלט דערפון עפּעס פערדיענט.

„ווען גאָט זאָל אייך ליעב האָבען, וואָלט ער אייך גענומען צו זיך, וואָלט איך פון הספּדים אַליין געקענט ציהען מיין חיונה. על כן, פערשטעהט איהר גאַנץ גוט, אַז איך קען ביי אייך מעהר ניט זיין, בלייבט מיר געזונד און זוכט אייך אַן אַנדער משוגע'נעם אויף מיין פּלאַץ.

איבער דער זעלבער טהעמא האָב איך אַמאָל געהערט רעדען אַ מגיד אין אַ גרויסער קאָנגרעגיישאָן אין פילאַדעלפיא. אויך ער איז געווען אַ היבשער ארימאַן, נאָר ער האָט נאָך דערצו געהאַט אַ קראַנקע ווייב מיט אַכט קינדער.

„רבותי! האָט ער איין מאָל אין זיינעם אַ דרוש זיך צושריען מיט גרויס התלהבות, איך ווייס, אַז איהר זייט אַלע רחמנים בני רחמנים, אידען מיט אידישע הערצער; איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל, חלילה, שטאַרבען, וועט איהר מאַכען אַ געוואַלד אין שטאָדט, ס'איז געבליבען אַן אַלמנה אַ פינסטערע מיט אַכט פּיסק־ליאַטעס, מען מוז זיי געבען ברויט מיט קויהלען. עפּעס אַ קליי־ניגקייט אַן אַלמנה מיט אַכט קליינע קינדער! אייערע גוטע, אי־דישע, ווייכע הערצער וועלען עס ניט קענען אַריבערטראָגען, און איהר וועט אודאי טהאָן פאַר זיי אַלעס, וואָס איהר וועט נאָר קע־נען. איך ווייס עס, איך בין אין דעם זיכער! אָבער אום גאָטעס ווילען, פרעג איך ביי אייך, וואָס אַרט אייך, אַז איך לעב אויך?

מען וואָלט געדאַרפט מאַכען אַ קאָלעקשאָן פון אַזעלכע דרשות, ווייל אין זעהר פיעל קאָנגרעגיישאָנס קימערט מען זיך גאַנץ וועניג

אויב זייערע רבנים ומטיפים מאכען א לעבען. ערשט נאכ'ן טויט הויבט מען זיך אן צוקוקען צו דער אלמנה און צו די יתומים, און מען שטעלט די פרויען און יתומים אין אזא לאגע, אז זיי דארפען דאנקען גאט, וואס זייער „שלומיאל“ איז געשטארבען, ווייל זא לאנג ער האט געלעבט, האבען זיי קיין מאל נים געהאט קיין זאטען מאל־צייט אבצועסען.

עס איז קיין וואונדער נים, וואס אזוי פיעל רבי'צענס געהען ארום פעראימערט, פערקלאגט און טרויערען דערויף, וואס זייערע מענער לעבען נאך. ווען, רבונו של עולם, ווען, טראכטען זיי זיך, וועט שוין דער מלאך המות קומען אוועקנעהמען דעם יעניגען, וואס שטערט די „גוטע“ מענשען, מען זאל אויף אונז מיטלייד האבען און אונז געבען כאטש לחם צר ומים לחץ? ווען?...

און ווי אויף להכעים לעבען זיי, און די רבי'צענס מוטשען זיך און מאטערען זיך פאר א שטיקעל ברויט, און זיינען שטארק מקנא די רבי'צענס, וואס האבען געהאט דעם גרויסען מזל צו בלייבען אלמנות.

בשלח

נאך יאהרען און יאהרען פון שווערע ארבייט און ביטערע גזרות, נאך הונדערטע יאהרען פון קרעבצען, זיפצען און וויינען, אונטער דער אייזערנער ממשלה פון די פרעה'ס פון מצרים, האבען די אידען ענדליך דערלעבט אמאל דעם קאפ פריי אויפצוהויבען און צו זינגען שירה.

עס איז געווען א סארט פיערטער דזשוליי יום טוב, ווען יונג און אלט, מענער, פרויען און קינדער האבען זיך משמח געווען אונטער דער לייטונג פון דעם גרויסען פיהרער משה. ער האט גע־

זונגען און אַלע האָבען נאָכגעזונגען מיט גרויס בעגייסטערונג דאָס גרויסע ליעד פון נצחון:

אשירה לד׳ כי גאה גאה,
סוס ורוכבו רמה בים.
עזי וזמרת יה
ויהי לי לישועה.

מיר זעהען אין היינטיגער פרשה דייטליך, אז די פרויען האָבען פאַלשטענדיג רעכט געהאַט צו פאָדערען גלייכע רעכטע ווי די מענער. די היינטיגע סאַפראַזשעטקעס האָבען זיך זעהר גוט געקענט בענוצען מיט אונזער אַלטען חומש׳ל, וואו יעדער איינער קען אימער געפינען אַ סך מעהר גערעכטיגקייט ווי מען געפינט אין די גאַנצע בערג נייע געזעצען, וואָס ווערען פערפאַסט אין די פערשיעדענע לעדזשיסלייטשורס אין אַלע וועלט טהיילען.

דאָס אַלטע חומש׳ל דערצעהלט אונז גאַנץ קורץ דעם פאַקט, אז נאָכ׳ן שווערען קאַמפף, וואָס די אידען האָבען געהאַט פאַר זייער בעפרייאונג, האָבען די פרויען געפייערט דעם זיעג נאָך מיט מעהר בעגייסטערונג ווי די מענער.

עס איז קיין פראַגע ניט, אז פון שקלאַפעריי און פון אַלע שלעכטע גזרות האָבען די פרויען געליטען אַזוי גוט ווי די מענער, אין מאַנכע הינזיכטען האָבען זיי נאָך מעהר געליטען. ווען פרעה האָט געהייסען, מען זאָל נעהמען אַלע ניי־געבאָרענע זכרים ביי אידישע מאַמעס און מען זאָל זיי וואַרפען אין טייך אריין, קען מען זיין זיכער, אז די מאַמעס האָבען דערפון אַ סך מעהר געליטען ווי די פאַטערס, ווייל נאָך אַלעמען האָבען די מאַמעס זייער בלוט פערגאָסען אויף די קינדער, און ווי עס זאָל ניט זיין גרויס דער „כרחם אב על בנים“, אבער ווען עס קומט צו וועהטאָגען, קומט אז דער מאַמע אַ פיעל גרעסערער טהייל ווי דעם טאַטען; די תורה דערצעהלט אונז דעריבער, אז אַזוי שנעל ווי די אידישע בעפרייאונג איז געקומען, האָבען די פרויען געצייגט נאָך מעהר בעגייסטערונג ווי די מענער. און וועהרענד משה האָט געפיהרט די מחנה מענער אונטער׳ן יציאת מצרים מאַרש פון אשירה לד׳ כי גאה גאה, האָט מרים, אהרנ׳ס

שוועסטער, גענומען א פויק אין האנד, און האט געהייסען אלע פרויען נעהמען פויקען און טאצען און טאנצען, און ריכטיג ווי די מענער האבען זיי געמארטשט און געזונגען דאס גרויסע ליעד פון נצחון.

אין דער זעלבער שירה זעהען מיר אויך א זאך, וואס צייגט אונז, אויף ווי ווייט דעמאקראטיש די פרויען זיינען, און ווי פעהיג זיי זיינען אין דיפלאמאטיע, ווען עס האנדעלט זיך אין גרויסע פאליטישע פראגען.

ווען די מענער האבען געזונגען דאס גרויסע זיעג־ליעד, האט יעדער איינער אנגעפאנגען מיט'ן ווארט „אשירה", איך וועל זינ־גען — אשירה לד' כי גאה גאה, איטליכער בעזונדער האט דערמיט געוואלט צייגען זיין „איך", וועהרענד מרים, דער קאמאנדיר פון די פרויען האט בעגריעפען, אז דערביי איז ניטא קיין „איך", עס איז אן אלגעמיינער פאלקס זיעג, און אנשטאט אנצופאנגען „אשירה" האט זי אנגעפאנגען שירו לד' כי גאה גאה, זינגט אלע, דא איז ניטא קיין ער, זי אדער איך, אלע זיינען גלייכע מחותנים אויף דיזער שמחה.

אבוואהל מען דארף ניט האבען קיין גרויסע בעווייזע צו אי־בערצייגען, אז ס'איז א גוטע זאך צו זיין רייך, אלע וועלען עס אייך גלויבען אויף נאמנות, אהן בעווייזע; דאך געפינט מען דערצו א רמז אין היינטיגער פרשה. טאקע אין דעם „אז ישיר משה". די וועלט פרעגט א קשיא: פון וואנען האט זיך דאס גענומען מיט אמאל דאס זינגען צו משה'ען? ווי אזוי איז ער עס פלוצים א זינגער געווארען? פריהער האט ער אפילו ניט געקענט רעדען, און האט אליין צוגעגעבען, אז ער איז א כבד פה, מיט אמאל, אהא, ער קען שוין זינגען אויך! פון וואנען נעהמט זיך עס?

דער תירוץ איז, אז ווען ער האט געדארפט געהן צו פרעה'ן, איז ער נאך געווען אן ארימאן, ער האט דאן גאר ניט פערמאגט, און דאס איז שוין א כלל, אז א קבצן קען גאר ניט. יעצט אבער, ווען מען האט אויסגעליידיגט די מצריים און משה האט אריינ־

געקראָגען אַ מאַסע גאָלד און זילבער, און איז אַ עושר געוואָרען. דאַמאָלסט האָט ער שוין געקענט אַלעס, אַפילו זינגען, ווייל אַ נגיד קען אַלעס.

דאָס דערמאָהנט מיר אַן אמת'ע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט ביי אונז אין באָהוסלאַוו, אַ שטעדטעל אין קיעווער גובערניע, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען. דאָרט איז געווען אַ איד אַן עושר, משה דער קאַראַלניק, האָט מען איהם גערופען. געווען אַ פּשוט'ער איד, אַן עהרליכער, נאָר לערנען האָט ער ניט געקענט. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען רייך, ווייס איך ניט פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, וואָס מען פלעגט צו איהם שיקען פערהערען בעלי־בתּישע אינגלעך, וואָס האָבען געלערענט ביי גמרא מלמדים. דאָס האָט איהם אַליין געמאַכט צו גלויבען, אַז מסתמא קען ער טאַקע לערנען, ווען ניט, וואָלט מען דאָך צו איהם ניט געשיקט קיין קינדער צום פערהערען.

ויהי היום, און משה דער קאַראַלניק האָט זיין געלד פערלאָרען און איז אַן אָרימאַן געוואָרען. און אַזוי שנעל ווי מען איז אין שטאָדט געוואָהר געוואָרען, אַז ער האָט שוין מעהר קיין געלד ניט, האָט מען אויפגעהערט צו איהם שיקען קינדער פערהערען. דאָס האָט איהם געערגערט פיעל מעהר ווי דאָס, וואָס ער האָט זיין געלד פערלאָרען, און ווען ער האָט זיך איין מאָל אין סאַדעגורער קלויז דערזעהן שטאַרק מתרעם געווען, האָט איהם אַ צווייטער חסיד געזאָגט מיט אַ געלעכטער, אַז ער האָט ניט וואָס צו זיין בייז אויף דער וועלט, פאַר וואָס מען שיקט ניט צו איהם קיין קינדער פערהערען, די וועלט ווייסט, אַז ער קען ניט לערנען.

משה דער קאַראַלניק איז דאַן אַן אויפגעקאָכטער געוואָרען און האָט אויסגערופען מיט אַ ריהרענדער שטימע, אַז עס האָט זאָגאַר אַ שטיין געקענט ריהרען:

— רבונו של עולם! מילא מיין געלד האָסטו ביי מיר צוגענומען! אָבער וואו איז אַהינגעקומען מיין תורה?...

ער האָט נאָך ניט געוואוסט דאַן דער שוטה, אַז ווען מען האָט געלד קען מען ניט נאָר לערנען, נאָר אַפילו זינגען אויך.

ויהפך לבב פרעה ועבדיו, ויאמרו: מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל?

ווען פרעה האט ארויסגעשיקט די אידען פון מצרים, האט ער און אלע זיינע אונטערטהאנען שטארק חרטה געהאט. דאס ווארט „ויהפך" מיינט, אז ער האט דאן אנגעפאנגען דענקען וועגען די אידען גאנץ אנדערש ווי ער האט פריהער געדענקט. מעגליך, אז ער האט דאמאלסט חרטה געהאט אויף אלע שווערע גזרות, וואס ער האט אויף זיי ארויסגעגעבען. ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער פערליערט אזא גרויסע צאהל פעהיגע און עהרליכע בירגער, וואס האבען זיין לאנד גליקליך געמאכט. אבער די חרטה איז שוין גע־ווען צו שפעט. דעם זעלבען פסק האט נאכהער געהאט שפאניען, און יעצט האט איהם רוסלאנד.

כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך. **אלע קראנק־הייטען וואס איך האב געטהאן אויף די מצריים וועל איך אויף דיר ניט טהאן,** כי אני ד' רופאך, ווייל איך גאט בין דיין דאקטאר.

די וועלט פרעגט דערויף זעהר א גוטע פראגע: ממה נפשך, אויב גאט האט פערשפראכען, אז ער וועט די אלע קראנקהייטען ניט ברענגען אויף די אידען, צו וואס זשע האט ער געדארפט זא־גען, אז ער איז אונזער דאקטאר. ווי באלד מען וועט ניט זיין קראנק, צו וואס דארף מען א דאקטאר? וואס זאגט ער אונז אז די בשורה, כי אני ד' רופאך?

נאר דער ענטפער דערויף איז, אז גאט האט דערמיט געמיינט צו זאגען, אז ער איז אונזער יאהר דאקטאר, און ער קוקט ניט ארויס מיר זאלען זיין קראנק, ווי עס איז דער פאל מיט דאקטוירים, וואס נעהמען בעצאהלט פון יעדען וויזיט. דאקטוירים וואס קריגען בעצאהלט פון יעדען וויזיט, האבען אן אינטערעס דער עולם זאל קרענקען, אבער גאט, וואס איז אונזער יאהר דאקטאר, און קריגט פון אונז די זעלבע געהאלט, סיי מיר זיינען קראנק, סיי ניט, וואס פאר אן אינטערעס האט ער מען זאל קרענקען? דעריבער האט ער געזאגט, כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך, אלע קראנקהייטען וואס איך האב געטהאן אין מצרים, וועל איך אויף

דיר ניט טהאָן, כי אני ד', ווייל איך גאָט, רופאך, בין דיין שטענ־
דיגער יאָהר דאָקטאָר, דו צאָהלסט מיר ניט פֿער וויזיט.

יתרו

הייטיגע פּרשה ענטהאַלט אין זיך דעם גאַנצען עסענץ, דעם
גאַנצען תוך, פֿון אונזער תורה.

זי ענטהאַלט די קאָנסטיטושאָן, וואָס איז געווען, איז יעצט,
און בלייבט פֿאַר אימער דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכען עס קען
זיך האַלטען פֿעסט די גרויסע געביידע פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

איך מאָהל מיר אויס אין די געדאַנקען, אַז ווען די אידען זיינען
אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, ווען זיי זיינען מיט אַמאָל בעפֿרייט גע־
וואָרען פֿון זייער פֿינסטערע שקלאַפֿעריי, האָבען זיי געמוזט פֿיה־
לען ווי דער ערב רב פֿון די ערשטע אימיגראַנטען, וואָס זיינען גע־
קומען פֿון רוסלאַנד קיין אַמעריקאַ.

אַז שוין יאָ ניט קיין צאַר און קיין אוראַדניק, אַז שוין יאָ ניט
קיין פּרעה און קיין נוגש, האָבען אַ סך אידען געמוזט שרייען, דאַרף
מען גאַר אין גאַנצען אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך אַלע עול'ען פֿון יושר
און מענשליכקייט, פֿון מיין געלד און דיין געלד, מיין ווייב און דיין
ווייב, און פֿון כבוד אב; וואָס איז דער אונטערשיעד פֿון אַ
טאַטען ביז אַזוי אַ אידען — מיר זיינען פֿרייע מענשען, און לית
דין ולית דיין, עס איז הפקר פּעטרושקע, ווי מען זאָגט ביי אונז
אין וואָהלינער געגענד.

און דער גרויסער הימעל־דאָקומענט איז דאָן געקומען דורך
דונער, בליץ און פֿייער, און האָט פּראָקלאַמירט די עשרת הדברות,

אבּן וועלכע קיין געזעלשאַפט קען ניט עקזיסטירען.

אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים.

איך בּין דיין גאָט, וואס האָט דיך אַרויסגענומען פון מצרים שקלאַפעריי.

דאס איז געווען דער ערשטער פּאַראַגראַף פון דער גרויסער געט־ליכער קאָנסטיטושאָן. גאָט איז ניט געקומען זיך פאַרשטעלען צו די אידען, אַז ער איז דער גרויסער גאָט, וואס האָט בּעשאַפען הימעל און ערד, וואס איז אַ סך מעהר קונסט ווי אַרויסצונעהמען די אידען פון מצרים. ער איז ניט געקומען דערצעהלען זיין געטליכע גבורה, נאָר ער איז געקומען דירעקט אַלס אָרגאַנייזער צו אָרגאַניזירען די אידען אין אַ פעסטע, אַנשטענדיגע אָרגאַניזיישאָן, זיי זאָלען זיך אויפפיהרען פריי, אַבער אַנשטענדיג, און זאָלען ניט זיין קיין הפקר מענשען, אום זיי זאָלען קענען עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק.

דער זינן פון די עשרת הדברות איז געווען צו ערקלעהרען די אידען אין קורצען פאָלגענדעס:

זעהט, איהר זייט יעצט מעהר ניט קיין שקלאַפען ווי בּעפאָר, אַבער צו זיין אַ פרייער מענש מיינט ניט צו זיין אַ הפקר מענש. ווען איהר ווילט קענען עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק אויף דער וועלט, מוזט איהר היטען פאָלגענדע לעבענס־נויטוועגדיגע כללים און רע־גולייִשאַנס:

1. מאַכט ניט קיין נייע אָבּגעטער אַלע מאָל. טרייט ניט צו מאַהלען אָדער שניצען בּילדער פון זאַכען, וואס געפינען זיך אויפ'ן הימעל, אונטער דער ערד, אָדער אונטער'ן טיעפען תהום פון ים, און צו די דאָזיגע בּילדער דיענען אַלס צו אַ גאָט. אַזעלכע געטער קען מען שאַפען אין די טויזענדע, עס וועט נאָר אַוועקנעהמען אייער צייט, און קיינער פון זיי וועט פאַר אייך גאָר ניט קענען טהאָן אין אַ נויט. איהר מוזט אַליין מיט אייער גוטע הנהגה איינאָרד־נען אייער לעבען און אייער גליק. מען קען גאָט ניט זעהן און מען קען פאַלגליך ניט מאַהלען פון איהם קיין בּילדער, און די אַלע געטער, וואס איהר האָט אין מצרים געזעהן, זיינען גאָר ניט, הבל הבלים.

2. שווערט ניט בּיי גאָט, מענשען דאַרפען אין אַלגעמיין ניט שווערען. אַ מענש, וועלכע מען קען ניט גלויבען אָהן אַ שבועה,

איז זעהר ווייניג ווערטה אין דער געזעלשאַפט. קיין געזעלשאַפט קען קיין קיום ניט האָבען דאַן ווען געזאָגט איז ניט געזאָגט און ווען מען דאַרף ביי יעדער זאַך מורא האָבען טאָמער זאָגט דער אַנדערער אַ ליגען.

3. שבת זאָל ביי אייך זיין הייליג און אַ פאָלשטענדיגער רוהע טאָג, אָבער זעקס טעג איז דער וואָך מוז יעדער אַרבייטען. אַזוי ווי עס איז וויכטיג פאַר אַ געזעלשאַפט, אַז יעדער איינער זאָל אַר־בייטען און מאַכען אַ לעבען, אַזוי איז וויכטיג, עס זאָל זיין אַ טאָג פון רוהע, מען זאָל קענען לערנען, פערברענגען אין געזעלשאַפט און געניסען מיט הרחבה די פרוכט פון דער אַרבייט.

4. גיט אָב כבוד טאַטע־מאַמע. דאָס איז דער אָנפאַנג פון פיינע אַנשטענדיגע אויפפיהרונג. ווען איהר וועט אָבגעבען כבוד אייערע עלטערען, וועט איהר אויך אָבגעבען כבוד אַלע אַנדערע עלטערע מענשען און וועט רעספּעקטירען יעדען איינעם, וואָס טהוט עפּעס פאַר אייך, און נאָר אויף אַזאַ אַרט און ווייזע קען זיך ענטוויקלען אַ פיינע געזעלשאַפט מיט גוטע מדות.

5. זייט ניט קיין מערדער. קיין אונטערשיעד וואָס אין לעבען זאָל ניט פּאַסירען און ווי פריי איהר זאָלט ניט זיין און וואָס אייער כונה זאָל דערביי ניט זיין. בלוט פערגיסען זאָלט איהר קיין מאָל ניט.

6. לא תנאף איז ריכטיג אַזאַ עברה ווי לא תרצח, ווייל די היים איז ביי יעדען זיין טעמפּעל פון גליק. לעבען, פריידען, ליע־בע, רוהע, ערוואַרטעט דער מענש ביי זיך אין הויז, און ווען איינער קומט ווי דער שלאַנג און רואינירט יענעמ'ס היים, איז ער אַן איינפּאַכער מערדער.

7. איהר זאָלט ניט גנב'ענען. ווען איהר גנב'עט עטוואָס, ווען איהר נעהמט ביי איינעם צו, לאָמיר זאָגען, אַ זייגערעל, גנב'עט איהר פון איהם ניט נאָר דאָס זייגערעל, נאָר אויך זיין אמונה אין דער מענשהייט. ער זעהט דאַן, אַז אַרום איהם זיינען דאָ ניט־אַנ־שטענדיגע מענשען, און דאָס ברענגט איהם, ער זאָל זיך דאַרפען אימער היטען און חושד זיין אפילו מענשען, וואָס זיינען עהרליך.

8. לא תענה ברעך עד שקר, זאָלסט ניט זיין קיין פאַלשער עדות, ווייל דאָס פערקריפּעלט די גאַנצע גערעכטיגקייט, און מען

ווען קיין מאל ניט קענען וויסען ווער איז ווער און וואס איז וואס.

9. עס זאל זיך דיר ניט גלוסטען דיין חבר'ס הויז. יענער האט א פיינע הויז זאל ער אין איהר וואהנען געזונדערהייט. מיט וואס וואלט איך דען בעסער געווען, ווען יענער זאל גאר קיין הויז ניט האבען, עס זיינען דא גענוג הייזער פאר אייך אויך. ווען איהר וועט ניט אין זינען האבען יענעמ'ס, וועט איהר האבען אייגענס.

10. זאל זיך אייך ניט גלוסטען אייער חבר'ס ווייב, זיין ארבייטער, זיין דיענסט, זיין אקס, זיין עזעל. האט אין זינען אייערע אינטערעסען, טראכט ניט רק פאר וואס יענער האט און איהר ניט; אין דער צייט, וואס איהר פערברענגט אויף טראכטען שלעכטע מחשבות וועגען יענעם, ארבייט בעסער פאר זיך, וועט איהר מעהר פערדיענען און וועט אויך קענען האבען אלעם ווי דער אנדערער.

דאס איז געווען די ערשטע קאנסטיטושאן, וואס איז געגעבען געווארען צו אידען דורך פלאם־פייער און בלייבט דער גוטער סעמ־פעל פאר אלע דורות און אלע נאציאנען פאר אימער און אייביג.

איינינע וויכטיגע מאמרים פון גמרא און מדרש וועגען משה רבנו און קבלת התורה:

ווען משה רבנו איז ארויף אויפ'ן הימעל מקבל זיין די תורה, האבען די מלאכים ארויסגערופען געגען משה'ן א דזשענעראל סטרייק. זיי זיינען געלאפען צו גאט און האבען געפאדערט, ער זאל נעבען די תורה צו זיי, ניט צו משה'ן, וועלכער איז אן ערד־מענש און האט זיך געוואגט צו קומען אין זייער טעריטאריע.

גאט האט דאן צוגערופען צו זיך משה'ן און האט איהם געזאגט:

— וואס פאר אן ענטפער קענסטו געבען די מלאכים אויף זייערע טענות?

— איך קען זיי גאר ניט ענטפערען, האט משה געשטאמעלט, איך האב מורא א ווארט צו רעדען, זיי וועלען מיך פערברענען מיט די פלאמען פייער, וואס עס געהט פון זייער מויל.

— עס איז ניט אזוי געפעהרליך, משה, ווי דו דענקסט, האט דער רבונו של עולם געזאגט, האלט זיך אן אין מיין שטוהל, ועסטו פאר זיי קיין מורא ניט האבען און קענסט זיי ענטפערען וואס דו ווילסט.

משה האָט אַזוי געטהאָן, האָט זיך אָנגעהאַלטען אַן כסא הכבוד און האָט פּאַלגענדע קורצע רעדע געהאַלטען צו די מלאכים:

— איך וועל אייך באַלד איבערצייגען, אַז די תורה דאַרף גע־געבען ווערען צו די אידען אויף דער ערד, ניט צו אייך מלאכים אויפ'ן הימעל. אין דער תורה שטעהט אנכי ד' אלקיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים. יעצט פרעג איך אייך: וואָס פאַר מחותנים זייט איהר מיט מצרים? ווער האָט זיך געמאַטערט און געשקלאַפּט אין מצרים — איהר, אָדער די אידען? ווייטער שטעהט אין דער זעלבער תורה: לא תרצח, לא תגנוב, לא תנאף, א. ז. וו. — ווען איהר זאָלט שטעהן אויף אַזאַ מדרגה, אַז מען זאָל אייך דאַרפען אָנזאָגען אַזעלכע ווערטער, וואָלט גאָר געווען אַ שאַנדע, איהר זאָלט פערנעהמען אַזעלכע הויכע פּלעצער ווי איהר פערנעהמט יעצט, און איהר זאָלט עס זיין די יעניגע, וואָס דרעהען זיך אַרום שטענדיג אַרום כסא הכבוד.

די מלאכים האָבען איהם מודה געווען, אַז ער האָט רעכט, האָבען גלייך אויפגעהערט געגען איהם צו סטרייקען און זיינען מיט איהם גוטע פריינד געוואָרען אויף אַזוי פיעל, אַז יעדער מלאך האָט איהם איבערגעגעבען אַ סוד פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין די עולמות העליונים. אפילו דער מלאך המות איז מיט משה'ן גוט־פריינד געוואָרען און האָט איהם איבערגעגעבען דעם סוד, אַז קטורת פערהאַלט אַ מגפה. (שבת פרק ט').

ווען משה האָט געטראָגען די לוחות פון באַרג, האָבען די אותיות פון די לוחות געטראָגען משה'ן מיט די לוחות צוזאַמען, ווייל די שטיינער פון די לוחות זיינען געווען זעהר שווער, זיי האָבען געהאַלטען זעקס טפחים אין אַלע זייטען, די לענג, די ברייט און די גרעב. ווען משה איז אַראָב, און די אותיות האָבען דער־זעהן, אַז מען טאַנצט און מען לעבט אַ גוטען טאָג אַרום דער עבודה זרה, זיינען זיי צוריק אויפ'ן הימעל אַרויפגעפלויגען, און די שטיינער זיינען געוואָרען שווער, אַזוי אַז משה האָט בשום אופן זיי ניט געקענט דערטראָגען אַליין, און זיינען ביי איהם פון די הענט אַרויסגעפאַלען און צובראָכען געוואָרען. (פרקי דרבי אליעזר).

דער שטן איז געקומען צו גאט און האט ביי איהם געפרעגט:
— וואו איז די תורה?
— איך האב זי אוועקגעגעבען צו משה'ן, האט גאט געענטפערט.
דער שטן איז גלייך צוגעלאפען צו משה'ן און פרעגט ביי איהם:
— וואו איז די תורה?
— איך ווייס ניט, האט משה געענטפערט, איך האב זי ניט גענומען.
— פאר וואס זאגסטו ניט דעם אמת? האט זיך גאט געווענדעט שטרענג צו משה'ן.
— איך האלט מיך פאר צו קליין, רבונו של עולם, צו זאגען, אז איך בין דער בעזיצער פון אזא טהייערע זאך ווי די תורה.
— אויב אזוי, ביזטו אלרייט, האט איהם גאט געענטפערט, דערפאר וואס דו האלסט זיך אזוי קליין, וועט די תורה גערופען ווערען אויף דיין נאמען, ווי עס שטעהט זכרו תורת משה, איהר זאלט געדענקען די תורה פון משה'ן. (שבת צ"ב).

ווען משה איז צוגעגאנגען נאהענט צום בארג חורב, האט דער בארג אנגעהויבען ציטערען; ווי נאר משה איז אויף איהם ארויף, איז דער בארג געבליבען שטעהן אויף אן ארט. (זוהר שמות, כ"א, א').

ווער עס קען ניט ליידען קיין אונגערעכטיגקייט, טאר ניט ארויסקוקען דורכ'ן פענסטער, און דארף האלטען זיין טהיר פער־מאכט און זיינע שפיעגלען פערדעקט.

שעקספיער.

א געזונדער ארימאן איז גליקליכער פון א קראנקען קיסר.

שאפענהויער.

נארישקייט איז א מתנה פון גאט, נאר מען דארף דיזע מתנה ניט צו פיעל מיסברויכען.

ביסמארק.

משפטים

ואלה המשפטים, און דאס זיינען די משפטים.

איהר ווייסט דאך, רבותי, אז עס זיינען דא צווייערליי משפטים איבעראל — פאר רייכע און פאר ארימע. ווען א רייכער לאדט זיך מיט אן ארימאן, סיי ביי רבנים, סיי אין די ערכאות של עכו״ם, בלייבט אימער דער רייכער גערעכט. די רבנים זיינען טאקע ערליכע אידען, יראים ושלמים, שונאי בצע, און זיינען חלילה קיין זאך ניט אויסען. דאס זעלבע זיינען די געזעצען ביי ערכאות של עכו״ם גלייך פאר ארים און רייך, און קיינער איז חלילה ניט חושד די דזשאדזשעס אין נעהמען שוחד, דאך, צווישען אונז רעדענדיג, האבען מיר א כלל גדול אין דער סדרה משפטים, אז ווען אן ארימאן לאדט זיך מיט אן עושר, בלייבט דער עושר אימער גערעכט. פער־פאלען, אזוי איז עס, און מען וועט שוין די וועלט ניט איבערמאכען. ווען א קבצן וויל געפינען גערעכטיגקייט, מוז ער קודם ווערען אן עושר, זאנסט זאל ער זיך גאר ניט פראצעסירען.

וואס דארפט איהר מעהר, אט האבען מיר דא פיקס און פער־טיג א ביישפיעל טאקע פון ואלה המשפטים.

מיר וועלען נעהמען דעם ערשטען פאראגראף פון אונזער סוואר זאקאן: כי תקנה עבד עברי, אז דו וועסט קויפען א אידישען קנעכט, שש שנים יעבוד, זאל ער דיענען זעקס יאהר, ובשביעית יצא לחפשי חנם, און אויפ׳ן זיעבעטען יאהר זאל ער ארויסגעהן פריי אומזיסט.

וועט איהר דאך וועלען פרעגען: וואס הייסט „אומזיסט״? וואו האט דען א קנעכט געלד צו בעצאהלען? און פאר וואס זאל ער בעצאהלען, נאך דעם ווי ער האט אבגעקנעכטעוועט זעקס יאהר?

דערויף ענטפערט אונז רש״י, אז אין די זעקס יאהר איז דאך דער קנעכט מסתמא ניט אימער געווען געזונד. אמאל האט ער

געהאט די גריף און האט ניט געארבייט עטליכע טעג, אמאל האט ער געהאט קדחת און האט געמוזט ליעגען צו בעט, קען דאך דער בעל הבית האבען א טענה, אז ער וויל, דער קנעכט זאל איהם בעצאהלען צוריק פאר אזוי פיעל טעג וויפיעל ער האט ביי איהם געקרענקט און ניט געארבייט, בעווארענט עס די תורה און זאגט „יצא לחפשי חנם", דער קנעכט זאל ארויסגעהן פריי אומזיסט, ער זאל דעם באס דערפאר גאר ניט בעצאהלען.

יעדער, וועלכער האט א שטיקעל ידיעה אין געזעצגעבונג ווייסט, אז א געזעץ, אירגענד וועלכער געזעץ, ווערט ניט געמאכט פריהער, איידער די פראקטיקע צייגט, אז אזא געזעץ איז א נויטווענדיגקייט, און מיר מוזען דעריבער פערשטעהן, אז פריהער האבען זיך די באסעס נוהג געוועזן ניט ארויסצולאזען א קנעכט פריי, ביז ער אר־ביים אב אלע טעג, וואס ער האט ביי איהם געקרענקט, און וואס שווערער דער שקלאף האט געשקלאפט, אלץ מעהר האט ער גע־קרענקט, און אלץ מעהר האט ער נאכהער געמוזט ארבייטען פאר די געקרענקטע טעג.

נאטירליך איז דער ובשביעית יצא לחפשי חנם שוין געווען א סארט רעפארם, און די באסעס, וואס האבען געקויפט קנעכט, הא־בען געמוזט זיין שטארק בייז, וואס דאס געזעץ מישט זיך אין זייערע ביזנעס, דערפאר זעהען מיר גלייך אין די נעקסטע פארא־גראפען, אז מען האט געשטילט זייער צארן מיט א געזעץ, וואס איז זעהר שטרענג געגען קנעכט און גאנץ מילד געגען קנעכט'ס בעל־הבית.

אם אמר יאמר העבד, ווען דער קנעכט וועט זאגען, אהבתי את אדוני, את אשתי ואת בני, איך האב ליעב מיין בעל־הבית, מיין פרוי און מיינע קינדער, איך וועל ניט ארויסגעהן פריי, זאל מען איהם בויערען דעם אויער מיט אן אל און ער זאל בלייבען אן אייביגער קנעכט.

קומט צוגעהן רש"י און ערקלעהרט פאר וואס קומט עס, מען זאל דעם קנעכט בויערען דעם אויער? וואס האט מען צו זיין אויער? דער תירוץ איז, ווייל דער זעלבער אויער האט דאך גע־הערט אויפ'ן בארג סיני דעם „אנכי ד' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים", און דו ביזט געגאנגען און פערקויפט זיך

ווידער אַליין פאַר אַ קנעכט, קומט דיר, מען זאָל דיר לעכערען נים נאָר דעם אויער, נאָר אפילו דעם קאָפּ אויך.

אמת, דאָס איז טאַקע זעהר אַ פיינע ערקלעהרונג, דער קנעכט איז ווערטה אַ שטראָף, אָבער אום גאָטעס ווילען, דער מאַן וואָס האָט געקויפט דעם קנעכט, האָט דאָך אויך אַן אויער, און זיין אויער האָט דאָך אויך געהערט דאָס זעלבע, וואָס דעם קנעכט'ס אויער האָט געהערט, פאַר וואָס זאָל מען אויך זיין אויער ניט לעכערען מיט אַ טשוואַק, פאַר קויפען אַ קנעכט? ווען ער זאָל ניט קויפען, וואָלט דאָך יענער זיך ניט פערקויפט?

מיט'ן אם אדוניו יתן לו אשה איז עפּעס אויך ניט גלאַטיג.

אין דער צייט, וואָס דער קנעכט דיענט עהרליך און טריי ביי אַ בעל־הבית, און דער בעל־הבית שדכנ'ט איהם אוים אַ ווייב, און דער קנעכט האָט מיט זיין ווייב זיהן אָדער טעכטער, ווען עס געהען אוים די זעקס יאָהר און דער קנעכט דאַרף ארויסגעהן פריי, טאָר ער ניט נעהמען זיין אייגענע ווייב און קינדער מיט זיך, ער מוז זיי לאָזען צו זיין בעל הבית, אָדער ער מוז שרייען געוואַלד, אַז ער האָט ליעב דעם בעל־הבית, ער שטאַרבט נאָך זיינע טרים און בלייבען צוליעב זיין פרוי און קינדער אַן אייבינער שקלאַף.

עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. גאָט איז טאַקע גערעכט, דער חומש איז אויך גערעכט, אָבער דעם קנעכט'ס בעל־הבית איז בשום אופן ניט גערעכט, וואָס פאַר אַ מחותן איז ער צו זיין קנעכט'ס ווייב?

דער אור פּני משה האָט פערשטאַנען, אַז ווען מען לערענט אַלעס מיט פּראָסטען פּשט, זיינען דאָ אַ סך קשיות, אויף וועלכע אונזערע קליינע מוחות קענען קיין ענטפער ניט געפינען, און ער איז געגאַנגען און האָט פון „כי תקנה עבד עברי" גאָר געמאַכט אַ גאַנץ אַנדער זאַך. ער האָט אין די עטליכע פּסוקים געפונען אַ מוסר פאַר יעדען מענשען, ווי זיך צו פיהרען אויף דער וועלט, און ווי צו שטאַרבען מיט אַ ריינעם געוויסען.

און דער אור פּני משה זאָגט אַזוי:

כי תקנה עבד, עברי! דו איד, ווען דו ווילסט אַבקויפען דעם יצר הרע, ער זאָל דיך ניט באַדערען, שש שנים יעבוד, זאָלסטו אַלע דיינע יאָהרען טהאָן גוטעס און דיענען גאָט, אָבער זאָלסט דערפאַר גאָר ניט פערלאַנגען, ובשביעית יצא לחפשי חנם, נאָכ'ן זיעבעטען

יאהר, דאס מיינט נאך די זיבעט צעהנדליג יאהרען וואס דער מענש לעבט, וועסטו שטארבען מיט'ן ריינעם געוויסען, אז דו האסט גע־טהאן מעשים טובים און האסט דערפאר קיין שכר ערווארטעט.

און דער פסוק קלעהרט ווייטער אויף דעם מענשען און זאגט איהם:

פערשטעהע נאר גוט די זאך, וועסטו איינזעהן, אז דער מענש דארף נים זיין גוט מיט דעם תנאי, אז גאט זאל איהם דערפאר בעצאהלען. ווייל וואס פאר א בעצאהלונג מיינסטו? עולם הבא! דאס וועט דיר גאט יעדענפאלס געבען, ווי די חכמים זאגען, עתיד הקדוש ברוך הוא להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות. קוים וועסטו נאר זיין אן עהרליכער מענש, וועסטו שוין דיינס קריגען אויף יענער וועלט, וועגען דעם דארפסטו גאר נים קלעהרען. און אפשר וועסטו זיין א גוטער, עהרליכער מענש אויפ'ן תנאי, אז גאט זאל דיר צאהלען אויף דער וועלט, צו וואס טויג דיר דאס געצאהלט אויף דער וועלט? אם בגפו יבוא, אזוי ווי דו ביזט געקומען אויף דער וועלט אהן געלד און אהן עשירות, בגפו יצא, אזוי וועסטו פון דער וועלט אוועקגעהן, און וועסט פון דיין פערמעגען גאר נים מיטנעהמען, ווי איוב האט געזאגט: ערום יצאתי מבטן אמי, איך בין געקומען אויף דער וועלט נאקעט און וועל אוועקגעהן פון דער וועלט א נאקעטער. הייגט וואס טויג דיר אויף דער וועלט דאס עשירות? ווער ווייסט צו וועמען דיין געלד וועט קומען אין די הענט אריין נאך דיין טויט?

אם בעל אשה הוא, אפשר וועסטו זיך איינריידען, אז דו ווילסט זיין א געטרייער מאן צו דיין ווייב, און דו ווילסט איהר איבער־לאזען דיין פערמעגען, זאלסטו וויסען, אז דאס איז די גרעסטע נארישקייט אין דער וועלט. וואס קעהרסטו אזוי וועלטען פאר דיין ווייב? ויצאה אשתו עמו? וועט דען דיין ווייב אויך מיט דיר מיטגעהן אויף יענער וועלט? זי וועט דיך נאר בעגלייטען ביז'ן בית עלמין. פון דארט וועט זי זיך אומקעהרען אין דיין הויז וואס דו האסט געבויט און וועט חתונה האבען מיט אן אנדער מאן, הייגט וואס דארפסטו האפען אויף אזא שכר, דו נארישער מענש?!

דער ליקוטי יקרים ברענגט עס דיזען פשט אין נאמען פון דעם אור פני משה, און עס איז דא פאראן א גרויסער שטיק אמת.

א מענש דארף ניט איינלעגען די וועלט צו לאזען רייכטהום נאכ'ן טויט. ירושה געלד אזוי גוט ווי נדן געלד זיינען קיין מאל ניט מצליח. און אז וואויל איז דעם מענשען וואס טהוט מיט זיין געלד גוטע זאכען ביים לעבען.

אם כסף תלוה את עמי. היינטיגע וואך איז א גמילות חסדים וואך, די וואך ווען מען לייענט די שעהנע פראקלאמאציע פון אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך. אויב דו וועסט בארגען געלד דעם ארימאן, זאלסטו איהם ניט מאטערען, ער זאל דיר עס באלד צוריק געבען און זאלסט ביי איהם ניט נעהמען קיין פראצענט.

היינטיגען שבת דארף יעדער איד עטוואס שנדר'ען פאר די גמילות חסדים. דער מדרש תנחומא זאגט, אז יעדער איינער, וועל-כער איז מקיים די מצוה פון גמילות חסדים, ווערט אויף איהם מקוים דער פסוק אשרי משכיל אל דל, ביום רעה ימלטהו ד'.

דער מדרש זאגט אויך, אם כסף תלוה, אויב איהר וועט טהאן גמילות חסדים, את עמי, זייט איהר מיין פאלק; און אויב ניט, שטעהט באלד חבול תחבול, צוויי משכנות וועל איך נעהמען ביי אייך, דעם ערשטען בית המקדש און דעם צווייטען.

אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך, אז דו וועסט לייהען געלד דעם ארימאן פון מיין פאלק, לא תהיה לו כנושה, זאלסטו ביי איהם ניט מאהנען. דער מדרש זאגט דערויף: מלוה ד' חונן דל, דער וואס האט רחמנות אויפ'ן ארימאן און בארגט איהם א גמילות חסד, בארגט ער עס צו גאט אליין. דער אוהל יעקב וועלכער גלייבט יעדע זאך מסביר צו זיין מיט א משל, גיט דערביי פאלגענדען ביישפיעל:

אן ארימאן איז געקומען צו איינעם בארגען א גמילות חסד. דער מלוה האט איהם גאנץ פיין אויסגעהערט און האט איהם גע-ענטפערט:

— דו קריגסט ביי מיר דעם גמילות חסד מיט'ן גרעסטען כבוד, אבער אזוי ווי איך וויל זיין זיכער מיט מיין געלד, וויל איך, דו זאלסט מיר געבען אן ערב פאר'ן געלד.

דער ארימאן איז אוועק און האט געבראכט צוויי מענשען, און ביידע זיינען ערב געווען פאר'ן געלד. איין ערב איז געווען אן

עושר און דער צווייטער אז ארימאן. אין וועכסעל האט דער מלוה איינגעשריבען, אז פון וועלכען ערב ער וועט וועלען אבנעהמען זיין חוב, מעג ער נעהמען.

יעצט, ווען דער מלוה זאל זיין א קלוגער, דארף ער ביים ארימען ערב גאר ניט מאהנען, כדי דער רייכער ערב זאל וויסען, אז מען פערלאזט זיך אויף איהם, ער זאל בעצאהלען. ווען דער מלוה וועט אבער מאהנען דעם ארימען ערב, וועט איהם דער רייכער זאגען, אז דו מהנסט יענעם ערב, וואס מאהנסטו נאך ביי מיר אויך?

דאס דערצעהלט אונז דער פסוק א סארט גוטע עצה צו יעדען, וואס בארגט אן ארימאן א גמילות חסד.

ווען דו בארגסט געלד דעם ארימאן, שרייבט ער דיר אונטער א וועכסעל, אום דו זאלסט קיין שאדען ניט האבען, אבער זיי א קלוגער און זאלסט ביי איהם ניט מאהנען, און זאלסט גאר קיין מורא ניט האבען, טאמער וועט דיין געלד פערפאלען ווערען, ווייל מלוה ד׳ חונן דל, ווער עס בארגט דעם ארימאן א גמילות חסד, איז גלייך ווי ער בארגט עס צו גאט, גאט איז דער ערב, און גאט איז מעהר בטוח גוט צו מאכען דעם וועכסעל ווי דער ארימאן, און ווען ער וועט זעהן, אז דו מאהנסט ביים ארימאן, וועט ער שוין זיין גאראנטי צוריקציהען, און דאן וועסטו טאקע דיין געלד פערליערען.

ודל לא תהדר בריבו, דעם ארימאן זאלסטו ניט בעשעהנען אין זיין קריעג. דיזער פסוק איז זעהר ניט פערשטענדליך. ווער בע־שעהנט עס אן ארימאן? ווען, משטיינס געזאגט, קען עס פא־סירען, מען זאל אן ארימאן בעשעהנען, ווער שמועסט נאך דאן, ווען ער קריעגט זיך און שרייט?

דער אור החיים זאגט דערויף זעהר א גוטע זאך:

דער ארימאן קריעגט זיך שטענדיג מיט׳ן רבונו של עולם און שרייט: וואס מאטערסטו מיך שטענדיג מיט הונגער און נויט? פאר וואס קומט עס אנדערע צו וואהנען אין פאלאצען און מיר גיבסטו אפילו ניט זאט קיין שטיקעל ברויט? ער שרייט און קריעגט אויף גאט, ווייל עס טהוט איהם נעבאך וועה.

ווען איהר האט אויף׳ן ארימאן רחמנות און העלפט איהם, שטילט איהר דערמיט זיין כעס און מאכט אויף אזא אופן שלום צווישען איהם און צווישען גאט. ווען אבער איהר האט קיין רחמנות

ניט אויפ'ן אָרימאַן און העלפט איהם ניט, איז זיין קריעג און געשריי אַ גערעכטע און זיין טענה איז זעהר אַ גוטע. טאַקע, פאַר וואָס קומט אייך יאָ און איהם ניט? איבער דעם זאָגט אונז אַז די תורה: ודל לא תהדר בריבו, זאָלסט ניט בעשעהנען דעם אָרימאַן אין זיין קריעג. זעה העלף איהם, אום דער כעס זאָל איהם אָבגעהן, ווייל זיינע טענות זיינען שעהנע און גערעכטע.

תרומה

דַבֵר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה, זאָג צו די אידען, זיי זאָלען נעהמען צו מיר תרומה.

מיט דיזען פסוק פאַנגט זיך אָן היינטיגע פרשה. און נאַטירליך קען יעדער איינער פערשטעהן, אַז עס וואָלט זיך געפּאַסט אַ סך בעסער, עס זאָל שטעהן „ויתנו" לי תרומה, זיי זאָלען מיר געבען תרומה, ניט „ויקחו", זיי זאָלען נעהמען.

דערמיט גיט אונז די תורה אָנצוהערען, אַז ווען עס האַנדעלט זיך אום צדקה, איז פון געבען ביז נעהמען אַ קליינער אונטערשיעד; דער מענש ווייסט קיין מאָל ניט היינט, וואָס מיט איהם וועט פּאַסירען מאָרגען; היינט גיט ער צדקה, און מאָרגען וועט ער פיליכט דאַרפען נעהמען, און מען דאַרף דעריבער ניט זיין קיין גרויסער בעל גאוה, און מען טאָר ניט ביים געבען אַ נדבה צייגען, אַז איהר מאַכט גליקליך די וועלט מיט אייער נדבה; איהר מאַכט קיינעם ניט גליקליך, מעגליך, אַז מען וועט אייך אַליין אַמאָל דאַרפען שטי־צען, אָדער אייערע קינדער וועלען מוזען אָנקומען צו שטיצע. יעדע צדקה איז דעריבער „ויקחו", ניט „ויתנו".

די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען, איז אַ גלגל החוזר. דאָס מענשליכע גליק איז ווי אַ ראָד וואָס האַלט זיך אין איין דרעהען,

חיינט טרעפט עס איינעם, מארגען א צווייטען. די גמרא דער־
צעהלט אונז אין מסכת שבת (קנ"א), אז רבי חייא האט אמאל
געזאגט צו זיין פרוי: ווען דו זעהסט אז ארימאן געהט צו דיין
טהיר, זאלסטו לויפען און זאלסט איהם שנעל די נדבה אנטקעגען
טראגען, כדי מען זאל דיינע קינדער אויך שנעל אנטקעגען טראגען
די נדבות.

ווען רבי חייא'ס ווייב האט עס דערהערט, איז זי שרעקליך
אויפגערעגט געווארען פון כעס:

— אזא געטרייער טאטע ביזטו? האט זי אויסגערופען, און
דאס איז די ברכה, וואס דו בענשט דיינע קינדער?

— איך קען מיר ניט העלפען, האט רבי חייא געענטפערט,
מען מוז דערצו זיין פארבערייטעט; אלעס איז א רעדעלע, וואס
דרעהט זיך, אלעס איז א גלגל החוזר בעולם.

ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי.
וזאת התרומה אשר תקחו מאתם, זהב וכסף ונחושת.

צו פערשטעהן דיזע צוויי פסוקים ריכטיג, וועל איך אייך
פריהער פארשטעלען א קליינע בילד פון אונזער אלטער היימאטה,
א בילד וואס איז זעהר אינטערעסאנט.

אויב איהר קענט זיך עראינערען, פלעגט די מעות חטים קא־
מיטע אין יעדער שטאדט מאכען א טעקס אויף יעדען, לויט מען
האט יענעם געשאצט אין זיין פערמעגען. אין מיין שטאדט איז
איינער א געוויסער ר' וועלוועלע פיינזילבער געווען דער גרעסטער
עושר. ער איז געווען א איד, וועלכען מען האט גשאצט אין
צוויי מאל הונדערט טויזענד רובעל. איהם האט די מעות חטים
קאמיטע געטעקסט מיט 100 רובעל. דעם צווייטען גביר, ר' הערש
גרינבערג, 50 רובעל; ר' מענדעל יאמפאלסקי, 25 רובעל א. ז. וו.
ווען זיי זיינען געקומען אין קלויז דאוונען, און די קאמיטע האט
ביי זיי גענומען קאלעקטען דעם מעות חטים טעקס, האט זיך ערשט
דאן ארויסגעצייגט, אז פונ'ם פערשרייבען ביז'ן קריגען די קעש
איז א גאנץ ווייטער מהלך, און אז ניט אזוי גיך גיט יענער דאס,

וואָס מען פערשרייבט אויף איהם: וועלוועל פיינזילבער, אויף וועמען מען האָט פערשריבען 100 רובעל, האָט זיך גענומען דינגען און האָט קוים געגעבען 25 רובעל; דער וואָס איז געווען פער־שריבען 25 רובעל האָט געגעבען 5 רובעל, און אַזוי האָט די גאַנצע מזרח וואַנד רק אַבגעריסען און געטרייעט צו געבען ווייניגער ווי מען האָט זיי געטעקסט.

צווישען די אָרימע לייט, וואָס זיצען ביי דער טהיר, איז דאָן פאָרגעקומען אַ גאַנצע מרידה, זיי האָבען ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי זיינען מענשען אַזוי שלעכט און אַזוי קאַרג, פאַר וואָס זאָלען זיי ניט געבען וויפיעל מען פערשרייבט זיי, אַז זיי האָבען אַזוי פיעל געלד?

—ווען איך זאָל זיין אַזוי רייך ווי וועלוועל פיינזילבער, האָט איינ קבצן אויסגעשריען מיט גרויס התלהבות, וואָלט איך אַ וואָרט ניט גערעדט, וואָלט אַרויסגענומען דעם הונדערטער און וואָלט נאָך אַ חוץ געגעבען 20 קאָפּיקעס אויף תקון, זאָלען אידען טרינקען לחיים!

—איך וואָלט געגעבען צוויי הונדערט, האָט אַ צווייטער אָרי־מאַן געזאָגט און האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט.

— איך, פינף הונדערט!

— איך, גאַנצע טויזענד!

און אַזוי וואָס גרעסער דער אָרימאַן, האָט ער אַלץ מעהר געלד „געגעבען“ אויף מעות חטים.

דער מלאך, וואָס געהט נאָך דער קאַמיטע און פערשרייבט אַלע מעות חטים נדבות, ער זאָל עס דאָרט רעפּאָרטען אָפּ־סטעירן צום רבונו של עולם, געהט אַרום און פערשרייבט די קבצנ'ישע גרויסע נדבות, גלייך ווי די נגיד'ישע קלענערע נדבות, ציהט אונטער דעם סך הכל און קומט צום כסא הכבוד מיט'ן גאַנצען צעטעל.

— וועל, פרעגט איהם כביכול, ווי געהט עס דאָון־סטעירז מיט דעם קאַלעקשאַן? גיט דער עולם געלד?

— נאָך אַ מין געבען! רופט אויס דער מלאך מלא שמחה און פאַנגט אַן לעזען זיין לאַנגען צעטעל:

וועלוועל פיינזילבער 25 רובעל.

בעריל דער מלמד 100 רובעל.

יאָסי דער וואַסער־פיהרער 500 רובעל.

חיים יאנקעל לאטוטניק 200 רובעל.
מענדעל יאמפאלסקי 10 רובעל.
אברהם אידעל דער סופר 1000 רובעל.

און אזוי לעזט דער מלאך פאר דעם גאנצען צעטעל פון קליינע קעש איינגאהמען, וואס די גבירים האבען געגעבען, און פון די גרויסע געלדער, וואס קבצנים פיהלען צו געבען, ווען זיי וואלטען נאר האבען.

כביכול פאנגט אן שמייכלען.

— קמצנים זיינען אימער וותרנים. זאגט ער צום מלאך מיט'ן צעטעל אין האנד. דער אונגליק איז, וואס פאר די גרויסע סומען געלד, וואס די ארימע לייט האבען געגעבען מיט'ן הארצען, קען מען קיין מצות ניט קויפען, און אזוי ווי איך עס ניט און איך דארף ניט קיין מצות, וועלען זייערע נדבות זיין פאר מיר, און פאר די קעש זאל מען קויפען מצות פאר די ארימע לייט, וואס דארפען טאקע עסען.

דאס איז די בעדייטונג פון ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו, דער וואס האט א גוט הארץ, נאר ער האט ניט וואס צו געבען, ער האט ניט די קעש, איז עס מיין תרומה, די תרומה פאר מיר, תקחו את תרומתי.

וזאת התרומה אשר תקחו מאתם, זהב וכסף ונחושת, די צדקה וואס מען מוז האבען פאר די וואס ווילען עסען, מעג עס זיין וועניגער, אבער קעש, וויל מיט פערשפרעכונגען אליין קען מען דעם קבצן ניט זאט מאכען.

ויקחו לי תרומה. דער מדרש זאגט: איבער דעם שטעהט ויקחו, זיי זאלען נעהמען, ניט ויתנו, זיי זאלען געבען, צו צייגען, אז ס'איז ריכטיג אזא מצוה צו מאכען אנדערע זאלען געבען צדקה, ווי אליין צו געבען. מען דארף נעהמען צדקה ביי יעדען, וואס קען נאר געבען און עס פערטהיילען צו נויטליידענדע. די גמרא וויל האבען, אז דער וואס מאכט יענעם צו געבען צדקה, האט נאך א גרעסערע מצוה ווי דער וואס גיט אליין, גדול המעשה יותר מן העושה.

עס זיינען ליידער דאָ זעהר פיעל מענשען, וואָס מאַכען גרויסע פערמעגענס, טהוען זיך אַליין אַז כל התענוגים שבעולם, און ווילען גאַר ניט וויסען, אַז אַרום זיי זיינען דאָ עניים ואביונים, אַלמנות און יתומים, וועלכע געהען אויס ווי די ליכט פון הונגער און קעלט. נאַטירליך, גיט עס גאַר ניט קיין גרעסערע מצוה אויף דער וועלט ווי אַזעלכע אַלרייטניקעס צו קעטשען און זיי מאַכען צו געבען צדקה.

איך האָב אַמאָל געהערט אַ גלייכען וואָרט, וואָס פּאַסט זיך גרייליך צו די אַלרייטניקעס, וואָס מיינען, אַז זיי קומט אַלע גוטע זאַכען אויף דער וועלט און אַז מען טאָר זיי גאַר ניט באַדערען מיט די ווערה געשרייען פון די אָרימע לייט.

ווען אַ בוטשער בעטראַכט אַן אָקס, וואָס ער וויל קויפען צום שעכטען, זאָגט ער געוועהנליך, אַז דער אָקס וועט „געבען" אַזוי פיעל און אַזוי פיעל חלב. איז דאָך די פראַגע: גיט דען אַן אָקס חלב? אפילו דער גרעסטער אָקס, גרויס ווי אַ שור הבר, וועט ער אייך דען געבען אַפילו אַ פונט חלב אַליין? אסור! מען מוז איהם קוילען און אויפשניידען דעם בויך און „נעהמען", אַליין וועט ער ניט געבען; עס מוז זיין ויקחו, ניט ויתנו. און די וואָס מאַכען אַזעלכע אָקסען צו געבען חלב, האָבען געוויס אַ גרויסע מצוה.

תצוה

ואתה תצוה את בני ישראל, און דו זאָלסט אָנזאָגען די אידען מיט'ן הארבען וואָרט, ויקחו אליך שמן זית זך, זיי זאָלען נעהמען דעם ריינסטען, דעם בעסטען, געלייטערטען בוימעל, צו ברענען אין נר תמיד.

אייגענטליך איז דאָך אַ פראַגע: פאַר וואָס שטעהט ניט „דבר אל בני ישראל", ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות? פאַר וואָס איז גאָט

עפעס געווען אזוי שטרענג ביים בוימעל פון נר תמיד, וואס ער זאגט משה'ן: „ואתה תצוה"! דאס ווארט „תצוה" שמעקט מיט אן אוקאז, א סארט ביט פאסעמו.

אבער ווי עס ווייזט, האט דער רבונו של עולם גוט געוואוסט די נאטור פון אידען, אז זיי וועלען ליעב האבען צו געהן אין שוהל אריין און זיך מישען אין קהל'שע ביזנעס, מעהר צוליעב געשעפט ווי צוליעב גאט. א שטייגער ווי א מוהל ומסדר קדושין בעלאנגט אין א שוהל, אדער אן אינשורענס איידזשענט — אין אכטצעהן סאסייעטיס, אדער ווי א דאקטאר — אין זעקס און דרייסיג לאדזשען.

כביכול האט א קוק געטהאן, אז עס וועט זיך אנפאנגען אין משכן א ביזנעס מיט בוימעל, עס וועט זיין א פעטער ביסען. עפעס א קלייניגקייט, וויפיעל בוימעל מען וועט דארפען קויפען, דער נר תמיד האט גערדארפט ברענען טאג און נאכט, און יעדער אידישער גראסער וועט קומען און ווערען א מעמבער, אום צו קריגען דעם ארדער, דאן וועט זיך אנפאנגען א קאנקורענץ, איינער וועט לאזען ביליגער פון אנדערען, און יעדער וועט געבען עטוואס ערגערען בוימעל, אזוי לאנג ביז פון דעם שמן זית זך וועט ווערען א צוזאַ־מענמישעכטס פון סמאלע מיט קעראסין, וואס וועט ניט וועלען ברענען, און וועט מאכען א שלעכטען גערוך, אז מען וועט דארפען אנטלויפען פאר א מייל.

דעריבער האט כביכול געפונען פאר נויטיג צו ווארנען משה'ן, ער זאל אנזאגען די אידען מיט'ן הארבען ווארט, אז מיט גאט זאלען זיי קיין ביזנעס ניט פראווען. דער בוימעל מוז זיין ריין און גע־לייטערט, קיין שלעכטען בוימעל זאל מען ניט צונעהמען, מעג דער גראסער זיין א מעמבער, אדער ניט, וועט עס איהם גאר ניט העלפען, דער בוימעל וועט מוזען זיין פון בעסטען.

דער מדרש תנחומא דערצעהלט אונז א שעהנע מעשה'לע, וואס ציינט אונז, וואס פאר א פראכטפאלע לאנד ארץ ישראל איז אמאל געווען, און ווארום זי האט געקראגען דעם טיטול פון ארץ זבת חלב ודבש.

דער תנא רבי יונתן בן אליעזר האט זיך אוועקגעזעצט אונטער א טייטעלבוים אריינקוקען אין א ספר. עס איז געווען גאנץ פריה,

נאָר וואָס די זון איז אויפגעגאַנגען. די פויגעלעך זיינען אַרומגע־שפּרונגען פון בוים צו בוים און האָבען געזונגען שירה. דער הימעל איז געווען העל בלוי און לויטער, אַז מען האָט דורך איהם געקענט דורכקוקען און זעהן וואָס די פּמליא של מעלה טהוען. אַ קיהל ווינטעל האָט געבלאָזען מיט אַ זיסע, אַראָמאַטנע לופט, וואָס האָט געשמעקט ווי אַ טהייערע פּערפיום. די טהוי טראָפּענס האָבען ווי בריליאַנטען געפינקעלט אויף די בלעטלעך פון די בוימער און גראָזען, ביז די זונען שטראַהלען האָבען זיי קושענדיג צוגעלאָסטשעט און אַוועקגענומען מיט זיך.

דער בוים, אונטער וועלכען דער תנא רבי יונתן איז געזעסען, איז געווען פול מיט טייטלען. די טייטלען זיינען געווען אַזוי פעט, אַז דער האָניג פון זיי האָט אַרונטערגערונען אויף דער ערד, און דאָס ווינטעלע האָט אויסגעקנאַטען די ערד מיט'ן האָניג.

אין דער זעלבער צייט איז צום בוים צוגעקומען אַ ציעג און פון איהר ברוסט האָט אַרונטערגערונען טהייערע פעטע מילך און די מילך האָט זיך אויסגעמישט מיט'ן האָניג.

דער תנא רבי יונתן בן אליעזר איז פון דיזען בילד אַזוי בע־גייסטערט געוואָרען, אַז ער האָט געלאָזט ברענגען צו זיך זיינע אַלע תלמידים און האָט זיי געצייגט וואָס פאַר אַ טהייערע, געבענשטע לאַנד ארץ ישראל איז, דאַן האָט ער מיט גרויס התלהבות אויס־גערופען:

— זעהט, מיינע ליעבע תלמידים, דאָס איז בלויז עטוואָס, פון וועלכען מיר קענען זיך שאַפען אַ בעגריעף, וואָס עולם הבא וועט זיין!

ווען מען הויבט אָן אַפּט אַריינקוקען אין די אַלטע ספרים און אין די פערשיעדענע מדרשים, וואָס מיר האָבען אויף דער תורה, זעהט מען אַ מאָדנע זאַך. איבעראַל וואַרפט זיך דער אָרימאַן אין די אויגען. מען פערשטעהט, אַז אַלע אידישע חכמים האָבען דאַן געפילט, אַז די וועלט איז עפּעס שולדיג דעם אָרימאַן.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איינציגע פּרשה, וואו אונזערע אַלטע דענקער האָבען ניט אין זינען געהאַט צו פערהאַנדלען די וויכטיגע פראַגע פון אָרים און רייך.

מענשען מיט גרויסע קעפּ און ברייטע הערצער האָבען קיין מאָל ניט געקענט זיצען רוהיג ביי זיך אין הויז, וויסענדיג, אַז טויזענדע פון זייערע שוועסטער און ברידער ליידען הונגער און נויט. און מיר זעהען דעריבער, אַז ווענען וואָס פאַר אַ טהעמא זיי האָבען גערעדט, האָבען זיי דורך פערשיעדענע וועגען געזוכט אַריינצואוועבען אין אַלעם די פראַגע פון אָרים און רייך.

רעדענדיג פונ'ם בוימעל, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבען צום נר תמיד, האָט דער מדרש גענומען דאָס איינע וואָרט „שמן" און האָט עס צוזאַמענגעמישט מיט אַ פּסוק פון משלי, אום צו עפענען אַ וועג, מען זאָל קענען רעדען וועגען אָרימאַן.

דער פּסוק אין משלי איז: שמן וקטורת ישמח לב, ומתוק רעהו מעצת נפש.

דיזער פּסוק צייגט אונז, זאָגט דער מדרש, אַז מען דאַרף דעם אָרימאַן געבען גוטע שפּייזען צום עסען, ווי בוימעל מיט בשמים פערפראַוועט, אום מען זאָל זיין האַרץ דערפרעהען. מען טאָר ניט זיין בייז אויפ'ן אָרימאַן דערפאַר וואָס ער איז אַ קבצן. מען דאַרף מיט איהם רעדען מיט גוטען. טרייבט איהם ניט אַרויס ווען ער קומט צו אייך עפּעס בעטען, ער האָט אַזאַ חלק אין דער וועלט ווי איהר, און אויב איהר האָט צוגענומען זיין חלק אויך, און איהם איז גאָר ניט געבליבען, דאַרפט איהר זיך אויף איהם ניט בייזערען. עס איז גענוג, אַז ער בייזערט זיך ניט אויף אייך, און ווען אפילו ער זאָל זיך בייזערען און זאָל שרייען, דאַרפט איהר אויך שווייגען, ווייל ער האָט גערעכטע טענות, און ווייל ער איז אימער אַ מר נפש.

מען דערצעהלט, אַז דער ווילנער גאון, זכרונו לברכה, האָט אַמאָל אין אַ דרוש געזאָגט, אַז צדקה איז איינגעטהיילט אין דריי פערשיעדענע קאַטעגאָריען. איינער איז אין נאַטור אַ בעל צדקה און גיט צו יעדער צייט וויפיעל ער קען צו פערלייכטערען די שמערצען פון אָרימאַן. אַ צווייטער גיט נאָר דאַן, ווען ער זעהט עפּעס אַ סכנה ביי זיך אין הויז, ווען אַ קינד איז ביי איהם קראַנק און ער וויל מיט צדקה אויסקויפען דעם אונגליק. אַ דריטער סאָרט איד איז דאַ, וואָס אַזוי לאַנג ווי ער איז געזונד און קען זיך נאָך אַרומדרעהען אויף די פיס, וועט ער אַ פּעני ניט געבען, און ערשט

דאַן ווען ער האָט שוין בײַ שטאַרבען, הייסט ער אָבשרייבען עפּעס פאַר משאַריטי, ווייל אַליין האָט ער קיין האַרץ ניט געהאַט צו געבען.

דיזע דריי קאַטעגאָריען צדקה, האָט דער גאון געזאָגט, ווערען אָנגעצייגט אין די ווערטער: זהב, כסף נחשת.

זהב מאַכט אין ראשי תבות זה הנותן בריא.

כסף מאַכט אין ראשי תבות כשיש סכנה פודה.

נחשת מאַכט אין ראשי תבות נתינת חולה שאומר תנו.

צו צייגען די וויכטיגקייט פון צדקה און איינצואַווארצלען אין יעדען איינעם די מדה פון רחמנות, איז אונזער אַלטע ליטעראַטור פול מיט פּראַכטפאַלע לעגענדען וועגען וואונדערליבע פּאַסירונגען, וואָס האָבען דעם טענדענץ צו פערשפּרייטען און ענטוויקלען אין דער מענשהייט אַזוי פיעל הומאַניטעט וויפיעל עס איז נאָר מעגליך.

אין מסכת שבת, קנ״ו, געפינען מיר פאָלגענדע שעהנע געשיכטע:

רבי עקיבא האָט געהאַט אַ שעהנע און זעהר אַ פיינע געבילדעטע טאָכטער. ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָט רבי עקיבא געפּראַוועט אַ רייכע חופּה וועטשערע, צו וועלכער עס זיינען געווען געלאַדען די פיינסטע בעלי בתים און די גרעסטע תלמידי חכמים פון שטאָדט.

ווען דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש עסען, איז אַריינגעקומען אַן אָרימאַן, אָבגעריסען, אָבגעשליסען, און דער הונגער איז איהם אויפ׳ן פּנים געלעגען. אָבער קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט און קיינער האָט איהם ניט געבעטען זיצען און עפּעס נעהמען אין מויל אַריין. רבי עקיבא אַליין איז געווען צוטראָגען מיט די געסט און האָט נאָר דעם אָרימאַן ניט בעמערקט.

די כלה האָט איהם אָבער יאָ בעמערקט און זי איז גלייך אויפגעשטאַנען פון איהר פּלאַץ, האָט איבערגעלאָזט אַלע רייכע געסט און איז געלאָפען אַטענדען צום אָרימאַן. זי האָט איהם אַוועקגעזעצט אויף אַ טשער, האָט איהם דערלאַנגט עסען און טרינקען און האָט איהם אַליין בעדיענט ביז ער האָט אָבגעגעסען, נאָכהער האָט

זי איהם געגעבען אַ פּאָר סענט און דער אָרימאַן האָט זי געבענשט און איז אַוועקגעגאַנגען אַ צופרידענער.

שפּעט ביי נאַכט, ווען דער עולם האָט זיך משמח געווען, און אין הויז איז שטאַרק היים געוואָרען, איז די כלה אַרויסגעגאַנגען אַ ביסעל אין גאָרטען זיך אָבקיהלען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען פּאַרקען, האָט אויסגעטהאַן די קרוין־העט, וואָס כלות פּלעגען דאַן טראָגען, און האָט זי אויפגעהאַנגען אויפ'ן פּאַרקען. די קרוין־העט האָט אויף זיך געהאַט אַ סך שטעכעדיגע שפּיצען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אָנגעשטאָכען פערשיעדענע לעבעדיגע בלומען.

ווען די כלה האָט זיך אַ ביסעל ערפרישט מיט ריינע גאָרטען־לופט, האָט זי צוריק אָנגעטהאַן די העט און איז אַריינגעגאַנגען אין הויז.

— טאָכטער מיינע! האָט דער פאָטער אויסגעשריען אַ פערציטערטער, ווען ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאַן און האָט דער־זעהן, אַז אויף איין שפּיץ פון דער העט הענגט אַ טויטע שלאַנג מיט'ן אויג אָנגעטשעפּעט אַן דער שאַרף פון דער שפּילקע. ביזט גערעטעט, טאָכטער, פון אַ זיכערען טויט! גאָט צו דאַנקען!

אויף מאָרגען האָט ביי איהר דער פאָטער געפרעגט:

— זאָג מיר, מיין קינד, וואָס פאַר אַ מצוה האָסטו נעכטען געטהאַן?

און ווען זי האָט דערצעהלט דעם פאָטער, וואָס זי האָט געטהאַן מיט'ן אָרימאַן, האָט ער אויסגערופען:

— יעצט איז שוין רעכט, וואָס עס שטעהט צדקה תציל ממות!

אַ צווייטע עהנליכע געשיכטע געפינען מיר אין דער זעלבער מסכת, אַז שמואל און זיין פריינד אבלט זיינען אַמאָל געזעסען און האָבען געשמועסט ווענען פערשיעדענע טאָגעס פראַגען. אבלט האָט געהאַט אַ נאָמען אָלס אַ שטערען זעהער. דערווייל איז נעבען זיי פאַרביי־געגאַנגען אַ מאַן און אבלט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט שמואל'ען, אַז דיזער מאַן וועט היינט געביסען ווערען פון אַ שלאַנג און וועט דערפון שטאַרבען.

— עס איז נאָך ניט אַזוי זיכער, האָט איהם שמואל געענט־פערט. אויב ער איז אַ בעל צדקה, וועט ער בלייבען לעבען. איך

גלויב אין צדקה תציל ממות א סך בעסער ווי אין דיין שטערן זעהעריי.

אין א פּאָר שטונדען אַרום איז דער מאַן געגאַנגען צוריק פון פעלד. אבלט איז אויפגעשטאַנען און האָט אַבגעבונדען דאָס בינטעל גראָז, וואָס דער מאַן האָט אויף די פּלייצעס געטראָגען, און עס איז אַרויסגעפאַלען פון דאָרט א שלאַנג צוריסען אין שטיקער. שמואל האָט זיך דאַן געווענדעט צום מאַן און האָט ביי איהם געפרעגט:

— וואָס האָסטו היינט געטהאָן עפּעס א גוטע זאַך?

— מיר האָבען א סאָסייעטי פון גוטע פריינד, האָט דער מאַן געענטפערט, און אַלע טאָג ברענגען מיר אונזערע סעודות און עסען אַלע צוזאַמען. היינט האָט איינער פון אונז ניט געהאַט וואָס צו ברענגען, און איך האָב ניט געוואָלט, ער זאָל מבויש ווערען, האָב איך די גאַנצע סאָסייעטי אַבגענאַרט און האָב געמאַכט אַזוי, אַז אַלע זאָלען מיינען, אַז ער האָט אויך געבראַכט.

— דאָס האָט דיך געראַטעוועט פון טויט! האָט שמואל אויסגערופען. געה אַהיים בשלום, ביזט א פיינער מאַן

כי תשא

היינטיגע וואָך, רבותי, ווילען מיר א ביסעל לערנען די פרשה כי תשא.

אבער איך וויל, אַז איהר זאָלט מיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל פערשטעהן, אַז לערנען אַליין איז ניט גענוג, פון דעם לערנען מוז מען זיך עפּעס אַבלערנען. אייער קאָנגרעגיישאָן מטיף וועט עס אייך פּיליכט ניט זאָגען, ער דאַרף האָבען אייערע פּאָר סענט, און ער וויל זיך מיט אייך ניט איינרייסען. דעריבער דערצעהלט ער אייך, אַז איהר זייט אַלע צדיקים גמורים, אבער איך, רבותי, בין

אז אינדעפענדענט מטיף, און האב קיין מורא ניט אייך צו זאגען דעם אמת, אז' איהר זייט נאך גאנץ ווייט פון צו זיין צדיקים גמורים, און אז איהר האט נאך זעהר פיעל אבצולערנען פון דעם וואס איהר לערענט, דאס הייסט, אז מיט'ן לערנען אליין, און אפילו מיט'ן געהן אין שוהל אריין דאווענען, איז מען נאך ניט קיין צדיק גמור, און אפילו ניט קיין גאנצער איד.

אז איהר ווילט זיך רעכענען אין אידישען צעטעל, אז איהר ווילט טראגען עהרליך דעם נאמען איד, מוז עס אייך קאסטען געלד. צדקה איז א הייליגער נאציאנאלער טעקס, פון וועלכען קיינער קען זיך ניט בעפרייען, און קען עס ניט אבצאהלען מיט דאווענען, אדער מיט אנדערע מעשים טובים, מען מוז געבען קעש.

דאס קענט איהר אבלערנען פון פרשה כי תשא. ווען גאט האט געהייסען משה'ן, ער זאל מאכען א צענזוס און איבערצעהלען די אידען, האט ער אנגעזאגט, מען זאל נעהמען ביי יעדען א האל־בען שקל קעש. ער האט ניט געזאגט, מען זאל איבערצעהלען די אידען נאך דער צאהל פון זייערע טלית און תפילין'ס, דאס איז ניט קיין ריכטיגער סימן פון אידישקייט. דער איינציגער גוטער סימן, אז מען איז א איד, איז, ווען מען גיט צדקה אויסצוהאלטען ריכטיג אלע אידישע פאלקס אינסטיטושאנס, אלע אידישע תלמוד תורה'ס, ישיבות, און יעדע זאך וואס האט צו טהאן מיט'ן אידישען געמיינדע־לעבען.

אידען, וואס גיבען קיין געלד ניט פאר צדקה, און דענקען, אז זיי טהוען אזוי אויך דעם רבונו של עולם א טובה דערמיט וואס זיי געהען אין שוהל אריין, דערמאהנען מיר אן אן אמת'ער גע־שיכטע, וואס האט פאסירט אין דער צייט פון רוסיש־יאפאנעזישען קריעג:

א גרויסער גענעראל פון פעטערבורג איז דאן ארומגעפאהרען צווישען די פויערים אין יוגא־זאפאדני קראי און האט אדרעסירט מאסען פערזאמלונגען צו ערוועקען פאטריאטיזם אין די הערצער

פון די פּויערים, זיי זאָלען עטוואס צייגען אָפּפערוויליגקייט פאַר זייער פאַטערלאַנד, וועלכע געפינט זיך אין אַ קריטישען צושטאַנד.

נאָכ'ן רעדען האָט דער גענעראַל אַרויסגענומען אַ סובסקריפּשאָן ליסט, יעדער איינער זאָל זיך פערשרייבען וויפיעל ער וועט געבען צושטייער צו קויפען נייע שיפען פאַר דער רוסישער פלאָטע.

די פּויערים זיינען אַלע מיט שמחה געלאָפען זיך פערשרייבען. איינער האָט זיך פערשריבען 10 רובעל, אַ צווייטער 20 רובעל, אַ דריטער 100 רובעל, און אַזוי האָט קיין איינציגער ניט דורכגעלאָזט די גוטע געלעגענהייט און יעדער איינער האָט זיך פערשריבען אַ געוויסע סומע צו געבען פאַר דער רוסישער פלאָטע.

דער גענעראַל האָט זיך גאַר מחיה געווען. ער האָט געמיינט, לויט דעם צעטעל, אַז באַלד וועט ער שוין קענען אָרדערען אַ קריעגס שיף, וואס מען וועט מיט איהר מרעיש עולם זיין. ווען עס איז געקומען צום קאָלעקטען די קעש, האָט ער צוגערופען דעם ערשטען פון צעטעל:

— אַנטאָן מיכאַלענקאָ! האָט ער אויסגערופען, איהר האָט זיך פערשריבען 25 רובעל, אַרויס מיט געלד! זייט גוט אויף אַ פּאַטשאַטעק!

— וואשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא, האָט דער פּויער אָנגעפאַנגען שטאַמלען, קיין געלד האָב איך נים. איך בין אַ גרויסער אָרימאַן, נאָר איך וועל געהן דאָס געלד „אָבזיצען". פאַר יעדע קאָפּיקע, וואס איך האָב זיך פערשריבען צו געבען פאַר דער פלאָטע, וועל איך „אָבזיצען" אין טורמע וויפיעל עס פּאָלאָגאַיעט זיך פּאָ זאַקאָנו.

וועל, אַן אָפּפער איז עס פּיליכט אַ גרעסערער, ווי צו געבען קעש געלד, אָבער ווען אַלע האָבען אויף אַזאַ אופן געוואָלט ביישטייערען צו דער רוסישער פלאָטע, איז דערוויל רוסלאַנד אָהן אַ פלאָטע געבליבען ביז היינטיגען טאָג.

איך בין אפילו ניט קיין דובנער מגיד, אָבער מיין משל פּאַסט זיך זעהר גוט צו די וואס ווילען „אָבזיצען" אין שוהל פאַר די פאַר סענט וואס מען דאַרף האָבען צו פערגרעסערען די אידישע פלאָטע. צו בויען תלמוד תורה'ס און זיי אויסצוהאַלטען, מוז מען האָבען

קעס. דעריבער דערצעהלט אונז די פרשה כי תשא, אז ווען עס האַנדעלט זיך אום איבערצוצעהלען די צאהל פון אידישע נפשות, מוז מען צעהלען זייערע האַלבע שקלים. אהן געלד וועט יעדער איינער שרייען, אז ער איז א איד, אבער דער וואָס וויל ניט מיט־העלפען אויסצוהאַלטען זיין אידישע געמיינדע, קען זיך ניט צעה־לען צווישען אידען, ער מעג זיצען גאַנצע טעג אין שוהל. אמת, אַז אפּפערוויליגקייט איז עס, אבער מען קען דערפאַר קיין פלאַטע ניט בויען.

לך רד כי שחת עמך. שנעל, משה, געה אראָב פון הימעל, דיין פאָלק האָט דאָרט געמאַכט א חורבן.

דער מדרש תנחומא דערצעהלט אונז, אַז משה האָט אין זיך געהאַט אַלע גוטע מדות פון א ריכטיגען פיהרער. ער האָט ניט נעגלויבט אין חנפ׳ענען אפילו דעם רבונו של עולם. אַלס פערטרע־טער פון ישראל איז ביי איהם גאַר קיין שלעכטער איד ניט געווען. משה האָט אימער געהאַט מעהר טענות צו גאָט ווי גאָט צו די אידען.

— דו זאָגסט, האָט משה רבנו גע׳טענה׳ט צו גאָט, אַז די אידען זיינען שלעכט, פערדאָרבען, עס קומט זיי שרפה, אַז אונגליק, זיי האָבען געמאַכט אַן עגל! פאַר וואָס פערגעסטו אָבער, אַז אברהם האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר דיר צו פערברענט ווערען אויף קדוש השם אין אור כשדים?

— דו זאָגסט, אַז זיי קומט אַלעמען אויסצוקוילענען, א קליינינ־קייט, אַן עגל! פאַר וואָס פערגעסטו, אַז יצחק האָט אליין אויסגע־שטרעקט זיין האַלדז געקוילעט צו ווערען, אום צו מאַכען דיין נאָמען גרויס?

— ביזט בייז אויף די אידען, פאַר וואָס זיי האָבען געלייקענט אין דעם אנהויב פון די עשרת הדברות, און וואָס איז עפּעס מיט דיר כביכול אַליין, אַז דו ווילסט אונז פערדרעהען דעם סוף פון די עשרת הדברות, וואָס דו האָסט געשוואָרען צו די אידען, אַז דו וועסט פערמעהרען זייערע קינדער, אַז זיי וועלען זיין כחול אשר על שפת הים?

וינחם ד׳ על הרעה, ווען גאָט האָט געהערט אַזעלכע דבורים, האָט ער פערשטאַנען, אַז משה איז א גדול און אַז ער האָט רעכט.

און גאט האט אלע זיינע שלעכטע מחשבות וועגען די אידען צוריקגעצויגען.

ויקהל

יעדעס מאל, ווען איך נעהם דעם מדרש, אדער אן אנדער אלטען אידישען ספר אין האנד, פיהל איך אמת שטאלץ, וואס איך בעלאנג צו א פאלק, וואס האט אימער געהאט גרויסע אידעען און גרויסע מענער.

די היינטיגע אידישע יוגענד, די קינדער וואס לערנען נים קיין העברעאיש, אדער די וואס לערנען בלויז פון יוצא וועגען, אויפ'ן שפיץ מעסער, עברית בעברית, משטיינס געזאגט, און לערנען נים און האבען נים קיין אהנונג פון אונזערע אלטע שריפטען, קענען, נאך מיין מיינונג, בשום אופן נים זיין אזעלכע ריכטיגע, טרייע אידען ווי די פון אלטען בית המדרש.

די אידישע קינדער, וואס קריגען זייער ערציהונג נאר אין סקוהל און נאכהער אין דער ענגלישער ליטעראטור, ווען זיי לעזען א גוטען ענגלישען בוך ווערען זיי נשתומם, זיי ווערען שטארק נתפעל און דענקען, אז אין דער אידישער ליטעראטור איז געוויס אזא ווערק ניטא. נאטירליך, אזעלכע קינדער קענען קיין ברעקעל נאציאנאלען שטאלץ נים האבען. און דאס איז, נאך מיין מיינונג, די הויפט אורזאכע, ווארום מיר בעגעגענען אזוי פיעל פעלע פון געמישטע הייראטהען דארט וואו דער אידישער חנוך איז פערנאכלעסיגט. דער וואס ווערט ערצויגען אין פרעמדע ליטעראטור דענקט, אז יענע האבען אלע גרויסע חכמים און אלע גרויסע אידעען, אז מיר זיינען קליינע, אונבעדייטענדע מענשעלעך אין פערגלייך מיט זיי, און עס ווערט גאר ביי מאנכע אידישע יונגע לייט

אַ גאַנצער כבוד זיך איינצוקויפען ביי די אומות העולם אין זייער יחום.

די אידען פון אַלטען חדר, די אידען, וועלכע האָבען גוט גע־לערענט די אַלטע אידישע שריפטען, און לעזען נאָכהער די וועלט־ליכע ליטעראַטור, די האָבען ניט שטאַרק וואָס צו נתפעל ווערען פאַר היינטיגע גדולים; אין געגענטהייל, וואָס פאַר אַ גרויסעס ווערק אַ נייעס איהר זאָלט ניט לעזען אין אַ פרעמדע שפּראַך, אין ענגליש, פראַנצויזיש, אָדער אין דייטש, אָדער אין אַלע אַנדערע ציוויליזירטע שפּראַכען, וועט איהר אַלץ מערקען, אַז דאָס הויפּט גוטעס, דער עסענץ פון דעם ווערק, איז שוין מיט הונדערטע און הונדערטע יאָהרען צוריק, טהיילווייז, אָדער אין גאַנצען, אַרויס־געזאָגט געוואָרען פון אונזערע אַלטע אידישע פילאָזאָפען. און אַנ־שטאָט צו פאַלען כורעים פאַר יעדען נייעם מאָדערנעם דענקער, וואָס שרייבט אַז עטוואָס וויכטיגעס, ווערט דער איד פון אַלטען בית המדרש אַלץ מעהר און מעהר שטאָלץ מיט זיין אייגען פאָלק און מיט זיינע אייגענע דענקער, וואָס זיינען אימער געווען די ערשטע, די וועג ווייזער, אין יעדע גוטע אידעע.

בערג מיט ביכער ווערען יעדען יאָהר פערפאַסט, מיט'ן איינ־ציגען אבזיכט צו ריפיינען און צו ליימערען די מענשליכע כאַראַק־טערע; יעדער גרויסער מענש שטרעבט צו ווירקען מיט זיין פע־דער, די מענשען זאָלען ווערען בעסער, עס זאָל ניט הערשען אַזוי פיעל קנאה, שנאה צווישען מענש און מענש — און דאָך, ווען מיר שטודירען גוט דיזע אַלע ווערק, זעהען מיר, אַז אין כל חדש תחת השמש, אַלעס איז שוין דאָ געווען, אונזערע אַלטע אידישע חכמים האָבען שוין לאַנג, לאַנג דאָס זעלבע געשריבען, און די נייע מאָדערנע גדולים האָבען גאַנץ ווייניג נייעס צו צייגען אין זייערע שריפטען.

דאָס אַלעס איז מיר גראָדע אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען, ווען איך האָב גענומען דעם מדרש תנחומא אין האַנד עפּעס צו שרייבען וועגען דער פרשה פון וואָך.

דיזע וואָך איז פרשה ויקהל.

דער מדרש תנחומא פאַנגט אָן זיין דרוש אויף פרשה ויקהל מיט'ן פּסוק: ויאמר משה אל בני ישראל, ראו קרא ה' בשם

בצלאל, און משה האָט געזאָגט צו די אידען, זעהט, גאָט האָט ניט געזאָגט בלויז גלאַט איין דער וועלט אריין, מען זאָל נעהמען אַ בעל מלאכה צו בויען דעם משכן, נאָר ער האָט דעם בעל מלאכה אָנגערופען מיט'ן נאָמען. ער האָט אויסדריקליך געזאָגט, מען זאָל נעהמען בצלאל'ען.

דאָס צייגט, זאָגט דער מדרש, ווי גוט עס איז דעם מענשען, וואָס שאַפט זיך אַ גוטען נאָמען. וואָס מעהר גוטעס אַ מענש טהוט, אַלץ אַ גרעסערען נאָמען קריגט ער, און אַלץ מעהר זיכער איז ער, אַז ווען עס וועט זיך מאַכען עפּעס אַ גוטער דזשאָב, וועט מען איהם שוין זוכען. דריי נעמען האָט געוועהנליך אַ מענש, זאָגט רבי תנחומא: איין נאָמען איז, וואָס טאַטע מאַמע רופען איהם; דער צווייטער נאָמען איז, וואָס לייטע רופען איהם; דער דריטער נאָמען איז, וואָס ער קויפט זיך אַליין. דער בעסטער נאָמען איז דער, וואָס דער מענש קויפט זיך אַליין, נבחר שם מעושר רב, אַ נאָמען איז בעסער פון פיעל רייכטהום, ווי מיר זעהען, אַז איבער דעם, וואָס בצלאל האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען, האָט ער זוכה געווען, אַז גאָט אַליין האָט איהם געהייסען געבען דעם קאָנטראַקט צו בויען דעם משכן.

און דער מדרש תנחומא ברענגט דאָביי אַ גאַנצע רייהע ביי־שפּיעלע, מענשען זאָלען נעהמען אַ לעסאָן, צו וויסען, ווי גוט עס איז צו האָבען אַ גוטען נאָמען און אַ ריינע רעפּיוטיישאָן אין לעבען.

צווישען די איינינגע אַרגומענטען, וואָס דער מדרש ברענגט אַלס בעשטעטיגונג וועגען דער וויכטיגקייט פון היטען דעם נאָמען, איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט פאָלגענדער אַרגומענט: ווען שלמה המלך האָט געזאָגט טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו, האָט מען ביי איהם געפרעגט, וואָס ער מיינט מיט די ווערטער, און וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט דער טוב שם משמן טוב מיט'ן אַנדערען האַלבען פּסוק ויום המות מיום הולדו.

דערויף האָט שלמה געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

„אין דער צייט ווען דער מענש ווערט געבאָרען, ווייסט קיינער ניט, ווער און וואָס ער איז, אָבער ווען ער שטאַרבט מיט אַ גוטען נאָמען, איז ניט נאָר מיט זיין לעבען האָט ער געבראַכט נוצען דער וועלט, נאָר זאָגאַר מיט זיין טויט טהוט ער אויך זעהר פיעל גוטעס.

א מאסע מענשען געהען צו זיין לויה, יעדער איינער האט עפעס גוטעס צו דערצעהלען וועגען איהם, און צו דער זעלבער צייט זעהט יענער, ווי פיין עס איז, ווען מען שאפט זיך ביים לעבען א גוטען נאמען".

דאס מיינט דער פסוק טוב שם משמן טוב, עס איז בעסער א גוטער נאמען ווי גוטער בוימעל, ויום המות מיום הולדו, און דער טאג, וואס אזא מאן שטארבט ברענגט דער וועלט א סך מעהר גוטעס ווי דער טאג פון זיין געבארען, ווייל דאן האט נאך קיינער נים געקענט וויסען, וואס פאר א מענש ער וועט זיין, אבער יעצט ווערט ער פיר יעדען א סאמפעל פון טוגענד.

טוב שם משמן טוב, א גוטער נאמען איז בעסער ווי גוטער בוימעל. דער מדרש פרעגט דערויף: ווארום זאגט ער נים ווי גוטער וויין, אדער ווי גוטער האניג? וואס איז עפעס גראדע בוימעל?

אבער דאס איז אבזיכטליך געזאגט געווארען אום דער מענש זאל נים דענקען, אז ער איז בלויז איינער, א יחיד, און אז ווען ער וועט זיין גוט און וועט היטען זיין נאמען, וועט עס גאר קיינער נים מערקען אפילו, ווייל דאס רוב מענשען זיינען פערדארבען, דעריבער זאגט ער טוב שם משמן טוב, אזוי ווי בוימעל מיט וויפיעל וואסער דו זאלסט איהם נים צומישען, וועט אלץ דער בוימעל ארויף פון אויבען, אזוי איז אויך דער גוטער נאמען, קיין אונטער־שיעד וויפיעל שלעכטע מענשען עס זאלען זיך נים געפינען ארום, וועט דער מענש מיט'ן גוטען נאמען דאך ארויפשווימען פון אויבען, אלס א סאמפל ווי מענשען דארפען זיך פיהרען, איין גוטער מענש וועט מאכען צעהן אנדערע גוט.

רעדענדיג פון מדרש תנחומא וועט זיין פאר יעדען זעהר אינ־טערעסאנט צו וויסען, אז רבי תנחומא אליין איז אין נאטור געווען זעהר א ליבעראלער מענש, ער האט נים געגלויבט אין זוכען חסרונות אין מענשען. ער האט נאר געזוכט די מעלות אין יעדען, און האט פיינט געהאט פאנאטיקער, וואס טרייען צו פרום מאכען אנדערע מיט געוואלד, ער האט געגלויבט אין דברי חכמים בנחת נשמעים.

און מיר געפינען אין ויקרא רבה פאָלגענדע געשיכטע וועגן רבי תנחומא:

אין די צייטען פון רבי תנחומא איז איין מאָל אַ לאַנגע צייט קיין רעגען ניט געגאַנגען. די שטאָדט לייט זיינען געקומען צו רבי תנחומא און האָבען איהם געבעטען, ער זאָל מתפלל זיין, עס זאָל געהן רעגען.

ער האָט זיך גלייך גענומען צו די געוועהנליכע כלי זיין, האָט גוזר תענית געווען, און האָט געהאַלטען אַ דרשה, מען זאָל געבען צדקה, רחמנות האָבען אויף אָרימע לייט, אפשר וועט דאָס העלפען און גאָט וועט זיך מרחם זיין און וועט שיקען רעגען.

אין דער זעלבער שטאָדט האָט געוואָהנט אַ געוויסער אָנשטענ־דיגער מענש, וועלכער האָט זיך גראָדע געהאַט געג'גט מיט זיין פרוי. זי איז געווען זעהר אָרים, איז געגאַנגען קרועה בלואה, און עס האָט איהר איינפאַך געפעהלט ברויט. וועהרענד זי איז אַזוי געגאַנגען אַ פעראַרימטע. אַ פער'חושך'טע זוכען ערגעץ אַ שטיקעל ברויט, האָט זי גראָדע אָנגעטראָפען אין סטריט איהר געוועזענעם מאַן. זי האָט זיך פאַר איהם ביטער צוּאוויינט און האָט איהם געבעטען, ער זאָל אויף איהר מיטלייד האָבען און זאָל איהר עפּעס אויסהעל־פען, ווייל זי שטאַרבט איינפאַך פון הונגער, זי געהט אוים ווי אַ ליכט. ער האָט איהר צער ניט געקענט צוזעהן, האָט ארויסגענומען וויפיעל געלד ער האָט געהאַט אין פּאַקעט און האָט איהר אוועק־געגעבען, פאַר וועלכען זי האָט איהם זעהר געדאַנקט און אַ קוש געטהאַן אין האַנד.

פאַנאַטיקער און פינסטערע נשמות פעהלען, ברוך השם, קיין מאָל ניט. מיט אַמאָל זיינען אַ גאַנצע כאַפּטע מיט אַזעלכע פאַנאַ־טיקער אריינגעלאָפען מיט אַ געוואַלד צו רבי תנחומא:

— רבי! מיר וויסען שוין, פאַר וואָס גאָט שטראָפט אונז און וויל קיין רעגען ניט געבען, האָבען זיי געשריען אַלע אויף אַמאָל. אָט געהען מיר ערשט פון אַ פּלאַץ, וואו מיר האָבען מיט אונזערע אויגען געזעהן אַ געוואַלדיגען חטא. דער און דער האָט זיך יעצט אין מיטען גאַס אונטערהאַלטען מיט זיין געג'גט'ע ווייב, און מיר האָבען אַליין געזעהן ווי ער האָט איהר געגעבען געלד!

רבי תנחומא האט גלייך געשיקט רופען דעם מאן און האט איהם געזאגט:

— איך וויל וויסען, וואס פאר א ביזנעס דו האסט געהאט אין סטרים מיט דיין גע׳גט׳ע ווייב? און פאר וואס האסטו איהר געלד געגעבען?

— גאט איז מיין עדות, האט דער מאן געענטפערט, אז איך האב חלילה קיין שלעכטע זאך ניט אויסען געווען. גראדע האב איך היינט געהערט אייער דרשה, אין וועלכער איהר האט אזוי שטארק מעורר געווען דעם עולם צו געבען צדקה און צו האבען מיטלייד מיט׳ן ארימאן. געהענדיג אין סטרים האט מיך מיין געשיעדענע פרוי בעגעגענט און האט מיך אבגעשטעלט, איך זאל איהר געבען א נדבה, זי שטארבט פון הונגער. עס האט מיך שרעקליך פערקלעמט פאר׳ן הארצען און וויפיעל געלד איך האב נאר געהאט ביי זיך אין פאקעט, האב איך ארויסגענומען און איהר אוועקגעגעבען. איך גלויב, אז איך האב געטהאן ווי דער נביא האט געזאגט: ומבשרך אל תתעלם, פון דיין בלוט און פלייש זאלסטו זיך ניט דערוויימערען.

ווי רבי תנחומא האט דערהערט זיינע רייד, איז ער אויפגעשטאנען און האט דעם מאן פאר אלעמען אין די אויגען געהאלדזט און געקושט, דאן האט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האט געהאלטען פאלגענדען געבעט:

„גרויסער גאט, העדר פון דער וועלט! טהו א קוק אויף דיזען מאן, ער איז דאך בלויז א בשר ודם, און ער האט ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון דער יעניגער, וואס איז אמאל געווען זיין פרוי, כאטש יעצט איז זי צו איהם א גאנץ פרעמדע, וויפיעל געלד ער האט ביי זיך געהאט, האט ער איהר אוועקגעגעבען. מיר זיינען דאך דיינע קינדער, פאר וואס זאלסטו זיך איבער אונז ניט דערבארעמען, אונז געבען רעגען, מיר זאלען ניט מוזען שטארבען פון הונגער?"

און באלד ווי רבי תנחומא האט דיזע קורצע תפילה געענדיגט, האט א שווערער וואלקען זיך געצייגט אויפ׳ן הימעל און עס האט גערעגענט נאכהער גאנצע דריי מעת לעת.

פקודי

די פרשה פקודי לערענט אונז א וויכטיגען לעסאָן, אז יעדער איינער וואָס מישט זיך אין קהל'שע ענינים און הענדעלט קהל'שע געלדער, דאַרף זיך היטען, מען זאָל איהם ניט חושד זיין, אז ער גנב'עט, ווי אין פסוק שטעהט „והייתם נקיים מה' ומישראל", און ביי אונז אין וואָהלין טייטשט מען דעם פסוק והייתם נקיים מה' ומישראל, אז גאָט זאָל אבהיטען פון גוי'אישע הענט און פון איי־דישע מיילער.

מי לנו גדול ממשה, ווי קען מען נאָך האָבען א גרעסערע און מעהר וויכטיגערע פערזאָן פון משה'ן. פונדעסטוועגען האָט מען אויף איהם אויך געמורמעלט, אז עס האָט זיך צו זיינע פינגער צו־געקלעפּט א ביסעל פון די משכן געלדער, וואָס ער האָט פערוואַל־טעט, און ער האָט זיך גאָר ניט געשעהמט צו געבען חשבון אויף יעדער פעני, וואָס ער האָט אריינגעקראָגען פאַר'ן משכן, און צו איבערצייגען יעדען, אז די איינגאָהמע און אויסגאַבע שטימען ריכטיג.

אלה פקודי. דער מדרש פאַנגט אָן דעם דרוש אויף פרשה פקודי מיט א פסוק פון משלי: טוב מעט ביראת ה' מאוצר רב ומהומה בו, עס איז בעסער צו האָבען ווענ[י]ג געלד, נאָר עס זאָל זיין עהרליך פערדיענט און כשר, קיינער זאָל אייך דערפאַר ניט שעלטען, איידער צו האָבען א סך, וואָס קומט דורך גנבה וגזלה און דורך רייסען שווערע פּראָצענטען.

אונזערע אלטע חכמים זיינען געוועזען זעהר שטרענג געגען גזלה, געגען ניט עהרליך פערדיענטע געלד. „טיינטעד מאָני", ווי דער אמעריקאַנער רופט עס, איז ביי אונזערע חכמים געוועזען פעררע־בענט אלס א שרעקליכער פערברעכען. זיי האָבען אויף אַזוי פיעל

געהאסט גזלה, אז זיי גיבען אונז אנצוהערען, אז אבוואהל דער דור המבול איז געווען איינגעטונקט אין זנות, אין עבודה זרה און אין אלע אנדערע שווערע עברות, פונדעסטוועגען איז דער מבול נאר געקומען איבער גזלה.

די גמרא זאגט, אז דער וואס גזל'ט ביים אנדערען אפילו אן איינציגע פרוטה, איז גלייך ווי ער גזל'ט ביי יענעם אוועק זיין נשמה. די גמרא געהט נאך ווייטער און שעהמט זיך ניט צו זאגען, אז א באם וואס איז שולדיג אן ארבייטער ווידזשעס און ער פיהרט איהם אב פון איין טאג אויף דעם אנדערען, איז גלייך ווי ער גזל'ט פון איהם זיין נשמה.

אונזערע אלטע חכמים האבען זעהר פיינט געהאט די וואס האבען מיט איין האנד גע'גנב'עט און גע'גזל'ט, און מיט דער צווייטער האבען זיי געגעבען צדקה. „ובוצע ברך נאץ ה'", איז אימער געווען זייער כלל — וואס מיינט אין אידישען אידיש: פאסט ניט און זיי ניט קיין גנב.

משה רבנו, זאגט רבי תנחומא, האט אויך שטארק געגלויבט אין דעם והייתם נקיים מה' ומישראל, און ווען ד'ער משכן איז פערטיג געווארען, האט ער זיי צוגעשטעלט א רעכענונג פון דאס גאנצע גאלד, זילבער און קופער וואס זיי האבען בייגעשטייערט צום משכן. אבער אזוי ווי עס זיינען געווען א סך זאכען צו גערענקען, און קיין רעגעלע בוכהאלטונג איז נאך דאן ניט געווען אלעם ריכטיג צו פערשרייבען, האט מען זעהר לייכט געקענט מאכען א מיסטייק אין די חשבונות, און ווען משה האט אנגעהויבען צו רעכענען אלעם אויפ'ן קאפ, אלה פקודי המשכן, כל הזהב, כסף ונחושת, און זיך דערמאהנען אז אלע זאכען, וואס מען האט דערפון געמאכט, האט איהם געפעהלט צום חשבון גאנצע טויזענד זיעבען הונדערט און פינף און זיעבעציג זילבער שקלים, און ער האט בשום אופן ניט געקענט גערענקען, אויף וואס דאס זילבער איז פערברויכט געווארען.

עס האט איהם שרעקליך געערגערט, טאמער וועלען די אידען איהם חושד זיין, אז ער האט דאס זילבער זיך צוגענומען, און ער האט געטראכט און גערעכענט נאך אמאל און נאך אמאל, ביז ער

האָט זיך ענדליך דערמאָהנט, אַז דאָס זילבער האָט ער פערטהאָן אויף די הוקען פון די זיילען, און ער איז געוואָרען אַזוי מלא שמחה, וואָס ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט אויסגעשריען בקול רם: ואת האלף ושבע המאות וחמשה ושבעים עשה ווים ועמודים לעמודים!

דאָס ציינט, זאָגט דער של"ה הקדוש, אַז ווי פיין און ווי עהר־ליך דער מענש זאָל זיך ניט פיהלען, קוים אַטענדעט ער צו קהל'שע ענינים, דאַרף ער ניט פערלאַנגען, מען זאָל איהם אַלעס גלויבען אויפ'ן וואָרט און מען זאָל איהם טרויען אָהן אַ חשבון. אין גע־גענטהייל, וואָס פיינער דער מענש איז, אַלץ מעהר דאַרף ער היטען זיין נאָמען פון דעם קלענסטען חשד אין דער וועלט, ער זאָל זיך אַבלערנען אַ קל וחומר פון משה רבנו, עליו השלום.

ויקרא

הײנטיגע וואָך איז פרשה ויקרא.

אַ סדרה וואָס ציינט, ווי מען האָט אַמאָל געטרייעט אַבצו־וואַשען אייגענע זינד מיט'ן בלוט פון שוואַכע ברואים.

ושחט, ונתח, ומלק — מענשען האָבען געזינדיגט — און גע־קוילעט, און געשניטען, און געוואָרגען האָט מען שאָף און רינדער, און טייבעלעך, און היהנער, און ציעגען, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז זיי װעלען שווייגען און אַז זיי װעלען ניט פרעגען קיין קשיות: היתכן?

אדם כי יקריב — קומט רש״י און טהוט א פרעג: פאר וואס שטעהט מיר עפעס „אדם״ כי יקריב? ווארום שטעהט ניט „איש״ כי יקריב?

נאר דער תירוץ איז, אז מען האט שטארק מורא געהאט, אז די ערשטע צו ברענגען קרבנות וועלען זיין די פראפעסיאנעלע גנבים. עס קאסט זיי עפעס טהייער אין קראם? זיי וועלען אוועק־גנב׳ענען צעהן שאף, וועלען איינע אוועקגעבען פאר א קרבן, און די איבעריגע וועלען זיי פערקויפען, און נאך בלייבען שעהנע אידען, דעריבער, זאגט רש״י, שטעהט „אדם״ און ניט „איש״, צו ווייזען אזוי ווי ווען אדם הראשון איז געווען אליין אויף דער וועלט, איז אלעס געווען זיינס, און ער האט ביי קיינעם ניט גע׳גנב׳עט און ניט גע׳גזל׳ט, אזוי זאל אויך זיין דער קרבן, וואס א מענש גיט, זיין איינענס, ניט גע׳גנב׳עט און ניט גע׳גזל׳ט.

וישחט — ושחטו, ער זאל שעכטען, זיי זאלען שעכטען, דאס ווייזט, אז שעכטען און שינדען מעג ווער עס וויל. און אזוי זאגט טאקע די גמרא „הכל שוחטין, חוץ מחרש שוטה וקטן״. דאס הייסט, דער וואס שעכט ניט און שינדט ניט, דער איז ענטוועדער א חרש, א שוטה, אדער א שלומיאל.

מען דערצעהלט, אז אמאל האט א רבי פערהערט זיין תלמיד די משנה הכל שוחטין און דער תלמיד האט אנגעפאנגען די משנה מיט גרויס התלהבות: הכל שוחטין, יעדען מעג מען קוילען —

— וואס זאגסטו? האט איהם דער רבי אונטערבראכען, וואס מיינסטו מיט די ווערטער „יעדען מעג מען קוילען״ — מיך אויך?

— ניין, האט פראמפט דער תלמיד געענטפערט, חוץ מחרש שוטה וקטן!

אין מדרש רבה פון היינטיגער סדרה איז דא א מעשה, וואס צייגט, אז אפילו הינט האבען אויך א געוויסען אינסטינקט צו נעהמען ראכע פון דעם וואס איז זיי מקפח פרנסה.

אין דער שטאדט ציפורי, דערצעהלט דער מדרש, האט געוואהנט א בוטשער, א גרויסער חטאת. אין אמעריקא, זאגט מען, זיינען

דאָ אַ היבשע ביסעל אַזעלכע. דיזער בוטשער האָט פערקויפט צו אידען אַ מאַסע בשר ונבלה וטרפה.

ויהי היום, איין מאָל איז אַז ערב יום כפור, האָט זיך דער בוטשער גוט אנגע׳שכור׳ט, איז אַרויף אויפ׳ן דאַך און איז אַראָב־געפאַלען און דער׳הרג׳עט געוואָרען.

אַלע הינט פון שטאָדט האָבען עס גלייך דערשמעקט, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען און האָבען גענומען לעקען זיין בלוט.

אַ קאָמיטע פון אָנשטענדיגע בעלי בתים זיינען אַוועק צו רבי חנינא און האָבען ביי איהם געפרעגט, אויב זיי זאָלען די הינט אַוועקטרייבען, אָדער מען זאָל זיי לאָזען לעקען געזונדערהייט?

— זאָלען זיי לעקען, האָט רבי חנינא געענטפערט, ער האָט ביי די הינט אַוועקגערויבט זייער חיונה ביים לעבען, זאָלען זיי פון איהם אָבנעהמען זייערס טויטערהייט. די תורה זאָגט, אַז נבלה וטרפה זאָל מען אַרויסוואַרפען פאַר די הינט, און ער האָט עס פער־קויפט אידען, דאַרפען יעצט די הינט זייער חלק אָבנעהמען.

מען זאָגט, אַז די טרפה בוטשאַרעס אין אַמעריקא זיינען גע־ווען די יעניגע, וואָס האָבען אויסגעווירקט ביי די העלטה דעפּאַרט־מענטס, מען זאָל די הינט ניט לאָזען אַרומגעהן פריי אין סטרים. זיי האָבען רק מורא געהאַט פאַר׳ן לעקען.

מענליך.

מען קען דאָך אַלעמען ניט געבען! זאָגט דער אונבאַרעמהער־ציגער, און גיט קיינעם ניט.

שענבאַך.

אַט פונקט ווי אַ טהייערער גוטער ווייז איז דאָס לעבען. צו ביסלעך, זופּ פאַר זופּ, מוזען מיר איהם טרינקען, ווייל דער בעסטער ווייז פערליערט זיין געשמאַק און מען קען זיין ווערטה ניט וויסען, ווען מען טרינקט איהם אויס אין איין צוג ווי וואַסער.

פייערבאַך.

צו

צו את אהרן ואת בניו לאמר, היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה.

דער של"ה הקדוש פערטיישט דעם „היא העולה על מוקדה" אזוי : יעדער איד וואס איז א גדלן, א בעל גאוה, און וויל אלץ ציינגען, אז ער איז העכער פון יענעם, דער דאזיגער איד טויג אויפ'ן פייער. א איד דארף זיין מיט אלע אנדערע אידען גלייך, טאר ניט שטעהן פון וייטען און פערדייסען די נאז גלייך ווי ער איז א גאנ־צער „יא טעבע דאם" און יענער איז גאר ניט.

מיר האבען א מאסע אידען, וואס זיינען גאנץ גוט אב, זיי האבען פרנסה בכבוד, לעבען ווי גאט האט געלעבט אין פראנקרייך פאר דער מלחמה, און זיי קימערען זיך אבסאלוט ניט וועגען אידישע געמיינדע זאכען. איהר וועט געפינען זייערע נעמען אין די ביכער פון מעטראפאליטאן אפערא הויז פיליכט, וואו זיי סובסקרייבען זיך פאר א סיזאן טיקעט, אבער איהר וועט זוכען מיט ליכט און ניט געפינען זייערע נעמען אין קיין אידישע טשאריטי אינסטיטושאן, אין קיין קאנגרעגיישאן, אין קיין תלמוד תורה, זיי ווילען ניט וויסען פון מעות חטים, און זיי ארט ניט, אז האלב אידען זאלען אויסשטארבען פון הונגער, דא אדער אין איירא‎פא, זיי ריהרען זיך פון ארט ניט. וועגען אזעלכע אידען, וואס לעבען אומזיסט אויף דער וועלט און קיינער וואלט גאר ניט פערלארען, ווען מיר וואלטען זיי געהאט וועניגער, איז ערשיענען א זעהר אינטערעסאנטער ארטיקעל אין דזשואיש דזשורנאל, אז ענגלישע וואכענבלאט, וואס ערשיינט אין מינעאפאלים. דער שרייבער פון ארטיקעל איז געוועזן ראבבי ש. נ. דיינארד.

ראבבי דיינארד שטעלט די פראגע : וואס זאל מען טהאן מיט דיזע „לעבעדיגע מתים" פון דער אידישער געמיינדע?

דאס איז זעהר אן ערנסטע פראבלעם. וואס זאל מען טהאן מיט לייטע, וואס זיינען גוט אב, זיינען ערפאלגרייך אין ביזנעס, לעבען גוט, ערלויבען זיך אלע תענוגים, און דאך ווילען זיי ניט מיטהעלפען צו טראגען די פפליכטען פון דער געמיינדע. זיי גיבען ניט צושטייער א פעני צו אונטערשטיצען נויטבעדערפטיגע, קראנקע און אלטע, און קימערען זיך פאר קיינעם ניט, נאר פאר זיך.

עס זיינען דא ביזנעס לייט מיט גרויסע געשעפטען, וועלכע צאהלען אוים טויזענדער דאלער אין רענט אליין, פיהרען ביזנעס אויף מיליאנען, און ווען מען קומט צו זיי בעטען א נדבה פאר א דבר שבצדקה, טענה'ן זיי אימער, אז זיי קענען ניט געבען און זיי גיבען טאקע ניט. אלע אידישע קאנגרעגיישאנס און לאדזשעס און טשא־ריטי אינסטיטושאנס וואלטען זיך געדארפט פעראייניגען און אנ־נעהמען א פעסטען בעשלוס, אז אזעלכע אידען זיינען ניט ראוי גע־בראכט צו ווערען צו קבר ישראל ווען זיי שטארבען, און דאס זאל מען בעקאנט מאכען אויף א וועג, אז אלע אידען זאלען עס וויסען. דאס איז די איינציגע זאך, וואס וואלט פילייכט געווירקט, אז די „מתים" וואלטען עס זיך גענומען צום הארצען און וואלטען בעסער געווארען.

אזעלכע אידען זיינען ריכטיגע פאראזיטען. אין דער זעלבער צייט וואס זיי גיבען גאר ניט מען זאל קענען אויסהאלטען אלע נויטיגע אידישע טשאריטי אינסטיטושאנס, נעהמען זיי נאך. אויב זיי נעהמען ניט דירעקט, נעהמען זיי אונדירעקט, זייערע ארימע קרובים נעהמען, ווען זיי האבען ערגעץ אן אלטען זיידען, זוכט ער געווים א וועג, ווי אריינצוקומען אין א מושב זקנים, און קומט אריין. זייערע ארימע קראנקע קרובים געהען אין בית ישראל האספיטאל, און זייערע ארימע פריינד געהען צו די משכיל אל דל און צו די גמילות חסדים.

עס וואלט געווען א טהייערע זאך, מען זאל אזעלכע אידען ניט ברענגען צו קבר ישראל. דאס וואלט געפיהרט דערצו, אז יעדער איד זאל וויסען, אז צו אויסהאלטען די טשאריטי אינסטיטושאנס איז א חוב, וועלכעס מוז בעצאהלט ווערען ריכטיג ווי דאקטאר בילס, אינשורענס פאליסי בילס, אדער אלע אנדערע בילס.

עס איז דא נאך א גוטער פלאן, ווי צו מאכען געבען צדקה די וואס קענען און ווילען ניט.

ווי בעוואוסט, שיקט יעדע טשאריטי סאסייעטי ארויס לעטערס מיט טיקעטס יעדען מאל, ווען זיי האבען עפעס אן אונטערנעהמונג. זיי שיקען ארויס אזעלכע בריעף צו אלע גרויסע אידישע ביזנעס לייט, וואס מען איז פאזיטיוו, אז זיי קענען געבען. פון דיזע בריעף קומען אן הונדערטע צוריק, אפילו ניט געעפענט. מאנכע עפענען יא, דערזעהען, אז עס קומט פון א טשאריטי אונטערנעהמונג, נעהמען זיי גלייך די טיקעטס, לעגען זיי אריין אין אן ענוועלאפ און זאווארעטשעווען זיי צוריק, השיבנו נאזאר, זיי נעהמען זיך אפילו ניט די מיה אנצושרייבען א פאר ווערטער. מען דערקענט אין ענוועלאפ, אז דער ביזנעס מאן איז שרעקליך בייז געוועז וואס מען ברענגט איהם אוים א צוויי סענט סטעמפ און מען באדערט איהם מיט זאכען, פון וועלכע ער וויל ניט וויסען.

אט צו די אלע לייטע וואלט מען געדארפט באלד צוריקשיקען מיט א ספעשעל דעליווערי לעטער, שעהן געדרוקט, מיט גרויסע אותיות און נקודות, זיי זאלען קענען לעזען, פאלגענדע געשיכטע, וואס ווערט דערצעהלט אין מסכת תענית פון נחום איש גם זו:

נחום איש גם זו איז געווען א גרויסער ביזנעס מאן. אמאל איז ער געפאהרען מיט דריי עזלען, וואס זיינען געווען פול געפאקט מיט פערשיעדענע שפייזען און וויינען, און אן ארימאן איז צו איהם צוגעקומען און האט געבעטען אשטיקעל ברויט.

— ווארט א ביסעל ביז איך וועל צופאקען די פעקלעך, וועל איך דיר געבען, האט נחום איש גם זו געענטפערט.

אבער אזוי ווי נחום איש גם זו האט זיך ניט געאיילט און האט צופאקט די פעקלעך לאנגזאם, איז דערווייל דער ארימאן געפאלען טויט פון הונגער.

ווי נחום איש גם זו האט עס דערזעהן, האט ער אנגעהויבען רייסען די האר פון קאפ און האט יאמערליך געקלאגט און געוויינט, דאן האט ער זיך אליין געשאלטען:

מיינע אויגען, וואס האבען געזעהן דעם ארימאן און האבען אויף איהם קיין רחמנות ניט געהאט זאלען בלינד ווערען.

די הענט, וואָס האָבן ניט געוואָלט צוטראָגן דעם אָרימאַן שנעל אַ שטיקעל ברויט, זאָלן אָבגעהאַקט ווערען.

די פיס, וואָס האָבן ניט געוואָלט געהן שנעל העלפען דעם אָרימאַן, זאָלן געלעהמט ווערען.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַלע קללות, מיט וועלכע ער האָט זיך אַליין געשאָלטען, זיינען מקוים געוואָרען, און ער איז געוואָרען אַ שרעקליכער בעל יסורים.

ווען זיינע תלמידים האָבן איהם דערזעהן אַ בלינדען אויףביידע אויגען, מיט געלעהמטע פיס און אָהן הענט, האָבן זיי אויסגערופען מיט אַ גרויסער יללה:

— וועה איז אונז דיך צו זעהן אין אַזאַ צושטאַנד!

— וועה וואָלט מיר געווען, האָט נחום איש גם זו געענטפערט, ווען איהר וואָלט מיך ניט געזעהן אין אַזאַ צושטאַנד.

שמיני

ויהי ביום השמיני.
היינטיגע פרשה פאַנגט זיך אָן מיט אַ „ויהי".
און מיר אידען ווייסען שוין, אַז וואו אַ ויהי, דאָרט איז אַ צרה.

ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו.

נאָך די גרויסע צרות און שווערע מאַטערניס, וואָס משה האָט געהאַט ביז ער האָט קוים דערלעבט זעהן פערטיג דעם משכן, דערצעהלען אונז אונזערע חכמים, אַז בלויז זיבען טעג האָט ער געהאַט די זכיה צו פערנעהמען די גרויסע פעראַנטוואָרטליכע שטעלע אַלס כהן, אויפ'ן אַכטען טאָג האָט ער שוין געמוזט אָריינגעבען זיין רעזיגנייישאַן און איבערגעבען די כהונה צו אַנדערע.

משה האט עס געמוזט טהאן איבער א „ויהי", איבער אן אלטע צרה. משה מיט גאט האבען אימער געהאט צווישען זיך ניט גע־סעטעלטע חשבונות. דאס מאל האט נאך גאט געהאט א חשבון מיט משה'ן פאר וואס ער האט איהם ניט געפאלגט דאמאלסט, ווען ער האט איהם געשיקט צו האבען אן אודיענץ מיט פרעה מלך מצרים וועגען בעפרייען די אידען. משה האט זיך דאן גע־שפארט מיט גאט זיעבען טעג און האט ניט געוואלט געהן, ערשט אויפ'ן אכטען טאג האט ער זיך קוים געלאזט איבעררייידען און איז געגאנגען. דערפאר, זאגט דער מדרש, איז משה רבנו געווען א כהן נאר די ערשטע זיעבען טעג ווי דער משכן איז פערטיג גע־ווארען. גאט האט איהם דערמיט געצייגט: ווייס, משה, דו ביזט טאקע א גוטער כהן, דו ווייסט אלעס, און דו וואלסט אודאי געווען כהן אויף שטענדיג, אבער דו קענסט דעם גרויסען אמט ניט האבען דערפאר וואס דו האסט מיך ניט געפאלגט געהן צו פרעה'ן באלד ווי איך האב דיך געשיקט. זיעבען טעג האסטו זיך מיט מיר גע־שפארט, און ערשט אויפ'ן אכטען ביזטו געגאנגען, איבער דעם איז דיר גענוג די כהונה אויף זיעבען טעג, און דעם אכטען טאג האט משה געמוזט רופען אהרן'ען מיט די קינדער און זיי זיין אמט אליין איבערגעבען.

דאס צייגט ווידער א סאמפעל פון משה'ס גרויסקייט. נאך דעם ווי ער האט געהאט אזא ווערטה ביי גאט, אז ער האט ביי איהם געקענט אויספיהרען ער זאל מוחל זיין די אידען זייער שווערען חטא פון דעם עגל און פון אלע אנדערע פערשיעדענע חטאים, וואס זיי האבען געטהאן אין פערשיעדענע צייטען, האט ער צו דער זעלבער צייט זיך ניט געפיהלט בערעכטיגט צו בעטען ביי גאט פערצייהונג פאר זיך אליין, דערויף וואס ער האט זיעבען טעג אבגעלעגט די שליחות, וואס גאט האט איהם געשיקט צו פא־דערען ביי פרעה מלך מצרים, ער זאל ארויסלאזען די אידען פון שקלאפעריי.

משה האט זיך אין דער הינזיכט געפיהלט מעהר שולדיג ווי אין אלע חטאים, וואס אידען האבען אויף זיך ווען געהאט.

משה האָט געפיהלט, אַז ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אַ פאָלק צו בעפרייען, האָט ער קיין רעכט געהאַט אפילו קיין איינ־ציגע מינוט אַבצולעגען. ביי אַזאַ הייליגע שליחות איז ניטאָ קיין תירוץ, כבד פה, אָדער זיך אַוועקשטעלען פרעגען שאלות, וואָס וועט זיין, אַז דער דעספּאָט וועט ניט ווֶעלען, אַז ער וועט זאָגען אַזוי, אָדער אַנדערש? משה האָט די זיעבען געצעגערטע טעג אימער אויף זיין געוויסען געטראָגען, ער האָט געפיהלט, אַז אַ פאָלקס בעפרייער דאַרף ווֶעניגער פראַגען שטעלען און געהן וואוהין מען שיקט איהם. „איך קען ניט ריידען", „איך וויים ניט", „איך האָב מורא", דאָס זיינען אַלץ ווערטער, וואָס זיינען ניט פּאַסענד פאַר פאָלקס פיהרער. און אַזוי ווי משה אַליין האָט זיך געפיהלט שולדיג, האָט ער ניט געמאַכט קיין טענות און האָט אַנגענומען די שטראָף ווי אַ העלד, אַבגעאַרבייט די זיעבען טעג אַלס כהן, און אויפ'ן אַכטען טאָג האָט ער גלייך רעזיגנירט און איבערגעגעבען דעם גרויסען אַמט צו אַנדערע.

וידבר ד' אל אהרן, יין ושכר אל תשת.

מיר האָבען גראָדע ניט לאַנג צוריק געהאַט פּורים, אַ יום טוב, אין וועלכען עס איז אַ מצוה צו שכור'ען. האָט איהר עפּעס בעגעגענט אַ סך אידען שכור אין סטריט? זיינען עפּעס אַ סך אַרעס־טען אין דעם טאָג געמאַכט געוואָרען אין די אידישע סעקשאָנס פאַר שכרות? מאַלט זיך אויס, ווען קאַצאַפּעס זאָלען האָבען אַזאַ טאָג מיט אַזאַ רעליגיעזען פּערמיט צו שכור'ען, וויפיעל הריגות עס וואָלט אין דעם טאָג פאָרגעקומען. מען וואָלט דאָך איינפאַך אַ גאַס ניט געקענט דורכגעהן, קיינער וואָלט מיט'ן לעבען ניט געווען זיכער!...

וואָרום איז עס אַזוי? ווייסט דען דער גוי ניט, ריכטיג ווי מיר ווייסען, אַז עס איז ניט שעהן און ניט גוט צו איבערכאַפּען די מאָס? ווייסט דען דער גוי ניט, ריכטיג ווי מיר, אַז פריידע וואָס קומט פון שכרות לאָזט זיך אימער אוים מיט טרויער?

דער תירוץ איז, אַז ביי די אומות העולם פאַנגט מען ערשט יעצט אָן צו מאַכען פּראָהיבישאָן בעוועגונגען, צו לערנען דאָס פאָלק זיין ניכטער, וועהרענד ביי אונז זיינען די בעוועגונגען געמאַכט גע־

ווארען שוין מיט טויזענדער יאהרען צוריק. און אומות העולם בעוועגונגען קענען ניט האבען די ריכטיגע ווירקונג, ווייל אנ־שטאט צו רעדען צו די טרינקערס, זיי זאלען ניט טרינקען, רעדט מען גאר ביי זיי צו די מאנופעקטשורערס, זיי זאלען ניט מאכען און זאלען ניט פערקויפען קיין שארפע געטרענקע. דאס איז פונקט ווי מען וואלט געוואלט אויסמיידען גנבות אין א שטאדט דורך איינ־פיהרען, אז קיין בעל הבית זאל גאר ניט פערמאגען, אום דער גנב זאל ניט האבען וואס צו גנב'ענען.

ביי אונז אידען איז די פראהיבישאן בעוועגונג צוגעגאנגען גאנץ אנדערש.

ביי אונז האט מען גערעדט דירעקט צום פאלק, מען זאל ניט טרינקען צופיעל, און מען האט עס לכתחילה גערעדט צו ערענטליכע מענשען, צו מענשען, וואס זיינען ערצויגען געווארען אין אן עהר־ליכע סביבה, צו מענשען וואס זיינען געזעסען אין בית המדרש, ניט אין סאלונס און אין געמבלינג הייזער.

יין ושכר אל תשת. דער מדרש תנחומא ערקלעהרט, וואָרום דארף דער מענש ניט טרינקען, ווייל ווען ער טרינקט א סך, ווערט ער צושלאגען, צו'הרג'עט, זיין לייב ווערט פול מיט וואונדען, און וואו ערגעץ א בזיון און א שאנדע ליידעט עס דער שכור. און דער רוח הקודש שרייט: למי אוי, למי אבוי, למי מדנים, למאחרים על היין. אל תרא יין כי יתאדם, אחריתו כנחש ישך וכצפעוני יפריש. עיניך יראו זרות ולבך ידבר תהפוכות, והיית כשוכב בלב ים. (משלי כ"ג).

אנשטאט צו רעדען צום סאלון קיפער האבען אונזערע חכמים גערעדט צום פאלק. דער מדרש קומט ארויס מיט פליינע אפענע ווערטער און פרעגט: צו וועמען איז אך און ווהע? ווער קריעגט זיך ארום מיט יעדען? ווער קריגט בלויע אויגען? די וואס זיצען ביז שפעט אין דער נאכט אין די סאלונען! דער וויין איז רויט, און ענדיגט זיך דעריבער מיט בלוט. צום סאלון קיפער, זאגט דער מדרש, דארף מען ניט רעדען, ווייל דער סאלון קיפער גלייכט זעהר דעם שכור זא לאנג ער האט פאר וואס צו טרינקען. דער סוף איז אבער, אז דער שכור מוז פריהער אדער שפעטער פערזעצען אלעס וואס ער האט אין הויז, נאכהער זיינע קליידער, און בלייבט אז

אייביגער טרעמפּ. ווען ער האָט שוין קיין זאך צו פערזעצען, ווערט ער א גנב, אלץ צוליעב שכרות; ווען ער בעגעגענט אין גאס א פרוי, רעדט ער צו איהר שלעכטע ווערטער, ער בעליידיגט זי און פיהלט גאר נים, אז ער טהוט א שלעכטע זאך, ווייל ער איז שכור און ווייסט אליין נים וואס ער רעדט און וואס ער טהוט. דעריבער איז א שכור געגליכען צו א שלאנג, ווייל אזוי ווי א שלאנג, ווען ער בייסט, פיהלט דער מענש נים און ערשט שפּעטער צושפּרייט זיך דער גיפט איבער'ן גאנצען קערפּער און דאס טויטעט דעם מענשען, אזוי איז אויך שכרות. אנפאנגס מיינט מען, אז עס איז גאר נים, ביז עס ווערט א געוואהנהייט, וואס פיהרט טויזענדע מענשען יונ־גערהייט צו דער תליה, אדער צו א מיתה משונה.

אין ערציהונג, וואס איז געגעבען געווארען לויט דעם אמת'ען אידישען גייסט פון תלמוד און מדרש האט גאנץ נאטירליך געמוזט ברענגען גוטע פרוכטען. די אלע גוטע מעלות, פאר וועלכע אידען ווערען געלויבט און געשעצט פון אלע נאציאנען, דאס ריינע פאַ־מיליען לעבען, די ניכטערקייט, דאס צוריקהאלטונג פון בלוט פער־גיסונג, דאס זיינען אלץ מעלות, וואס זיינען געקומען צו אידען פון אלטען אידישען חדר, פון בית המדרש. א סימן האבען מיר, אז דא, וואו אידישע קינדער קריגען נים דעם חנוך פון אלטען בית המדרש, דא וואו זיי געהען צו פּאיטס און קוועלען ווען זיי זעהען ווי איינער זעצט אוים דעם צווייטען אלע צייהן און קלאפּט איהם אב די נאז; דא, וואו דער אידישער באי געהט צו רייסעס און אין געמבלינג הייזער אנשטאט אין בית המדרש, דא פאנגען שוין אן אלע בעזונדערע אידישע אמאליגע מעלות בלאסער און שוואכער ווערען. די האנד וואס האט אמאל געלעגט תפילין, די וועט קיין מאל קיין פּיסטאל נים נעהמען צו הרג'ענען א מענשען, און דער וואס האט געלערענט דעם שבט מוסר, וועט זיך אזוי גיך נים וואגען צו פערשוועכען א הייליגען פאמיליען לעבען ווי די וואס לערנען מענשליכקייט פון זאגענאנטע מאראלישע דראמעס און פון די פּאַ־טאַ־פלעים וואס מען צייגט היינטיגע צייטען אין די טהעאטערע.

אונזערע אלטע חכמים האבען נים געהאלטען שטארק פון ספּעק־ששעל דיזאינס און ספּעשעל פּעטערנס פאר פרויען קליידער, אבער די פרויען זיינען דאן געווען א סאמפעל פון טוגענד, זיי האבען

געפונען זייער פערגעניגען אין זייער היים, צווישען זייער מאן און קינדער. זיי האבען ניט געטראכט אימער וועגען קליידער, וואס זאלען אויפרייסען מענער די אויגען, און ניט נאר זיינען דאן די מענער געווען א סך מעהר אנשטענדיגער, נאר זאגאר די פרויען אליין האבען דאן א סך בעסער און א סך רוהיגער געלעבט ווי היינט.

יין ושכר אל תשת. יין איז אויך תרגום לשון „חמר“, און די אותיות פון „חמר“ בעטרעפען 248, די צאהל פון אלע גליעדער, וואס געפינען זיך אין מענשען, צו צייגען, אז שכרות רואינירט און מאכט א חורבן פון גאנצען קערפער.

„יין“ בעטרעפט 70 און „סוד“ בעטרעפט אויך 70, דערפון האבען די חכמים געדרונגען, אז נכנס יין יצא סוד.

ויהי ביום השמיני.

דער מדרש פארט צוזאמען דעם ויהי ביום השמיני מיט פאל־גענדען פסוק:

אמרתי להוללים אל תהולו, איך זאג צו די וואס פרעהען זיך, אז זיי זאלען זיך צופיעל ניט פרעהען, ווייל קיינער ווייסט ניט, וואס דער מארגען וועט זאגען.

דער מדרש ברענגט א ראיה פון גאט אליין. נאך דעם ווי גאט האט די וועלט בעשאפען און האט געזעהן, אז אלעס איז פיין און גוט ווי ער האט געוואלט, האט עס איהם שטארק הנאה געטהאן און ער האט זיך געפרעהט, ישמח ד׳ במעשיו, ער האט זיך אליין געמאכט א שמחה׳לע. אבער עס האט לאנג ניט גענומען, און מיר זעהען שוין אנשטאט שמחה „ויתעצב ד׳ אל לבו“, גאט האט גע־טרויערט און האט חרטה געהאט אויף דער גאנצער געשיכטע.

און ווען ביי גאט קען א שמחה לאנג ניט אנהאלטען, בעמערקט דער מדרש, ווי לאנג קען שוין אנהאלטען א שמחה ביי א מענשען?

אברהם אבינו איז געווען א גליקליכער מענש. געווען א גרויסער עושר, האט בעזיעגט אלע זיינע פיינט, און גאט האט איהם געגעבען א זוהן צו הונדערט יאהר, נאטירליך האט ער דאן געמאכט א היבשע שמחה, אבער די ענדע איז געווען, אז גאט האט איהם געהייסען זיין זוהן שעכטען, דאן איז ער געקומען אהיים און האט

געטראָפען זיין פרוי שרה טויט, און האָט נאָך געהאַט אַ מאַסע צרות איידער ער איז דורכגעקומען מיט'ן פרייז מיט דער חברה קדישא, ער זאָל איהר קענען געבען אַן אַנשטענדיגע קבורה.

היינט מי לנו גדול פון אַזאַ פיינעם טאַטענ'ס אַ קינד, יצחק!

וואָס האָט יצחק'ען, דוכט זיך, געפעהלט? ער האָט געהאַט אייגענעם כבוד, און כבוד דורך דעם וואָס אַלע האָבען געוואוסט וועמעס זוהן ער איז, דאַביי איז ער געווען זעהר רייך, און ווען ער איז נצול געוואָרען פון זיינע שונאים אין גרר, האָט ער זיך גע־פיהלט אַלס דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט און האָט זיך זעהר שטאַרק געפרעהט.

אָבער ווי לאַנג האָט זיין שמחה אָנגעהאַלטען? ער איז אַם ענדע בלינד געוואָרען, און איהר קענט זיך פאָרשטעלען, וויפיעל צער ער האָט דערפון געליטען. און ווען דאָס האָט געקענט פּאַסי־רען מיט אַזאַ פרומען מאַן ווי יצחק, בעמערקט דערויף דער מדרש, היינט וואָס קען שוין געשעהן מיט אונז זינדיגע מענשען?

דאָס צייגט, זאָגט דער מדרש, אַז דער „ויהי" לאָקערט אימער נאָך יעדען מענשען, און קיינער ווייסט ניט ווי לאַנג ער וועט זיך פרעהען. עס איז דעריבער וויכטיג, אַז ווען איינעם געהט גוט, עס איז ביי איהם אַ שמחה, זאָל ער זעהן, אַז אויך אַנדערע זאָלען זיך מיט איהם פרעהען, אום אַז ווען דאָס רעדעל וועט זיך אַ דרעה טהאָן צוריק, זאָל ער כאָטש אַם ווענינגסטען פיהלען, אַז אין די גוטע צייטען האָט ער קיינעם ניט געלאָזט פאַלען און האָט ניט געלעבט בלויז פאַר זיך אַליין.

עס איז בעסער צו זיין אַ בעטלער אין דער ליכטיג, ווי אַ קעניג אין דער שטענדיגער פינסטערניס.

האָמער.

געלד איז מעטאַלענע הילס פאַר קליינינקע מענשעלער, זיי זאָלען אויסזעהן אַזוי הויך ווי אַנדערע.

זאַפיר.

תזריע

אשה כי תזריע וילדה זכר.
מען דארף גאר ניט זיין קיין גרויסער פילאזאף צו בעגרייפען, ווי שפילקע־קעפּעלדיג קליין דעם מענשען׳ס פערשטאנד איז.
מיר מעגען זיך בעריהמען, אז מיר זיינען גרויסע מייסטערס, געוואלדיגע אויפטהוערס, אבער טיעף אין הארצען ווייסט יעדער איינער, אז אלעם ארום אונז און מיר אליין אויך צוזאמען מיט אלעס, איז א געהיימניס — איין גרויסע, ברייטע געהיימניס, אין וועלכער מיר האבען ניט דעם מינדעסטען בעגריעף.

אשה כי תזריע וילדה זכר.
דער מדרש תנחומא פאנגט אן זיין דרוש דיזע וואך מיט׳ן פסוק „אין קדוש כד׳, כי אין בלתך, ואין צור כאלהינו״, און ער־קלעהרט דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען מענשליכע קינסטלער, וואס שטודירען און טרייען צו קאפירען די נאטור, ביז דער נאטור אליין.

אשה כי תזריע וילדה זכר. איין קליינינקייט, לייכט מיט׳ן מויל אויסצורעדען „וילדה זכר״! זייט די וועלט עקזיסטירט, איז נאך ניט געבארען געווארען דער ארטיסט, וואס זאל קענען קאפּירען א לעבעדיגעס וועזען, וואס זאל אין זיך האבען לעבען. דער גרעסטער ארטיסט, זאגט דער מדרש, קען מאלען א בילד בלויז אויף א טרוקענע זאך, אויף דער וואנד, אויף לייוועגד, אבער ניט אויף וואסער, וועהרענד די הויכע אונבעגרייפליכע נאטור מאלט אוים דאם קינד ביי דער מוטער אין די געדערים אויף וואסער. דערויף זאגט דער פסוק: „אין צור (צייר), עס איז ניטא אזא מאלער, כאלהינו, ווי די גאטהייט״.

דער גרעסטער אַרטיסט קען בלויז מאַכען אַ פאָרמע, אַ בילד פון אַ מענשען, אָבער ער קען אין בילד ניט אריינגעבען קיין לעבען, קיין נשמה און קיין שפּראַך. ער קען אויך ניט מאָלען איין בילד אין צווייטען בילד, ווערענד די נאַטור מאָלט דאָס בילד פון קינד ביי דער מוטער אין בויך.

נאָך אַ זאַך, ווען אַן אַרטיסט נעהמט זיך מאָלען אַ בילד, מוז ער האָבען דערצו פערשיעדענע פאַרבען, און די נאַטור מאָלט אַ בילד מיט איין איינציגען טראָפּען.

אַ פּאָווע האָט אויף זיך דריי הונדערט מיט זעקס און זעכציג פערשיעדענע פאַרבען, זאָגט דער מדרש, און דאָס אַלעס ווערט בעשאַפען פון איין טראָפּען.

אין קדוש כד׳, כי אין בלתך, ואין צור כאלהינו!

דער מענש מעג מאַכען פערשיעדענע קונצען, אָבער ער וועט אימער בלייבען אַ גאָרנישט געגען דער גרויסער און מעכטיגער, אונ־בעגרייפליכער גאָטהייט, וואָס שאַפט אַלעס פון גאָר ניט.

עס איז ווירקליך צום לאַכען, ווען מען בעטראַכט, ווי מיר, קליינע מענשעלעך, ווילען רק אומוואַרפען די אַלטע וועלט און בויען נייע וועלטען! מיר לערנען עטוואָס, וועלכעס איז ווי אַ טראָפּען אין ים געגען אַלעס וואָס מיר ווייסען ניט און מיר כאַפּען זיך פרעגען קשיות,געפינען חסרונות אין דעם גרויסען אַלטען וועלט־בנין, דאַן ווערען מיר גאַנצע מייסטערס, פּרובירען צושטערען און בויען, אָבער עס ריהרט זיך פון אָרט ניט. עס נעהמט ניט לאַנג, און מיר זעהען זיך גלייך אַרום, ווי אונמעכטיג מיר זיינען, איינפאַך ווי בייבים, וואָס שעפּען זייער חיות פון די מאַמעס, און ווייסען עס ניט, זייערע קליינע מוח׳לעך קענען עס ניט בעגרייפען.

אין בראשית רבה פ׳ כ״ד געפינען מיר זעהר אַ פיינעם מאמר, וואָס בעהאַנדעלט די זעלבע פראַגע.

זה ספר תולדות אדם. כתיב לא לעולם אריב עם אדם הראשון, ולא לנצח אקצוף עם תולדותיו, כי רוח מלפני יעטוף. אמר רב הונא, הרוח הזה בשעה שיוצא לעולם הוא מבקש להחריב את העולם,

אלא שהקב"ה מרשלו בהרים ומשברו בגבעות ואומר לו, הזהר שלא תזיק את בריותי.

גאָט האָט געזאָגט: ניט אייביג וועל איך זיך קריעגען מיט אדם הראשון, און ניט אייביג וועל איך זיין אין כעס אויף זיינע קינדער, ווי אַ ווינט שוועבט פון מיר אַלעם אוועק.

ווען דער ווינט געהט אַרוים אויף דער וועלט, וויל ער חרוב מאַכען די וועלט, אָבער גאָט שוואַכט איהם אָב מיט בערג, ברעכט איהם מיט הויכע מאָונטענס, און זאָגט איהם: „היט זיך, זאָלסט ניט צושטערען, וואָס איך האָב געשאַפען!"

דער זעלבער רב הונא זאָגט באַלד ווייטער:

דריי ווינטען זיינען אמאָל ארויס אָהן אַ רעכנונג און האָבען טאַקע דאָן שיער חרוב געמאַכט די וועלט.

איין ווינט אין דער צייט פון יונה.

איין ווינט אין דער צייט פון איוב.

און איין ווינט אין דער צייט פון אליהו.

יעצט לאָמיר פערשטעהן, פון וואַנען האָט רב הונא גענומען, אַז די דריי ווינטען זיינען עס געווען אַזעלכע שטורעמס, וואָס האָבען שיער די וועלט איבערגעקעהרט?

דאָס קליינע זעגעל שיפעל, אָדער די לאָדקע, אין וועלכער יונה איז אמאָל געפאָהרען, איז געווים ניט געווען קיין „טיטאַניק" און מען האָט צו איהר ניט גערארפט האָבען אַזאַ שטורעם ווינד, וואָס זאָל קענען די גאַנצע וועלט איבערקעהרען, און דערפון איז גאָר קיין ראיה ניט, אַז דער ווינט, וואָס האָט איבערגעקעהרט יונה'ס שיפעל, איז געווען אַזאַ שטאַרקער שטורעם.

און צו איבערקעהרען איוב'ס הויז, וואָס איז וואַהרשיינליך ניט געווען קיין שטאַלענע פייער פרוף בילדינג, האָט מען אויך ניט גערארפט האָבען אַזאַ שטורעם, וואָס האָט געקענט חרוב מאַכען די גאַנצע וועלט.

צווייטענס איז דאָך גאָר דאָ אַ מאן דאמר, אַז איוב לא היה ולא נברא, ווי באַלד אַזוי, איז דאָך דער שטורעם ווינט אודאי ניט געווען.

וואס אנבעלאַנגט ווידער צום ווינט פון אליהו, איז דאָך דאָס, ווי מען זאָגט, בלויז אויף פּאַפּיער, ווייל די גאַנצע זאַך איז דאָך נאָר געווען אַ נבואה, ניט קיין ווירקליכקייט.

אבער די חכמים האָבען אונז דערמיט געוואָלט ציינען די אַלע ווינטען, וואָס בלאָזען ביי דער מענשהייט אין יעדען דור, און דאָס איז דער ספר תולדות אדם.

יעדער נייער ווינטעלע וואָס בלאָזט, יעדער נייער געדאַנק, ווערט אויפגעכאַפּט פון מענשען פּאָר אַן אבן טוב, מען מיינט אַז מען האָט דאָ אויפגעדעקט ווער ווייסט וואָס פּאָר אַ נייעס. יעדער אויפגעקלעהרטער אין זיין דור דענקט, אַז ער איז דער חכם און ווייסט שוין אַלעס. אָט כאַפּט ער און קעהרט איבער די גאַנצע וועלט,אַלעס זאָל געהן ווי ער וויל; די אַלטע סיסטעם טויג אויף כפּרות, ער וועט מאַכען אַלעס ניי און גוט.

אבער ווען עס קומט צום דורכפיהרען זיין אידעע אין דער פּראַקטישער וועלט, טרעפט ער פערשיעדענע שטערונגען, קרעפטע וואָס זיינען פיעל שטאַרקער פון זיינע פאַנטאַזיען, און פון אַלע זיינע אידעען לאָזט זיך אויס אַ נעכטיגער טאָג.

דאָס מיינט מען מיט דער בריליאַנטענער מליצה „אלא שהקב"ה מרשלו בהרים ומשברו בגבעות".

און רב הונא רעכענט אונז אויס דריי ווינטען פון דריי פּער־שיעדענע מענשען, וואָס האָבען איבערגעכאַפּט די מאָס, און וואָלטען ווירקליך געקענט געווען די וועלט חרוב מאַכען, ווען די וועלט וואָלט זיך פיהרען דעם זעלבען וועג, ווי זיי האָבען זיך געפיהרט.

איינער פון די דריי ווינטען איז דער ווינט פון איוב. די גמרא זאָגט: בקש איוב להפוך קערה על פיה. ווייל ער האָט מיט זיין בעגרענעצטען פערשטאַנד ניט געקענט בעגרייפען די הנהגת הבורא, האָט ער גענומען לייקענען אין אַלעס און זאָגען, אַז „לית דין ולית דיין". און טאַקע באַלד האָט ער חרטה געהאַט און ווידער געוואָרען אַ מאַמין, און נאָכהער ווידער אַ כופר. ער האָט דאָך געדאַרפט אַליין זעהן, אַז אויף זיינע אייגענע חקירות קען ער זיך ניט פּער־לאָזען, ווייל זיי ביימען זיך אין איהם אַליין, לויט די אומשטענדען, חיינט גיי קען אַזאַ מענש אורטהיילען איבער אַ געטליכער קראַפט,

וואס בעהערשט אזא גרויסע וועלט פון אייביג ביז אייביג, א וועלט וואו מיר האבען אפילו קיין בעגריעף ניט אין זיך אליין, און הויבען ניט אן צו בעגרייפען ווי מיר ווערען געשאפען.

איבער דעם רעכענט דער מדרש דעם „רוח" פון איוב'ען פאר געפעהרליך, ווייל אזא גייסט, רוח, וואלט געקענט חרוב מאכען די וועלט.

דאן קומט דער ווינט פון אליהו.

אליהו האט ניט געקענט זעהן, ווי אזוי די אידען זיינען אזוי שלעכט; אז דיענען זיי גאט, און אמ געהען זיי צו דער עבודה זרה. ער איז געווארען שרעקליך בייז און האט געלאזט הרג'ענען אלע נביאי הבעל, דער סוף איז געווען, אז ער האט געמוזט אנט־לויפען, און ווען ער איז געקומען צו גאט צו קלאגען די אידען און האט געזאגט: „את נביאיך הרגו, ואותר אני לבדי, ויבקשו את נפשי לספותה", האט מען איהם געצייגט, אז ווינט און שטורעם געהט ניט, שטארק אין כעס טאר מען ניט זיין, און מען האט גע־הייסען זאלבען אן אנדער נביא אויף זיין ארט, ווייל דאס איז ניט קיין ריכטיגער וועג צו נעהמען אלע שלעכטע אידען און זיי אויס־הרג'ענען. אזא רוח האבען די חכמים אויך גערעכענט פאר א ווינט וואס קען די וועלט חרוב מאכען.

דער דריטער ווינט איז געווען רוח יונה, וועלכער איז אנט־לאפען פון גאט און האט ניט געוואלט נביאות זאגען אויף נינוה. דאס איז ניט קיין וועג צו אנטלויפען און מורא האבען צו זאגען מוסר שלעכטע מענשען, זיי זאלען בעסער ווערען. אזוי ווי עס איז ניט גוט די מעטהאדע פון אליהו צו הייסען אלע שלעכטע מענשען אויס'הרג'ענען, אזוי איז ניט גוט צו שווייגען און ניט זאגען קיין מוסר צו די יעניגע, וואס מאכען דעם נאמען איד צו שאנד און צו שפאט, אדער צו די וואס דענקען, אז זיי זיינען חכמים, אט נעהמען זיי און קעהרען איבער די אלטע וועלט און פיהרען איין א שפאגעל נייע, אלעס ווי זיי ווילען, אדער ווי זיי זעהען עס אין זייער פאנטאזיע.

מצורע

רבותי, מיר געהען יעצט לערנען אַ ביסעל די פּרשה מצורע.

דער נאָמען מצורע קלינגט אפילו ניט זעהר שעהן, אָבער עס מאַכט ניט; אַ גוטער דרשן, אָדער ווי מען רופט עס היינט, אַ גוטער מטיף, קען אפילו פון מצורע צוזאַמענשטעלען אַ דרוש, וואָס זאָל זיין כפתור ופרח.

צו זיין אַ מטיף איז ניט אזוי לייכט, ווי מאַנכע מיינען. אויסער דעם, וואָס מען דאַרף קענען לערנען, מוז מען אויך זיין אַ וועלט־מענש און בעזיצען אַ ברייטען בליק איבער אַלעם, וואָס אינטערע־סירט דעם אידען אַלס איד און אַלס מענש.

די תורה איז אימער גוט, אפילו מצורע איז אַ טהייערע פּרשה, עס ווענדעט זיך נאָר, אין וואָס פאַר אַ מויל זי קומט אריין.

מיר געפינען אין מדרש קהלת אַ פּראַכטפאָלען מאמר, וואָס פּאַסט זיך אויסגעצייכענט צו דער אַרט און ווייזע, ווי פערשיעדענע רבנים און מטיפים רעדען צום פאָלק:

רבי ישמעאל אומר: חכם בעיניו איש עשיר, זה בעל תלמוד; ודל מבין יחקרנו, זה בעל אגדה.

יעצט פרעגט זיך די פראַגע: אויב רבי ישמעאל מיינט דעם בעל תלמוד צו הויבען און צו שטעלען איהם אויף אַ הויכע מדרגה, וואָס זשע שפּעט ער פון איהם און רופט איהם „חכם בעיניו", וואָס מיינט, אַז נאָר ביי זיך אין די אויגען איז ער אַ חכם, אָבער ניט ביי יענעם?

און מיינט ווידער רבי ישמעאל דעם בעל אגדה צו שטעלען אויף אַ נידעריגע מדרגה דאָמיט וואָס ער רופט איהם אַן „דל", וואָס זשע ערהויבט ער איהם מיט'ן טיטול „מבין יחקרנו"?

צו פערשטעהן דיזען מדרש וועל איך אייך געבען אַ קליינעם משל, (איהר ווייסט דאָך, אַז איך שנייד זיך אויפ'ן דובנער מגיד'ס

שטייגער, וועלכער האָט צו יעדער זאַך באַלד געהאַט פערטיג אַ משל). מיר וועלען נעהמען אַ גרויסען אַקראָבאַט, וועלכער צייגט דער וועלט זיין גרויסע קונץ, ווי ער געהט און טאַנצט און מאַכט פערשיעדענע קונצען אויף אַ שטריק, וואָס איז אויסגעשפּרייט פופציג פוס איבער אַ טייך. אַלע לויפען זעהן דעם קונץ און מען בעצאָהלט דעם אַקראָבאַט שווערע סומען געלד דערפאַר.

עס איז אמת, אַז ער איז טאַקע ווערטה אַ דעם כבוד, אַ דאָס געלד פאַר זיין מוטה, פאַר זיין קוראַזש און פאַר זיין גרויסען טאַ־לאַנט צו געהן אויף אַ שמאָלען שטריק מיט אַזאַ גלייכגעוויכט ניט אריינצופאַלען אין וואַסער. אָבער וואָס פאַר אַ גוטעס ברענגט דיזער גרויסער העלד צו די וואָס בעצאָהלען פאַר טיקעטס צו זעהן זיין פעהיגקייט? וועלען זיי זיך דען אויך אויסלערנען פון איהם, ווי צו געהן אויף אַ שטריק? געוויס ניט! ערשטענס, איז ניט יעדער בעגאַבט מיט אַזאַ טאַלאַנט, און ניט יעדער קען זיך אַזאַ קונץ אויסלערנען; צווייטענס, וואָס דאַרף מען די גאַנצע קונץ פון געהן אויפ'ן שטריק, אַז מען קען זיך גאַנץ בעקוועם געהן אויף דער ערד, אָהן איבעריגע חכמות און אָהן מסירת נפש.

עס קומט אַלזאָ אויס, אַז דער אַקראָבאַט איז טאַקע אַ גרויסער קינסטלער, און עס זיינען דאָ טאַקע זעהר ווענִיג אַזעלכע קינסטלער ווי ער, אָבער זיין טאַלאַנט ברענגט קיינעם קיין נוצען ניט.

יעצט לאָמיר ווידער נעהמען אַ געוועהנליכען שניידער אָדער שוסטער, צוויי מלאכות, וואָס פאָדערען גאָר ניט קיין גרויסע קונסט, יעדער איינער קען זיך עס גאַנץ לייכט אויסלערנען, ווען ער וויל עס נאָר. דער שניידער זוכט גאָר קיין כבוד ניט פאַר די קאַפּאָטעס וואָס ער נעהט, און דער שוסטער פאָדערט גאָר קיין מפטיר ניט פאַר די שיך וואָס ער מאַכט, — דאָך ווייסט יעדער איינער גאַנץ גוט, אַז זייער אַרבייט ברענגט גרויסע נוצען דער וועלט. ווען ניט זיי, וואָלטען מיר געגאַנגען נאַקעט און באָרפוס, אָדער בעסער גע־זאָגט, אָהן זיי קען מען זיך ניט בעגעהן, ווערענד אָהן דעם אַקראָ־באַט קען מען זעהר גוט אויסקומען און עס זאָל קיינעם גאָר ניט פעהלען. מען קען לעבען אַ גוטען טאָג און קיין מאָל ניט זעהן די קונץ פון געהן אויף אַ שטריק.

ריכטיג דאָס זעלבע אזוי מיט רבנים ומטיפים. עס זיינען דאָ גרויסע לומדים, וואָס געהען אַרויף אויף דער בימה און האַלטען פאַר'ן פאָלק רעדעס, אָדער דרשות, פול מיט פּלפּול, זיי שפּרינגען אין דער הויך איבער'ן גאַנצען ים התלמוד, זיי ציינען ווירקליך וואונדער, ניט יעדער איינער קען עס, אָבער וועמען ברענגט עס גוטעס? קיינעם ניט! ניט יעדער איינער וואָס הערט אַזאַ דרוש קען זיך אויסלערנען צו מאַכען אייגענע פּלפּולים. און ווער עס גלייבט פּלפּול, קען געפינען גענוג ספרים און לערנען אין זיי וואָס זיין האַרץ גלוסט. אָבער ניט אַזוי איז דער בעל אגדה, דער פּליינער מטיף, דער פאָלקס רעדנער, וואָס רעדט אימער מענינא דיומא. ער מוז ניט דוקא זיין אַ גרויסער למדן, אַלעס וואָס ער דאַרף, איז צו וויסען גוט דאָס לעבען, דאַן וועט ער קענען פון יעדען מאמר חז"ל און פון יעדער פּרשה מאַכען עטוואָס, וואָס זאָל ווירקליך נוצען ברענגען, ווייל מען וועט דערפון עפּעס קענען לערנען.

דאָס מיינט דער מדרש מיט די ווערטער: חכם בעיניו איש עשיר, זה בעל תלמוד. דער גרויסער בעל תלמוד, ווען ער רעדט פון דער בימה, איז ער רייך און זעהר פעהיג, אָבער ער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ חכם בעיניו, ווייל דער וואָס הערט איהם, קען ניט ווערען אזוי קלוג ווי ער. ודל מבין יחקרנו, זה בעל אגדה, דער געוועהנליכער מגיד מעג זיין אָרימער אין לומדות, ער דאַרף גאָר ניט זיין קיין גרויסער למדן, אָבער אַלע פערשטעהען איהם, אַלע וויסען זיינע ערקלעהרונגען און זיינע ווערטער מוזען ווירקען צו גוטען אוים'ן פאָלק.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. איך בין ניט קיין בעל פּלפּול, רבותי, איך טאַנץ ניט אויף שטריק, איך בין אַ פּליינער מגיד, פונ'ם סאָרט ודל מבין יחקרנו, און בין מיט דערמיינונג, אז מען קען פון דער פּרשה מצורע אויך לערנען אַ זעהר וויכטיגע זאַך.

זאת תהיה תורת המצורע — דער מדרש דערצעהלט אונז, אז די תלמידים האָבען געפרעגט ביי רבי תנחומא:

— רבי, ערקלעהר אונז, פאַר וואָסערע זינד קומען אויף מענשען נגעים?

— עלף זינד זיינען דא אזעלכע, האט רבי תנחומא גענענטפערט, וואס ברענגען נגעים אויפ׳ן מענשען. די עלף זינד זיינען: געצען־דיענעריי, חלול השם, זנות, גנבה, לשון הרע, פאלש עדות זאגען, א רב וואס איז מבזה די לומדי תורה און דרעהט דעם דין אימער אהין וואו איהם פאסט עם אם בעסטען, פאלש שווערען, אריינצו־געהן אין יענעמס תחום, אויסטראכטען פאלשע זאכען, און ברענגען קריעג צווישען ברידער.

דיזע עלף חטאים זיינען, ניט אויסגערעדט זאל זיין, א היבשע ביסעל שולט אין אונזער אידישער וועלטעל אין אמעריקא.

מיר האבען א גרויסע צאהל שתדלנים און זעלבסט געקרוינטע כלל טהוער, וואס האבען שוין איבערגעדיענט אלע עבודה זרות, און דאס פאלק קוקט שוין ארוים בכליון עינים, עס זאל אויף זיי קומען א נגע און מען זאל זיי אוועקשיקען מחוץ למחנה, אנדערש וועט מען פון זיי ניט פטור ווערען.

מיר האבען אויך א היבשע ביסעל אידען, פיק־פאקעטס, געמב־לערס און גענגסטערס, וועלכע ברענגען חלול השם אויף יעדען שריט און טריט, און עס וואלט געווען א גרויסער יושר, עס זאל אויף זיי קומען א גוטע נגע, מען זאל זיי ארויספיהרען מחוץ למחנה, מיר זאלען ניט דארפען אלע מאל זוכען סטאטיסטישע ציפער צו צייגען, אז מיר האבען רעכט צו האבען אזוי פיעל און אזוי פיעל פאסקוד־ניאקעס אין אונזער משפחה, לויט די פערשיעדענע חשבונות פון אלגעמיינע פערברעכער. אין דער הינזיכט פון פערברעכער זיינען מיר מוחל אונזער רעכט, און וועלען זיין צופריעדען מיט וועניגער פון דער צאהל, וואס אונז קומט על פי חשבון.

וואס אנבעלאנגט צו גלוי עריות האבען מיר אויך א ביסעל צו־פיעל. מאנכע צייטונגען פיהלען אז זייערע ראמאנען מיט העסליכע זנות, אז עס איז איינפאך א שאנדע אזא צייטונג צו האלטען אין א הויז, וואו עס זיינען דא ערוואקסענע קינדער. טאמער איז נאך דער ראמאן אליין וועניג, קלייבען זיי מיט א כיון אוים אלע העס־ליכע סקאנדאליעזע זנות מעשה׳לעך און צופאטשקען עס אויף גאנ־צע קאלומס, מיט גרויסע קעפ, אום קיינער זאל עס חלילה ניט פער־פעהלען צו לעזען, און פיעלע גרינע אידען, וואס לעזען דיזע פאטש־קעריי טאג טעגליך אין צייטונג מיינען, אז די גאנצע לאנד בע־

שטעהט אויף זנות, און אז אויסער דעם פּאַסירט קיין אנדער זאַך נים אין אמעריקאַ.

אזעלכע צייטונגען פערדיענען כשר א גרויסע נגע, דאָן אַרויס־געשיקט צו ווערען מחוץ למחנה צוזאַמען מיט זייערע פּעקלעך גלוי עריות.

יעצט קומט גנבה. פיליכט האָבען מיר גנבים אויך אַ ביסעל מעהר ווי מען דאַרף, אָבער מיר רעכענען זיי אין איין מדרגה מיט פּיק־פּאָקעטס, און וועלען דאָ פון זיי קיין בעזונדער צימעס נים מאַכען.

דאַן קומט לשון הרע. דאָס איז די ליטעראַרישע קיבעצאַרניע, וואו עס קומען זיך צוזאַמען די זאַגענאַנטע לעהרער פון פאָלק טרינ־קען טהעע און רעדען לשון הרע.

יעדער ליטעראַט קען בלויז איין איינציגען ליטעראַט, וועלכער איז אַן אמת'ער גדול, אַלס מענש און אַלס דענקער, און דיזער איינ־ציגער איז קיין אַנדערער ווי ער אַליין. אַלע איבעריגע זיינען פּאַטשקונעס, זיינען גאָר נים ווערטה, וואָס די ערד איז זיך מטריח און טראָגט זיי.

די קיבעצאַרניע האָט ערצויגען אַ גאַנצען קלאַס לשון הרע'ניקעס. אַ פּריווילעגירטע קלאַסע מיט אַ הכשר אויף אַלעס וואָס געוועהנ־ליכע מענשען טאָרען נים. עס וואָלט נים געשאַדט עפּעס אַ רעכטע נגע, און מען זאָל די אַלע לשון הרע־ניקעס נעהמען און אַוועקשיקען מיט'ן עטאַפּ ערגעץ מחוץ למחנה צו די קאָונטרי צייטונגען.

יעצט קומט די זינד פון פאַלש עדות זאָגען. זיי וועלען מיר נים משפּען, דערויף איז דאָ אַ קאָורט אין אמעריקאַ, און ווען מען קעטשט איינעם, אַז ער האָט געזאָגט פאַלש עדות און געשוואָ־רען פאַלש, קריגט ער שוין זיין פּסק אָהן מיין מדרש.

זעהט איהר, די זינד פון „הדיין המקלקל את הדין", דאָס האָט שוין צו טהאָן נאָר מיט מיין מדרש, ווייל פּאַ זאַקאָנו קען מען איהם גאָר נים טהאָן, אָבער אין אידישען רעקאָרד מוז ער פער־צייכענט ווערען לחרפּה ולדראון עולם. פון אַ דיין, פון אַ רב, ער־וואַרטען מיר אַלע אמת'ע עהרליכקייט, גרויס איבערלעגונג, איידער ער רעדט אַרויס אַ וואָרט, און ווען ער איז מקלקל את הדין, און

טהום און רעדט זאכען, וואס מען דארף ניט, פערדיענט ער געווים א נגע און באלד טאקע מחוץ למחנה.

די נעקסטע זינד, פאר וועלכער עס קומט, לויט רבי תנחומא׳ס מיינונג, א נגע, איז „הנכנס בתחום שאינו שלו״, דאס הייסט אויף פראסטען מאמע לשון, דער וואס איז א סקעב.

דאן קומט ווער עס מאכט מחלוקת, ווייל אזעלכע מענשען זיינען אן אונגליק אין א געזעלשאפט, און דאס בעסטע איז, ווען מען שיקט זיי אוועק מחוץ למחנה און מען ווערט פון זיי פטור.

אחרי מות

אחרי מות שני בני אהרן. — דער מדרש דערצעהלט אונז, אז די טרויעריגע געשיכטע, וואס האט פאסירט מיט אהרן׳ס קינדער, און די יסורים וואס אנדערע גרויסע פיהרער פון אידישען פאלק האבען געליטען, האבען אריינגעבראכט שלמה המלך אין גרויס פערצווייפלונג. ער האט אנגעפאנגען נאכדענקען און נאכקלעהרען, אויב עס לוינט זיך גאר אין גאנצען צו זיין א צדיק.

דאס איז געווען די אורזאכע, וואס שלמה המלך איז ארויסגע־קומען מיט זיין ערקלעהרונג: „מקרה אחד לצדיק ולרשע, לטוב ולטהור״.

שלמה המלך האט בנבואה געזעהן אלעס, און האט פאר זיך געהאט פאלגענדע פאקטען צו בעטראכטען:

דוד המלך איז געווען א צדיק און איז פיערציג יאהר געווען מלך, וועהרענד נבוכדנצר איז געווען א שרעקליכער רשע און האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, פונדעסטוועגען איז ער אויך גע־ווען פיערציג יאהר מלך.

משה איז געווען א צדיק און די מרגלים זיינען געווען רשעים,

פונדעסטוועגען איז משה געשטאָרבען אין דער מדבר און איז ניט געקומען קיין ארץ ישראל גלייך מיט די מרגלים.

אהרן׳ס קינדער זיינען געווען צדיקים און די עדה פון קרח זיינען געווען רשעים. פונדעסטוועגען זיינען די קינדער פון אהרן אַזוי פערברענט געוואָרען ווי די קינדער פון קרח.

ווי קלוג שלמה המלך איז געווען און וויפיעל ער האָט אין דער פראגע נאָכגעקלעהרט, האָט ער דאָך דיזע סודות ניט געקענט בעגרייפען, און איז אָם ענדע געקומען צום בעשלום, אַז די בעסטע זאַך פאַר׳ן מענשען איז ניט צו קריכען צו וויט, דעם מענשען׳ס לעבען איז קורץ, און צו וואָס זאָל מען אומזיסט פערברענגען יאָהרען אויף גריבלען זיך אין פראַגען, וועלכע דער קליינער מענשליכער מוח קען ניט בעגרייפען, און ער האָט געשלאָסען זיין גרויסע פילאָזאָפישע ווערק „קהלת“ מיט אַ דעקלאַריישאָן פון: „סוף דבר הכל נשמע, את האלהים ירא ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם“.

עס איז צייטמעסיג צו רעדען יעצט אַ ביסעל וועגען דער טהעמא „עבדים היינו לפרעה במצרים“.

לאָמיר נאָר גוט בעטראַכטען, פאַר וואָס איז עס געקומען אונזערע עלטערען די שרעקליכע שטראָף, צו ליידען אַזאַ ביטערען און אַזאַ שווערען גלות פיער הונדערט יאָהר? וואָס האָבען זיי אַזעלכעס געטהאָן, וואָס נאָך איידער זיי זיינען געבאָרען געוואָרען, האָט מען שוין פאַר זיי צוגעגרייט אַ פרעה, וואָס זאָל מיט זיי קנעטען ליים און מאַכען ציגעל? וואָס פאַר אַ שווערען חטא האָבען זיי בעגאַנגען, פאַר וועלכען עס איז זיי געקומען אַזאַ שווערע שטראָף?

די גמרא זאָגט, אַז דער גלות מצרים איז געקומען איבער׳ן חטא פון אברהם אבינו. דערפאַר וואָס ער האָט זיך געוואָגט צו פרעגען ביי גאָט: „במה אדע כי אירשנו“. אָבער עפּעס לאָזט זיך ניט גלויבען, אַז דערפאַר וואָס איינער האָט געזינדיגט זאָלען ששים רבוא אידען ליידען און אָבקומען פיער הונדערט יאָהר נאָכאַנאַנד.

גאָט איז ניט אַזאַ שלעכטער, ער וועט אַזאַ זאַך ניט טהאָן.

עס איז אויך אַ גרויסער וואונדער אויף אברהם אבינו. ווי מיר ווייסען איז ער געווען דער ערשטער און דער אמת׳ער מאמין אין גאָט, חיינט וויאַ קומט עס, אַז דאָן ווען גאָט אַליין רעדט צו

איהם, זאל ער איהם ניט וועלען גלויבען, און זאל פון איהם פארערען א גאראנטי?

אבער ווען מיר קוקען זיך צו א ביסעל נעהענטער צו דער היס־טאריע פון אונזערע עלטערען, זעהען מיר א מערקווירדיגע זאך.

דור נאך דור זעהען מיר ביי זיי א מערקווירדיגע אונאייניגקייט. איינער ציהט אהין און איינער אהער. קיין שלום, קיין אחדות, נאר קריעג און אונצופריעדענהייט.

אברהם'ען איז ניט געפעלען געווען, ווי זיין טאטע האט זיך געפיהרט און ער האט איהם איבערגעלאזט הכל באשר לכל און איז אוועק פון איהם אין א גאנץ אנדער וועג.

אברהם'ס קינדער האבען ניט געקענט דורכקומען צווישען זיך, יעדער האט געהאט אנדערע וועגען און אנדערע מחשבות, און זיינען געווען אזוי דערווייטערט איינער פון אנדערען, אז עס איז גאר ניט געווען צו דערקענען, אז זיי זיינען קינדער פון איין טאטען.

די זיהן פון יצחק, אבוואהל זיי זיינען געווען א צווילינג, צו־זאמען אין איין בויך געלעגען, פונדעסטוועגען זיינען זיי איינער דעם אנדערען געווען דם שונאים און זיינען געווען אזוי וויט אונטערשיעדען איינער פון צווייטען, אז מען וואלט אין לעבען ניט זאגען, אז דאס זיינען צוויי לייבליכע ברידער.

יעקב'ס קינדער. ווייסען מיר דאך, ווי וויט אונאייניג און צו־טהיילט זיי זיינען געווען, אז ביי זיי איז אויסגעקומען רעכט צו נעהמען אן אייגענעם ברודער און הרג'ענען. דאס וואס זיי האבען איהם נאר פאר א קנעכט פערקויפט, איז שוין געווען א טובה, אבער אנפאנגס איז ביי זיי געווען רעכט צו נעהמען דעם ברודער און הרג'ענען

מען קען ניט זאגען, אז די אלע זאכען, פיער דורות איינס נאכ'ן אנדערען, זיינען בלויז געווען צופעלע. צופעלע קענען ניט קומען אזוי רעגעלמעסיג דור נאך דור. און מיר מוזען דעריבער זוכען די אורזאכע אין די כאראקטערע פון דיזע מענשען, אין דער פאמיליע, אין דעם שטאם. עס איז געווען א סארט פאמיליען פעהלער, ניט צו קענען הויזען, ניט צו זיין אייניג, און אימער נאר צו זוכען קריעג.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז פון אַזאַ מאַטעריאַל קען מען קיין פאָלק ניט אויפבויען, און אַז עס איז זעהר אַ שווערע זאַך צו אָר־גאַניזירען אַ פאָלק פון מענשען, וואָס זיינען אין נאַטור בעלי מחלוקת און יעדער איינער האָט אַנדערע אידעען.

אָט דאָס שיינט צו זיין דער געדאַנק פון מדרש (בר"ר פ׳ ס"ח), רבי יהודה אומר י"ב אבנים נטל, כך גזר הקב"ה שהוא מעמיד י"ב שבטים. אברהם לא העמידן, יצחק לא העמידן, אני, אם מתאחות י"ב אבנים זו לזו, יודע אנכי שאני מעמיד י"ב שבטים".

דער מדרש דערצעהלט אונז בדרך מליצה, אַז יעקב האָט גע־זאָגט, אויב ער וועט זעהן, אַז שטיינער קענען ווערען פערברודערט און פעראייניגט, דאַן וועט ער גלויבען, אַז אויך זיינע קינדער וועלען פערברודערט און פעראייניגט ווערען, אָבער אויב ער וועט ניט זעהן דעם וואונדער, אַז שטיינער ווערען פעראייניגט, וועט ער אויך ניט גלויבען, אַז זיינע קינדער קענען זיך פעראייניגען נאָך דעם ווי ער ווייסט, אַז אברהם׳ס קינדער האָבען זיך ניט געאייניגט און ווי יצחק׳ס קינדער האָבען זיך ניט געאייניגט.

דיזע שווערע פראַגע האָט אברהם אבינו געפרעגט ביי גאָט: ווי אַזוי קען עס זיין, אַז פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען אַזוי פער־שיעדען פון געבאָרען אָן, וועט געבאָרען ווערען אַ פאָלק מיט אַן אַלגעמיינעם שטרעבען און מיט איין האָפנונג, אַז זיי זאָלען וועלען אַליין אַ בעזונדער פּלאַץ און אַ בעזונדער לאַנד? וואָס פאַר אַן אורזאַכע וועט זיי דערצו טרייבען, אַז יעדער איינער זאָל פער־לאָזען זיין אייגענעם וועג און זיינע אייגענע אינטערעסען, און אַלע זאָלען שטרעבען צו איין אַלגעמיינעם ציעל? ווייל אָהן אַ ספּעשעל אורזאַך האָט אברהם אבינו גאַנץ גוט געוואוסט, אַז עס איז אונ־מעגליך, זיי זאָלען זיך פערברודערען.

און דאָס האָט אברהם אבינו געמיינט מיט די ווערטער: „במה אדע כי אירשנה?" מיט וואָס פאַר אַן אורזאַכע וועלען מיינע קינ־דער ירש׳ענען די דאָזיגע לאַנד? ווי אַזוי וועלען זיי ווערען איין פאָלק, נאָך דעם ווי עס איז ביי זיי אַ פאַמיליען פעהלער, אַז זיי קענען זיך ניט אייניגען. ווען איינער זאָגט טאָג, זאָגט דער צווייי־טער נאַכט, דער ציהט אַהין און דער אַהער.

דערויף האָט איהם גאָט געגעבען דעם ריכטיגען אַנטוואָרט:

ידוע תדע, כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום, ועינו אותם ארבע מאות שנה".

זאָלסט וויסען, אַז דיינע קינדער וועלען זיין גרים אין אַ לאַנד, וואָס בעלאַנגט ניט צו זיי, מען וועט מיט זיי ארבייטען עבודת פּרך, מען וועט זיי פּלאָגען און מאַטערען פיער הונדערט יאָהר, און דיזער לאַנגער, שווערער גלות וועט זיי שוין אַלעמען פערברודערען און פעראייניגען און וועט זיי פאַרבעררייטען, זיי זאָלען קענען זיין אַ פאָלק אין אַן אייגענע לאַנד.

קדושים

הייכטיגע וואָך האָבען מיר אַ פיינע פרשה — פרשה קדושים. אַ קליינע פרשה, אָבער אַ גוטע.

קדושים תהיו, איהר זאָלט זיין הייליג, כי קדוש אני ד' אלהיכם, ווייל איך אייער גאָט בין אויך הייליג.

דער אוהל יעקב ערקלעהרט אונז דיזען פּסוק מיט אַ פיינעם משל:

אַ רייכער איד פון אַ קליין שטעדטעל האָט געהאַט אַ בת יחידה, פאַר וועלכער ער האָט געזוכט אַ פיינעם חתן. ער איז אַוועקגעפאָה־רען ווייט אין אַ ישיבה און האָט געזאָגט צום ראש ישיבה:

— איך וועל דיר געבען וויפיעל געלד דו וועסט מיר הייסען, נאָר זאָלסט מיר אויסקלייבען דעם פיינסטען באָי, וואָס דו האָסט ביי דיר אין ישיבה. איך וויל האָבען אַ חתן, וואָס זאָל זיין אַ גרויסער בן תורה און אַ יונגער מאַן מיט אַלע מעלות.

נאָך דעם ווי דער ראש ישיבה איז דורכגעקומען מיט'ן אידען וועגען פרייז, האָט ער צוגערופען איינעם פון די ישיבה בחורים און האָט איהם פאָרגעשטעלט צום סוחר:

— דאָס וועט זיין אייער טאָכטער'ס חתן, האָט ער געזאָגט, ער איז דער בעסטער פון אַלע ישיבה קינדער. ער איז זעהר קלוג און זיצט טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה.

דער עושר האָט בעצאָהלט דאָס געלד, האָט גענומען דעם בחור אַהיים און האָט אין אַ גוטער שעה חתונה געמאַכט.

נאָך דער חתונה האָט דער שווער בעמערקט, אַז דער גוטער איידים פאַלשעוועט אַ ביסעל צו. ער לערענט זעהר ווייניג, און ער האָט איהם גענומען מוסר'ען: סטייטש, היתכן? איך האָב דיך גענומען פאַר אַ גוטען איידים, פאַר אַ מתמיד, צום סוף וויים איך ניט, אויב דו לערענסט אפילו אַ שעה אין טאָג.

— איהר זאָלט זיך ניט זארגען, שווער, האָט איהם דער איידים געענטפערט, ווי ווייניג איך לערען, לערען איך נאָך אַלץ מעהר פון אַלע אַנדערע יונגע לייט אין אייער שטעדטעל, און ווען איך זאָל שוין אפילו מעהר גאָר ניט לערנען און נאָך אַ סך פערגעסען דערפון וואָס איך קען יעצט, וועל איך נאָך אַלץ זיין מעהר למדן פון זיי אַלעמען.

דיזער ענטפער האָט דעם שווער נאָך מעהר געערגערט:

— זאָלסט וויסען, מיין קינד, האָט ער איהם געזאָגט, אַז איך האָב דיך ניט גענומען פאַר אַן איידים, ווייל דו ביזט דאָ אין שטעדטעל דער בעסטער פון אַלעמען. געדענק, איך האָב דיך ארויסגענומען פון אַ ישיבה, וואו אַלע קענען לערנען, און דאָרט ביזטו געווען דער בעסטער, און עס איז ביי מיר גאָר קיין תירוץ ניט דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז דו ביזט דער בעסטער דאָ אין שטעדטעל. דו דאַרפסט זיצען און לערנען ווי די יונגע לייט אין דער ישיבה, ניט ווי די יונגע לייט דאָ, ווייל פון דאָרט האָב איך דיך גענומען.

דאָס מיינט דער פסוק קדושים תהיו, כי קדוש אני ד' אלהיכם. איהר אידען דאַרפט זיין הייליג, אָבגעזונדערט פון שלעכטעם און בעסער פון אַלע. איהר וועט זיך געפינען צווישען לענדער און פעלקער, אין וועלכע עס וועט הערשען שכרות, גנבה, גזלה, רציחה און זנות, זאָלט איהר זיך פון זיי קיין ביישפיעל ניט נעהמען. איהר זאָלט זיין אָבגעשיידט און אָבגעזונדערט פון אַלע מיאוס'ע זיטען, איהר זאָלט זיך קיין מאָל ניט טרייען צו פערענטפערען, אַז לויט די אומשטענדען, לויט אייער סביבה, וואו איהר געפינט זיך, זייט

איהר שוין פיינע מענשען. גאָט וויל ניט, מיר זאָלען זיין די בעסטע אין שטעדטעל, ער וויל, מיר זאָלען זיין די בעסטע פון דער ישיבה, די בעסטע פון דעם גאַנצען ישוב, קדושים תהיו, כי קדוש אני.

קדושים תהיו לי, איש אמו ואביו תיראו.

דער מענש בעשטעהט פון קערפּער, שכל און נשמה. אַ געביי, אין וועלכער עס איז פעראייניגט גאָט און טאַטע מאַמע. און וואויל איז צו ייזדען, וואָס רעספּעקטירט דיזע דריי גרויסע ארכיטעקטאָרס. עס איז דער אָנפאַנג און די ענדע פון אַלעם וואָס בעצוועקט צו מאַכען דאָס מענשליכע לעבען ריין און נאָבעל, און די מענשהייט — גליקליך. ווען יעדער איינער זאָל נאָר רעספּעקטירען גאָט און טאַטע מאַמע און טהאָן וואָס זיי הייסען, קענט איהר זיך פאָרשטע־לען וויפיעל שלעכטעס דאָס וואָלט אָוועקגענומען פון אונזער זינ־דיגער וועלט.

קדושים תהיו: — אין דיזער פרשה געפינט איהר פאָלגענדע בריליאַנטען, וואָס דיענען אַלס מוסטער פאַר די נעזעץ און מאָראַל ביכער פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער ביז היינטיגען טאָג:

1 — איש אמו ואביו תיראו.
2 — אל תפנו אל האלילים.
3 — לא תגנובו.
4 — לא תכחשו.
5 — לא תשבעו בשמי לשקר
6 — לא תעשוק.
7 — לא תגזול.
8 — לא תלין פעולת שכיר.
9 — לפני עור לא תתן מכשול.
10 — לא תעשה עול במשפט.
11 — לא תלך רכיל.
12 — לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך.
13 — ואהבת לרעך כמוך.
14 — מאזני צדק, אבני צדק והין צדק יהיה לך.
15 — לא תקלל חרש.

16 — לעני ולגר תעזוב אותם.

דער פּונקט נומער 16 האָט צו טהאָן מיט צדקה פאַר אָרימע לייט. עס איז אַ פּריקאָז, אַז די, וועמען גאָט האָט געהאָלפען, זיי האָבען אייגענע פעלדער און האַלטען ביי אָרונטערנעהמען די תבואות פון פעלד, זאָלען זיי וויסען, אַז עס זיינען דאָ אָרימע לייט, וואָס דאַרפען אויך לעבען, מענשען וועלכע האָבען ניט קיין אייגענע פעלדער, און מען מוז פאַר זיי לאָזען אַ ביסעל תבואה, זיי זאָלען קומען און נעהמען גלייך ווי עס איז זייערס.

רעדענדיג וועגען אידישע צדקה האָב איך זיך דערמאָהנט אין אַ פיינעם פשט אויף אַ שטיקעל גמרא, וואָס קען יעדען מגיד צו נוץ קומען ביי אַ געלעגענהייט.

די גמרא זאָגט אין ב"ב דף י' ע"ב:

„צדקה תרומם גוי וחסד לאומים חטאת, צדקה תרומם גוי אלו ישראל, דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, וחסד לאומים חטאת אלו אומות העולם, שאין עושין אלא להתגדל, אלא כדי שתמשך מלכותן, אלא כדי להתיהר".

יעצט לאָמיר נאָר גוט בעטראַכטען פון וואַנען האָט עס די גמרא גענומען, אַז צדקה תרומם גוי מיינט מען די אידען? דאָס וואָס די חכמים האָבען אויסגעזוכט אַ פּסוק „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" צו ציינען, אַז „גוי" מיינט מען דאָס אידישע פאָלק, איז אַ קנאַפּער בעווייז, ווייל אַלע פּסוקים אין תנ"ך ציינען אונז פּונקט דעם היפך, אַז דער נאָמען „גוי" געהט דוקא אויף די גוים, ווי ויתהלכו מגוי אל גוי. און אפילו ביים דאַוונען זאָגען מיר יעדען טאָג סתם „שלא עשני גוי", דאָס בעווייזט דאָך געוויס, אַז דאָס וואָרט גוי מיינט טאַקע פּשוט אַ גוי, היינט פון וואַנען האָט עס די גמרא גענומען צו בויען אַ גאַנצען בנין אויפ'ן איינעם פּסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, ווען אַלע אַנדערע פּסוקים ציינען דעם היפך.

אָבער דער אמת איז, אַז אונזערע חכמים האָבען אין זייערע ווערטער איינגעוויקעלט אַ טהייערען ערהאָבענעם געדאַנק.

ווען איינער גיט אַ נדבה צו אַן אָרימאַן, אָדער צו אַן אינסטי־טושאַן, און ער מאַכט צו פּיהלען יענעם, אַז ער גיט איהם אַ נדבה, אַז ער דערהאַלט איהם ביים לעבען, און האַלט זיך דערפאַר פאַר אַ

גאנצען יאָ טעביע דאָס, דער ערנידעריגט זיך אליין און ציינט, אַז ער איז אַ גאָרנישט. ער ווייזט דייטליך, אַז ער הויבט ניט אָן צו פערשטעהן, אַז ער בעצאָהלט אפילו ניט קיין איינס פּראָצענט דער־פון וואָס ער איז שולדיג דער געזעלשאַפט, און דורך זיין געבען אַמאָל אַ נדבה ציינט זיך נאָך מעהר אַרויס זיין שלעכטער כאַראַקטער.

דער ווידער, וואָס נעהמט פון איהם די צדקה, וואָס ווערט גע־געבען דורך אַזוי פיעל ערנידערונג און בלוטצאַפּעניש, דער ווערט געוויס ערנידעריגט ביז דער לעצטער מדרגה.

אבער ניט אַזוי איז דער אמת גוטער מענש, וואָס גיט צדקה און נעהמט זיך ניט איבער, ווייל ער ווייסט, אַז ער בעצאָהלט נאָר זיינע שולדען צו דער געזעלשאַפט. אויך דער וואָס איז פון אַזאַ מענשען מקבל די טובה, רעכענט אַז יענער ערפילט נאָר אַ מענש־ליכע פּפליכט, און דער מקבל ווערט ניט ערנידעריגט, ער דאַרף קיין כורעים ניט פאַלען און ניט קושען די הענט פון דעם צדקה געבער. אויף אַזאַ אַרט און ווייזע ציינען ביידע אַרויס זייער ער־האַבענעם גייסט, און אַז זיי פערשטעהן דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען פון מענשען.

אט דאָס מיינט די גמרא מיט די ווערטער צדקה תרומם גוי אלו ישראל, דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. די צדקה וואָס ערהויבט אַ פאָלק, דעם געבער מיט'ן נעהמער גלייך, איז ביי אידען, וואָס זיינען אַזוי פעראייניגט, אַז יעדער איינער רעכענט זיך בלויז פאַר אַן איינציגען גליעד פון פאָלק, ניט אַלס אַ קליינע וועלטעל פאַר זיך אליין, נאָר פאַר אַ גליעד פון גאַנצען קערפּער, און אַזוי ווי דאָס מויל נעהמט זיך ניט איבער דערפאַר, וואָס זי עסט פאַר'ן גאַנצען קערפּער, און די הענט דערפאַר, וואָס זיי אַר־בייטען פאַר אַלע גליעדער, און די פיס, וואָס טראָגען אויף זיך אַלע אברים, ווייל יעדער גליעד בעצאָהלט נאָר זיין שולד צום אַנ־דערען גליעד, וואָס טהוט פאַר איהם עטוואָס אין אַן אַנדער הינ־זיכט. אַזוי איז ביים אידען, וועלכער איז איינער צווישען די פעלקער, גוי אחד בארץ. די צדקה, וואָס יעדער איד גיט, דער־הויבט דאָס פאָלק, דעם נותן און דעם מקבל צוזאַמען, ווייל ביי זיי קומט צדקה גלייך מיט משפט, זיי האַלטען זייער צדקה פאַר

אַ חוב, אָבער חסד לאומים חטאת, די גוים, אפילו זיי גיבען צדקה, גיבען זיי ניט בתורת צדקה, נאָר בתורת חסד, זיי טהוען יענעם אַ גנאָדע, זיי מאַכען יענעם פיהלען, אַז ער איז אַ שנאָרער, און ציינען ארויס מעהר גדלות און שטאָלץ וויפיעל דאָלערם זיי גיבען. אַזאַ צדקה ברענגט מיט זיך חטאת, ווייל עס מאַכט זעהר נידעריג די געבערם און די נעהמערם גלייך.

אמור

אמור ואמרת — זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, איהר קענט מיך אפילו פער׳משפט׳ען צו אַלע ארבע מיתות בית דין, וועל איך מיט׳ן פשט פון אמור ואמרת בשום אופן ניט זיין איינפערשטאַנען מיט רש״י.

רש״י טייטשט אמור ואמרת מען זאָל זאָגען און זאָגען און גאָר קיין מאָל ניט אויפהערען, און איך טייטש אמור ואמרת — געזאָגט און אָבגעזאָגט. וואָס דו האָסט צו זאָגען, זאָג אָב קורץ און שאַרף, נודיע ניט, זאָנסט וועט מען דיך קיין מאָל ניט קומען הערען.

דאָס איז אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש צו פיעלע מגידים, דרשנים, פּרעדיגער און שרייבערס, זיי זאָלען וויסען, אַז ניט יעדער האָט געדולד, און עס איז אַן עברה צו מאַטערען דעם עולם שטונדען מיט זאַכען, וואָס מען קען ערקלעהרען שעהן און לייטיש אין צעהן מינוט.

האָט ניט קיין טבע אויסצולייידיגען אייער קאָפּ און אויסצוגיסען אַלע אייערע געדאַנקען אויף אַמאָל. איהר וועט דערמיט ליידיגע קעפּ ניט פול מאַכען, און די וואָס האָבען פולע קעפּ קענען אייער איבערפלוס ניט דולדען — היינט צו וואָס זאָלט איהר מאַטערען אומזיסט זיך און יענעם?

מיינער א בעקאנטער האט זיך פאר מיר אמאל בעריהמט, אז זיין מאמע האט גערעדט ביז אין טויט אריין.

איך האב גראדע געהאט די זכיה זיין מאמע צו קענען און האב מיר דאן געטראכט, אז עס איז טאקע אמת, זיא האט טאקע גערעדט ביז אין טויט, אבער אלץ דער רוח ווייסט וואס.

עס איז א קראנקהייט מיט מאנכע רעדנער און שרייבער, וועלכע ווייסען ניט ווען צו סטאפען, און פאר זיי איז מיין טייטש אויס־געצייכענט — אמור ואמרת, זאג וואס מען דארף זאגען און נודיע ניט פיעל!

דער מדרש תנחומא האט אנגעפאנגען די פרשה אמור מיט א דרוש פון א פסוק אין תהילים י״ב: אמרות ד׳, די זאג פון גאט, אמרות טהורות, זיינען ריינע זאג, אלעס וואס גאט האט צו זאגען, זאגט ער קורץ און שארף, ריין און דייטליך.

וואס גאט האט געזאגט אין די צעהן קורצע עשרת הדברים, וואלט עס נעהמען ביי מאנכע דרשנים יאהרען לאנג, און זיי וואל־טען עס ארומגערינגעלט מיט אזוי פיעל אייגענע חכמות, אז די אמת׳ע בריליאנטען וואלטען זיך ניט ארויסגעזעהן; עס וואלט פון זיי אפילו קיין סימן ניט געבליבען.

מיר האבען דיזע וואר׳ אין מדרש א פראכטפאלע אילוסטראציע איבער׳ן פסוק „אדם ובהמה תושיע ד׳״.

וואס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער, אז גאט העלפט דעם מענשען גלייך מיט דער בהמה?

דער מדרש אילוסטרירט די בעדייטונג מיט פאלגענדער לע־גענדע:

דער קיסר אלכסנדר מוקדון איז געגאנגען צום מלך קציא, וועל־כער האט געהאט זיין קעניגרייך אונטער די הרי חושך.

אויפ׳ן וועג איז ער געקומען אין א מדינה פון בלויז ווייבער. קיין שום מאנספערזאן האט זיך דארט ניט געפונען, א ריכטיגע ווייבערשע מלוכה.

ווען די ווייבערשע רעגיערונג האט דערהערט, אז אלכסנדר מוקדון קומט מיט חיל ערקלעהרען קריעג דער ווייבערשער מדינה,

האָבען זיי איהם געשיקט אַנטקעגען אַ ווייבערשע דעפּוטאַציע, וועל־כע האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט פאָלגענדער ערקלעהרונג אין נאָמען פון זייער מלוכה:

— גרויסער קיסר אַלכּסנדר מוקדון, מיר זיינען געקומען אַלס דעפּוטאַציע פון אונזערע בירגערטעס דיר ערקלעהרען, אַז פאַר דיר לוינט זיך פאַר קיין פאַל ניט צוהאַלטען מיט אונז מלחמה. איינס פון דיביידע: וועסטו אונז איינגעהמען, וועט עס ניט זיין קיין גרויסע גבורה; וואָס פאַר אַ קונץ איז ווייבער צו בעזיעגען? קיין נאָמען אַלס העלד וועסטו דערפאַר זיכער ניט בעקומען! וועלען מיר ווידער געווינען די מלחמה, אויף דער וועלט קען דאָך אַלעס פּאַסירען, דאַן וועסטו זיך דאַרפען שעהמען פאַר דער גאַנצער וועלט און וועסט שוין נאָכהער מיט קיין קעניגרייך ניט קענען געהן אין מלחמה.

אַלכּסנדר מוקדון האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די ווייבער־שע דעפּוטאַציע און איז אַוועק פון זיי אויף אַן אַנדער וועג; נאָר איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער אָנגעשריבען אויפ'ן טויער פון דער מדינה פאָלגענדע ווערטער:

„איך אַלכּסנדר מוקדון בין געווען אַ שוטה,
ביז איך בין געקומען אַהער אין אַ מדינה
פון ווייבער און האָב מיך געלערענט
פון זיי שכל".

דערנאָך איז אַלכּסנדר מוקדון געגאַנגען קיין אפריקא. דאָרט זיינען די מענשען איהם אַרויסגעקומען אַנטקעגען מיט עפּעל און מיט ברויט, געמאַכט פון ריינע גאָלד.

— וואָס איז דאָס? האָט אַלכּסנדר ביי זיי געפרעגט, ביי אייך עסט מען גאָלד?

— וואָס דען ביזטו אַהער געקומען, האָבען זיי איהם געענט־פערט. עסען פעהלט דיר אין דיינע לענדער אויך ניט, מסתמא ווילסטו דאָך זעהן אונזער רייכקייט.

— עס פעהלט מיר קיין גאָלד אויך ניט, האָט אַלכּסנדר גענאָגט, איך בין ניט געקומען זעהן אייער רייכקייט; איך בין געקומען זעהן ווי איהר פיהרט אייערע משפּטים.

מען האָט איהם גלייך געלאַדען צום קעניג אין געריכטס פּאַלאַץ, און וועהרענד אַלכסנדר איז דאָרט געזעסען, זיינען געקומען צוויי מענשען מיט אַ לאַדעניש צום קעניג.

— אדוני קעניג, האָט איינער גע'טענה'ט, איך האָב געקויפט ביי מיין חבר אַ חורבה, אַז אַלטע הייזקע. ווען איך האָב זי גע־נומען רייניגען, האָב איך דאָרט געפונען אַן אוצר. יעצט וויל איך איהם אָוועקגעבען דעם אוצר, ווייל איך האָב ביי איהם געקויפט נאָר די הייזקע, ניט דעם אוצר; איך וויל ביי מיר ניט האָבען קיין גזלה.

— וואָס האָסטו צו זאָגען, האָט דער קעניג געפרעגט ביים אַנדערען.

— אדוני קעניג, האָט דער אַנדערער געענטפערט, איך האָב איהם אַלעס פערקויפט אַזוי ווי עס איז. דער אוצר געהער צו איהם. און אַזוי ווי מיין חבר האָט מורא פאַר גזלה, אַזוי האָב איך אויך מורא. איך וויל ניט קיין פרעמדס!

— האָסטו אַ בחור? האָט דער קעניג געפרעגט ביים ערשטען.

— יאָ, אדוני קעניג.

— האָסטו אַ טאָכטער? האָט דער קעניג געפרעגט ביי דעם צווייטען.

— יאָ, אדוני קעניג, האָט דער צווייטער געענטפערט.

— מיין פּסק איז, האָט דער קעניג אויסגערופען מיט אַ ערנ־סטען טאָן, אַז דער בחור זאָל נעהמען די מיידעל, און דער אוצר זאָל זיין זייער נדן.

אַלכסנדר מוקדון האָט דערהערט דעם פּסק און האָט זיך צו־לאַכט.

— וואָס לאַכט איהר? האָט איהם דער קעניג געפרעגט. האָב איך שלעכט גע'פּסק'ענט? ווי וואָלט מען ביי אייך אַזאַ משפּט גע'פּסק'ענט?

— ביי אונז, האָט אַלכסנדר מוקדון געענטפערט, ביי אונז וואָלט מען גע'פּסק'ענט, אַז מען זאָל זיי ביידען אָראָבנעהמען די קעפּ, און דער אוצר זאָל מען איבערגעבען אין די אוצרות פון מלך.

— שיינט ביי אייך די זון? האָט איהם דער קעניג געפרעגט.

— יאָ.

— געהט ביי אייך רעגען?
— יאָ.
— זיינען ביי אייך דאָ בהמות?
— יאָ.
— אויב אַזוי, האָט דער קעניג געזאָגט, פערשטעה איך שוין, אַז די זון וואָס שיינט ביי אייך און דער רעגען וואָס געהט ביי אייך, איז צוליעב די בהמות, ווייל זיי קענען ניט זיין אַזוי שלעכט ווי די מענשען ביי אייך. צוליעב אַזעלכע מענשען וואָלט די זון ניט גע־שיינט און דער רעגען וואָלט ניט געגאַנגען.

אָט דאָס, זאָגט דער מדרש תנחומא, מיינט דער פסוק: „אדם ובהמה תושיע ד׳". גאָט העלפט דעם מענשען אין דעם זכות פון די בהמות.

דער ערהאָבענסטער געדאַנק ווערט דורכגעוועבט אין מדרש דיזע וואָר אויפ׳ן פסוק ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל.

דיזע מאָדנע צוזאַמענשטעלונג פון די פיער מינים האָט אין זיך אַ הויכען אידעאַל, ערקלעהרט דער מדרש.

דער אתרוג האָט אַ גוטען טעם און אַ גוטען ריח — דאָס איז געגען די גרויסע מענשען, די צדיקים, וואָס האָבען אין זיך בילדונג, תורה און מעשים טובים.

כפות תמרים — דער לולב פון אַ טייטעל בוים, וואָס האָט אַ גוטען טעם און ניט קיין גוטען ריח — דאָס איז געגען די וואָס לערנען און זיינען געבילדעטע מענשען, נאָר זיי האָבען ניט קיין מעשים טובים.

וענף עץ עבות — איז דער הדס, וואָס האָט אַ גוטען ריח, נאָר ער האָט ניט קיין טעם — דאָס איז געגען די פּראָסטע מענשען, וואָס האָבען אין זיך מעשים טובים און ניט קיין תורה.

וערבי נחל — און די ערבה, וואָס האָט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח — דאָס איז געגען די שלעכטע אידען, וואָס מיר האָבען אין אונזער פאָלק, אידען וואָס האָבען קיינע מעלות.

דיזע אַלע פיער מינים דאַרפען צוזאַמענגעבונדען ווערען אין איין בונד. דער אתרוג דאַרף ניט שטאָלצירען געגען די ערבי נחל,

דער געביקדעטער דארף זיך ניט שעהמען מיט'ן פראסטען אידען. אלע דארפען שטעהן צוזאמען אונטער דער נאציאנאלער פאהן פון אידישע אחדות.

בהר

די גרויסע מעלה פון תורת משה איז דאס, וואס זי גיט זיך וועניג אב מיט יענער וועלט. זי איז ווי א קאנסטיטושאן, וואס זארגט איינצואורדנען א פיינעם געזעלשטאפטליכען לעבען. דער שטארקער זאל ניט בערויבען דעם שוואכען, דער רייכער זאל ניט שינדען די הויט פון ארימאן, און ווי ווייט עס איז נאר מעגליך, זאל יעדער איינער טהאן זיין חלק צו ברענגען גליק און פריעדען אויף דער וועלט.

אין פרשה בהר געפינט איהר פאלגענדע בריליאנטענע הומאַ־נישע געזעצען:

1. וכי תמכור ממכר לעמיתך, או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו. ווען איהר וועט פערקויפען עפעס צו אייער חבר, אדער איהר וועט ביי איהם עפעס קויפען, זאלט איהר ניט נארען איינער דעם אנדערען.

2. וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך, והחזקת בו. ווען דיין ברודער פאלט, ער ווערט ארים, זאלסטו איהם שטיצען. אל תקח מאתו נשך ותרבית, בארג איהם עטליכע דאלער אהן אינטערעסט. וחי אחיך עמך, און זעה, אז דיין פריינד זאל מאכען א לעבען.

3. וכי ימוך אחיך ונמכר לך, ווען דו ביזט א רייכער מאנופעק־טשורער און דיין ברודער איז אן ארימאן און מוז צו דיר געהן ארבייטען צו מאכען א לעבען פאר זיין ווייב און קינדער, לא תעבוד בו עבודת עבד, זאלסטו מיט איהם ניט ארבייטען ווי מיט א שקלאף.

דיזע דריי פּונקטען זיינען די הויפּט שטאַרקע זיילען, אויף וועלכע עס קען זיך האַלטען פעסט די גרויסע געביידע פון מענש־ליכע געזעלשאַפט.

אַלע צרות, אַלע אונגליקען, אַלע סטרייקס און פּרינות, וואָס קומען יעצט פאַר אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, נעהמען זיך נאָר דערפון, וואָס מען היט ניט אָב דיזע דריי וויכטיגע פּונקטען פון משה רבנו'ס קאָנסטיטושאָן.

די מעהרסטע אונצופריעדענהייט פון די גרויסע מאַסען איינ־וואָהנער יעצט אין אַלע לענדער, צווישען אַלע פעלקער, איז דער אונגעהויער גרויסער יקרות, די הויכע קאָסטען פון לעבענס מיטלען, און די מעטהאָדע צו שינדען די הויט פאַר יעדען אַרטיקעל, וואָס דער מענש מוז האָבען צום לעבען.

און איהר קענט זיך פאַרשטעלען, אַז דאָס וואָלט בשום אופן ניט געקענט עקזיסטירען, ווען מען וואָלט ריכטיג געפאָלגט דעם פּאַראַגראַף פון משה רבנו'ס קאָנסטיטושאָן, וואָס זאָגט אונז דייט־ליך: וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך, אל תונו איש את אחיו.

דיזער קורצער פּאַראַגראַף האָט זאָגאַר בעוואָרענט, אַז דער וואָס קויפט עפּעס, זאָל ניט נאַרען דעם פערקויפער. אייגענטליך איז דאָך די פראַגע: מיט וואָס קען אַ קאָסטימער נאַרען דעם פערקויפער? דער קאָסטימער נעהמט די וואַרע, וואָס דער פער־קויפער גיט איהם, צאָהלט דעם פּרייז וואָס דער פערקויפער פער־לאַנגט, זאָנסט קריגט ער ניט די וואַרע. היינט מיט וואָס קען ער דעם פערקויפער נאַרען?

אָבער משה האָט מיט דעם פּונקט געוואָלט פערהיטען די גע־זעלשאַפט פון די גרויסע טראַסטס, וואָס קויפען אָב אַלע קלענערע ביזנעס, אום אַריינצוקריגען דעם קאָנטראָל אין זייערע הענט, זיי זאָלען קענען פערקויפען נאָכהער פאַר וועלכער פּרייז זיי ווילען אַליין און זאָלען ניט דאַרפען מורא האָבען פאַר קאָנקורענץ. דיזע טראַסטס, ווען זיי געהען קויפען זאַכען, וואָס זיי דאַרפען האָבען צו זייערע הויט־שינדערישע צוועקען, נאַרען זיי געוועהנליך די סוחרים, ביי וועמען זיי קויפען. זיי דערצעהלען ניט דעם צוועק, פאַר וועל־כען זיי דאַרפען די וואַרע. אָפט מאָל קויפען זיי וואַרע און וואַרפען

עס אריין אין ים אריין, אום עס זאל זיין ווענינ אין מארקעט און דער פרייז זאל שטייגען, און דאס האט אונזער גרויסע תורה פאר־אויסגעזעהן און געוואלט כעווארענען לטובה פון דער געזעלשאפט.

יעצט קומט דער פאראגראף נומער צוויי פון משה רבנו'ס קאנ־סטיטושאן. דיזער פאראגראף האט צו טהאן מיט דער פראגע פון ארים און רייך. וכי ימוך אחיך, אז דיין ברודער וועט פעראַרימט ווערען, והחזקת בו, זאלסטו איהם אונטערהאלטען, זאלסט איהם אוועקשטעלען צוריק אויף די פיס, ער זאל ווידער קענען זיין אן אינדעפענדענט מאן, ער זאל קענען מאכען א לעבען בכבוד און זאל ניט דארפען מעהר אנקומען לידי מתנת בשר ודם. א סימן, אז דער והחזקת בו מיינט א פעסטע, ריכטיגע שטיצע, האבען מיר דערפון, וואס אין דעם זעלבען פסוק ווערט גלייך ערקלעהרט: אל תקח מאתו נשך ותרבית, דאס צייגט, אז ווען דיין ברודער איז אן ארימאן געווארען, איז ניט גענוג וואס דו וועסט איהם געבען אב־עסען א דינער, אדער וועסט איהם געבען א דאלער, אום פון איהם שנעלער פטור צו ווערען; ניין, דאס איז גאר ניט ווערטה. דו מוזט איהם בארגען געלד, מעשה סוחר, נאר זאלסט ביי איהם קיין פראצענט ניט נעהמען, און זאלסט אנווענדען אלע מעגליכקייטען, ער זאל אוועקגעשטעלט ווערען אויף א מעמד פרנסה, ווי דו, וחי אחיך עמך.

דער דריטער פאראגראף פון משה רבנו'ס קאנסטיטושאן האט צו טהאן מיט דער גרויסער פראגע פון קאפיטאל און ארבייט. וכי ימוך אחיך ונמכר לך, לא תעבוד בו עבודת עבד. דער גרויסער מחוקק, משה, וועלכער האט אזוי גוט געוואוסט די מענשליכע כאראקטערע און האט געטרייעט, ווי ווייט מעגליך, איינצופלאנצען אין אידישען פאלק גוטע מענשליכע זיטען — דיזער גוטער משה, וועלכער האט בייגעוואהנט די מצרים שקלאפעריי, האט געפיהלט דאס הארץ פון דעם שקלאף בעסער ווי דער שקלאף אליין האט עס געפיהלט, און נאך דעם ווי עס איז איהם נאך אזוי פיעל מיה, שווערינקייט און וואונדער, קוים געלונגען די אידען ארויסצונעהמען

פון זייער פינסטערער שקלאַפעריי, האָט ער געזעהן מיט זיין שאַר־פען פערשטאַנד, אַז סוף כל סוף, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען וועג, צוטהיילט ווערען אין קלאַסען פון אָרים און רייך, פון בעל הבית און ארבייטער, וועט זיך אַנפאַנגען אַן אַנדער סאָרט שקלאַפעריי, איינער ביים אַנדערען וועט דאַרפען שקלאַפען פאַר'ן שטיקעל ברויט, און ער האָט דעריבער אין זינען געהאַט אַנצוזאָגען דעם אידישען קאַפּי־טאַליסט, אַז יענער ארבייט ביי דיר, ווייל דו ביזט רייך און ער איז אָרים, על כל פנים לא תעבוד בו עבודת עבד, ארבייט ניט מיט איהם ווי מיט אַ שקלאַף, יאָג איהם ניט אַרויס די נשמה, צאָהל איהם גוטע ווידזשעס, גיב איהם צייט גענוג צו זעהן זיין וויב און קינדער יעדען טאָג, זאָל ער זיך באַטש גענוג אַנקוקען אויף די געזיכטער פון זיין פאַמיליע, פאַר וועלכער ער פערקויפט זיך, אום צו מאַכען פאַר זיי אַ לעבען.

דער מדרש תנחומא האָט אַנגעפאַנגען זיין דרוש אויף פרשה בהר מיט פאָלגענדען פסוק: נבהל להון איש רע עין, ולא ידע חסר יבואנו (משלי כח), דער וואָס יאָגט זיך רק נאָך רייכטהום און וויפעל ער האָט, איז איהם אַלץ ווייניג, דער האָט אַ שלעכטע אויג, און ער ווייסט ניט, אַז עס קען קומען אַ צייט, ווען ער וועט גאָר ניט האָבען. דער דאָזיגער פסוק, זאָגט דער מדרש, גיט אַן אַנצור־הערעניש צו יעדען מענשען, מען זאָל ניט האָבען קיין צו גרויסע אויגען. עס זיינען געווען אויף דער וועלט קין און הבל, צוויי ברידער, און זיי האָבען פאַר זיך געהאַט אַ גאַנצע וועלט, איז זיך מישב קין: ניין, ער וויל אַליין האָבען די גאַנצע וועלט, צו וואָס זאָל זיין ברודער אויך לעבען, ולא ידע כי חסר יבואנו, ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז ער וועט אַליין נאָכהער אויך גאָר ניט האָבען. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט ווערען נע ונד, וואו ער האָט געטאָגט, האָט ער ניט גענעכטיגט, און האָט אַרומ־געוואַנדערט אַ פערשאַלטענער, און האָט שוין מעהר פון דער וועלט גאָר קיין הנאה ניט געהאַט.

וספרת לך שבע שבתות שנים, און זאלסט אבצעהלען זיעבען שמיטות יאהרען, שבע שנים שבע פעמים, זיעבען יאהר זיעבען מאל, והיו לך ימי שבע שבתות השנים תשע וארבעים שנה, וועלען זיין די זיעבען שמיטות יאהרען ניין און פיערציג יאהר, נאכהער זאל זיין יובל.

ווי איהר זעהט, איז דא עפעס צופיעל גערעדט און צופיעל געצעהלט. דער דובנער מגיד האט עס געפיהלט און האט די צעה־לעניש געגעבען צו פערשטעהן מיט א פיינעם משל:

אז ארימאן איז ארומגעגאנגען איבער די הייזער פיעלע יאהרען, האט געבעטעלט און געשנארעט איבעראל, וואו און וואס ער האט נאר געקענט, אם ענדע איז ער אוועק און האט זיך בעזעצט ערגעץ אין א קליין שטעדטעל און איז געווארען א בעל הבית.

ווי דער שטייגער איז פון אזעלכע לייטע האט ער נאך געוואלט שפיעלען א ראלע אין שטעדטעל, מען זאל פאר איהם האבען דרך ארץ, און ער האט זיך איבעראל געשטופט אויבען־אן. טאמער האט זיך יעמאנד געוואגט צו זאגען אנדערש ווי ער, פלעגט ער יענעם מבזה זיין, און רק טענה'ן, אז א קבצן ווייסט גאר ניט, און אזוי ווי ער איז א גרויסער נגיד, ווייסט ער אלעס.

אמאל איז אין שטעדטעל געקומען איינער, וועלכער האט גראדע דעם תכשיט גוט געקענט, און ווען ער האט זיך פאר איהם אויך גענומען בעריהמען מיט זיין גרויס עשירות, האט ער איהם געזאגט:

— הער נאר אויס, בחור, וואס בעריהמסטו זיך אזוי מיט דיין עשירות? דו ביזט געוואוינט ארומצוגעהן איבער די הייזער און רק צו רעכענען וויפעל פענים דו האסט צוזאמענגעשנארעט, אז דו האסט געהאט דריי דאלער, האסטו געמאכט דעם חשבון, אז דו האסט דריי הונדערט פענים, און אזוי מאכסטו נאך עד היום דיינע חשבונות, איבער דעם ווייזט זיך דיר אויס, אז דו ביזט אן עושר, אבער טרייע נאר אקארשט רעכענען וויפיעל דו פערמאגסט אין דאלערס, וועסטו זעהן, אז פון דיין גרויסען פערמעגען וועט זיך אויסלאזען א נעבטיגער טאג.

דער נמשל דערפון איז, זאגט דער דובנער מגיד, אז דער מענש זאל ניט טרייען צו פערהאווען די גאנצע וועלט פאר זיך און מורא האבען העלפען אן ארימאן, טאמער וועט איהם בלייבען ווייניג.

ווען ער וועט צעהלען זיין לעבען אויף יאָהרען אָדער אויף טעג, וועט ער דענקען, אַז ער האָט נאָך זעהר פיעל צו לעבען, אָבער ווען ער וועט מאַכען דעם חשבון אויף שמיטות, וועט ער וויסען, אַז סך הכל לעבט דער מענש צעהן שמיטות, אָדער בלויז איין יובל מיט אַ פּאָר שמיטות. אויף אַזאַ אַרט און וויַיזע וועט זיין דער חשבון קליין, און דער מענש וועט קענען פערשטעהן, אַז פאַר אַזאַ קורצער שטיקעל צייט לוינט זיך ניט איינצורייסען די וועלט, צו זיין אַ קמצן, אָדער גלאַט אַ שלעכטער מענש, אָדער אַ בעל גאוה.

בחוקותי

אם בחוקותי תלכו, ווען איהר וועט זיין אַנשטענדיגע מענשען און וועט זיך אויפפיהרען אָרענטליך, וועל איך אייך געבען אין צייט רעגען, אַלעס וועט וואַקסען און געראָטען, איהר וועט זיין זאַט אין ברויט, און איהר וועט זיצען רוהיג אין אייער לאַנד, אָהן שרעק און אָהן מורא.

דאָס פערשפּרעכט אונז די תורה פאַר זיין גוט און פרום; ווען אָבער מיר וועלען זיין שלעכט, רעכענט אונז די תורה אויס אַ תוכחה וואָס האַלט אפשר אַ מייל די לענג, און יעדע קללה בע־זונדער איז אַז און פאַר זיך גענוג צו רואינירען אַ מענשען פאַר זיין גאַנצען לעבען.

דער אמת איז, אַז גוטעס איז דאָ זעהר וועניג אויף דער וועלט. דעם מענשענ'ס פערגעניגען זיינען בעגרענעצט. די לוסט, דער ווילען, איז נאָר גרויס. אָבער קוים ערדרייכסטו דעם פערגעניגען, צו וועלכען דו גלוסט, ווערט די אומגעלומפּערטע גרויסקייט פערוואַנ־דעלט אין אַ שפּילקע־קעפּעל. אַ מענש קען ניט עסען צעהן מאָל

אויף איין מאל, און ווי זאגט די וועלט א שפּריך וואָרט, אז אפילו א קיסר עסט ניט קיין גאָלדענע זייגערלעך. מיט איין וואָרט, דעם מענשענ׳ס פערגעניגען פון ונתתי גשמיכם בעתם ביז ושכבתם ואין מחריד איז בלויז א פּאָר פּסוקים, וועהרענד די צרות פון מענשען, די תוכחה, פערנעהמט איבער דרייסיג לאַנגע פּסוקים, איין צרה גרעסער פון דער אנדערער, אז עס איז ווירקליך א שרעק דער געדאַנק, בלויז צו זעהן, אז אזוי פיעל צרות און אונגליקען זיינען פארבערייטעט פאר די יעניגע, וואָס זיינען ניט גענוג פאָרזיכטיג זיך אבצוהיטען פון שלעכטעס אין די עטליכע יאָהר וואָס מיר לעבען.

איך האָב אמאָל גערעדט מיט א חסיד וועגען דער לאַנגער תוכחה. ווי בעוואוסט, זיינען חסידים גרויסע אָפּטימיסטען, זיי גלויבען ניט אין עצבות, דער רבי האָט געהייסען פרעהליך זיין, און די חסידים זעהען אין לעבען נאָר ליכט און פרייד, נאָר גוטעס. רעדענדיג וועגען דער שרעקליכער תוכחה, זאָגט מיר דער חסיד:

— ס׳איז גאָר ניט. ס׳איז נאָר געסטראַשעט די גענז.

און ער האָט דערביי געגעבען פאָלגענדען משל:

ביי איינעם איז קראַנק געווען זיין בן יחיד, וועלכער איז ביי איהם געווען טהייערער ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער איז געווען א איד אַן עושר, האָט געבראַכט די גרעסטע פּראָפעסאָרען, און זיי האָבען נעגעבען די בעסטע מעדיצינען, וואָס די וויסענשאַפט האָט ער־פונדען, דעם קראַנקען געזונד צו מאַכען. אָבער ווי דער שטייגער איז פון א בן יחיד, איז ער געווען א שרעקליכער עקשן, און כאָטש צוריים זיך, האָט ער קיין לעפּעלע מעדיצין ניט געוואָלט נעהמען. היינט וואָס איז די פּעולה, וואָס די בעסטע פּראָפעסאָרען זיינען ביי איהם געווען, אז ער נעהמט ניט זייערע מעדיצינען?

ענדליך איז איין דאָקטאָר געפאַלען אויף א המצאה. ער האָט געהייסען ברענגען צו הונדערט פלעשלעך מעדיצין פון יעדען מע־דיצין, וואָס יעדער פּראָפעסאָר האָט צוגעשריבען, האָט אריינגענומ־מען אלע פלעשלעך אין קראַנקענ׳ס צימער, האָט פערשלאָסען דאָס צימער גוט, די טהיר מיט די פענסטער, און האָט אלע פלעשלעך

מעדיצין געעפענט, אום דער ריח פון מעדיצינען זאָל אָנפילען די לופט פון גאַנצען צימער. דאָ האָט זיך שוין דער עקשן דער בן יחיד נים געקענט העלפען, איינאָטהעמען די לופט פון די אַלע אָפענע פלעשלעך מעדיצינען האָט ער געמוזט, און דאָס האָט איהם גע־האָלפען. נאַטירליך, ווען ער וואָלט געוועזען וועלען טרינקען די מעדיצין, וואָלט געוועזען געווען גענוג איין לעפעלע, אָבער אַזוי ווי ער איז געוועזען אַ גרויסער עקשן, האָט מען געמוזט אוועקשטעלען אויפ'ן טיש נעבען איהם אַ גאַנצען אַפּטייק.

— דאָס איז די מעשה מיט דער לאַנגער תוכחה, האָט דער חסיד געענדיגט דעם משל, ס'איז בלויז אָנגעשטעלט אַ סך פלעש־לעך, ווייל מיר זיינען עקשנים און ווילען נים נעהמען דאָס קליינע פלעשעלע מעדיצין, וואָס אונזערע פּראָפעסאָרען פערשרייבען אונז צו חולאת הנפש.

די חסוד'יעש מדה זיך צו דערוויימערען ווי וויים מעגליך פון עצבות, צו זיין אימער אַליין פרעהליך און טרייען אַנדערע לוסטיג צו מאַכען, ווערט אויך זעהר שטאַרק געלויבט פון אונזערע אַלטע חכמים.

מיר געפינען אין מסכת תענית כ"ב פאָלגענדע זעהר אינטע־רעסאַנטע געשיכטע:

רבי ברוקא איז אַמאָל ארומגעגאַנגען שפּאַצירען אין דער שטאָדט בית לפת און האָט זיך בעגעגענט מיט אליהו הנביא. זיי האָבען גענומען רעדען וועגען פערשיעדענע זאַכען, ביז עס איז געקומען צו אַ געשפּרעך וועגען עהרליכע אידען, האָט רבי ברוקא געפרעגט ביי אליהו הנביא, אויב עס געפינען זיך אין בית לפת אַ סך עהרליכע אידען.

— ניין, זיי זיינען דאָ אָם מעהרסטען פערדאָרבען, האָט אליהו געענטפערט, ניטאָ קיין סך רעכטע אידען, וואָס זאָלען ווערטה זיין צו טראָגען דעם הייליגען נאָמען ישראל.

ווערענד זיי האָבען אַזוי גערעדט צווישען זיך, איז אונטער־געקומען אַ מאַן אָנגעטהאַן אין שוואַרצע שיך אויף די פיס (דאָז איז עס נים געווען קיין אידישער גאַנג), אויך האָט דער מאַן קיין ציצית נים געטראָגען.

— ווער איז דער מאַן, וואָס קומט אונז אַנטקעגנ'? האָט רבי ברוקא געפרעגט. עפּעס קוקט ער אוים אַ מאָדנער מענש צו זיין.

— ער איז זעהר אַ פיינער מאַן, האָט אליהו געענטפערט. קוק ניט אויף זיין אויסערליכען גאַנג, אַבוואָהל ער זעהט ניט אוים אפילו ווי אַ איד, איז ער דאָך אַ איד, און נאָך אַ צדיק תמים דערצו. ער איז אַ בן עולם הבא.

וויא רבי ברוקא האָט דאָס דערהערט, האָט ער גערופען דעם מאַן מיט די שוואַרצע שיך אַלם גאַסט צו זיך אין הויז, אָבער יענער האָט איהם גאָר ניט געענטפערט און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

רבי ברוקא איז איהם נאָכגעלאָפען און האָט איהם אָבגעשטעלט.

— איך לאָז אייך ניט אָב פון דאַנען, האָט ער געזאָגט, ביז איהר וועט מיר ענטפערען אויף אַ פּאָר פראַגען, וואָס איך האָב ביי אייך צו פרעגען.

— פרעגט, האָט דער מאַן געזאָגט.

— וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?

— איך בין אַ וועכטער אין געפענגנים. איך זעץ די זכרים בעזונדער און די נקבות בעזונדער, און איך שטעה אימער צווישען זיי און בין וואַכענדיג, זיי זאָלען קיין חטא ניט בעגעהן. און ווען איך זעה, אַז איינער וואַרפט אַן אויג אויף אַ אידישער טאָכטער, ווענדע איך אַן אַלע מיטלען און שטעל מיין לעבען אין געפאַהר צו רעטען די אידישע טאָכטער פון שאַנדע.

— וואָרום טראָגט איהר שוואַרצע שיך?

— ווייל איך בעלאַנג צו די וואָס טרויערען אויף חורבן ירושלים.

— פאַר וואָס טראָגט איהר קיין ציצית ניט?

— כדי מען זאָל ניט דערקענען, אַז איך בין אַ איד. איך קום צווישען אַלע גרויסע בעאַמטע און האָב די געלעגענהייט צו הערען יעדעס מאָל, וואָס פאַר גזרות זיי ווילען מאַכען אויף אידען, דאַן לויף איך גלייך אין זאָג עס אָן די אידען, און זיי סטאַרען זיך די גזרות אָבצוּוואָוּענדען.

— וואָרום זייט איהר ניט צוגעגאַנגען, ווען איך האָב אייך גערופען?

— ווייל איך לויף אין אַ וויכטיגער שליחות. איך האָב ער־פאַהרען אז מען קלייבט זיך ארויסצוגעבען זעהר שלעכטע גזרות אויף אידען, און איך וויל קומען וואָס שנעלער דאָס צו לאָזען וויסען די חכמי ישראל.

ווען רבי ברוקא האָט איהם אָבגעלאָזען און איז צוריקגעגאַנגען, האָט ער נאָך געטראָפען אליהו הנביא'ן שטעהענדיג. עס האָט אויסגעזעהן, אז ער האָט געוואַרט אויף רבי ברוקא'ן. זיי האָבען ווידער גערעדט וועגען פערשיעדענעס, ביז צוויי לייטע זיינען פאַר־בייגעגאַנגען.

— ווער זיינען דיזע צוויי לייטע? האָט רבי ברוקא געפרעגט.

— אויך זיי זיינען בני עולם הבא.

— וואָס איז זייער בעשעפטיגונג?

— זיי זיינען בדחנים, האָט אליהו הנביא געענטפערט.

— פאַר וואָס זשע קומט זיי עולם הבא?

— ווייל זייער פרנסה איז צו דערפרעהען מענשליכע הערצער, צו פערטרייבען עצבות, צו מאַכען מענשען לוסטיג, און דאָס איז זעהר אַ גרויסע זאַך אין לעבען. דער שכר דערפאַר איז זעהר גרויס בעלמא דקשוט.

מיט גאָלדענע קוילען טרעפט מען אימער אין ציעל.

מעקינלי.

דורך אַ שטיין פרובירט מען גאָלד און דורך גאָלד — אַ מענשען.

ווינקלער.

פאַלשע פריינד זיינען ווי די וואַנדער־פויגעל, וועלכע קומען נאָר צופליהען אין דער גוטער צייט, און איז דער שלעכטער — פליהען זיי אוועק.

ווילסאָן.

במדבר

דער פיערטער טהייל פון אונזער תורה הויבט זיך אן מיט א צענזוס, מיט א פאלקס צעהלונג.

גאט האט געזאגט צו משה'ן: שאו את ראש כל עדת בני ישראל, נעהם אקארשט און צעהל איבער וויפיעל אידען עס זיינען דא, אויף וועלכע מען קען זיך פערלאזען, אז מען וועט זיי אימער געפינען אם פלאץ צו קעמפפען אלס נאציאן, גרייט צו לעבען און צו שטארבען פאר זייער פאלק און פאר זייער לאנד.

רש"י דערצעהלט אונז, אז ווייל גאט האט זעהר שטארק ליעב געהאט די אידען, דעריבער האט ער זיי אלע מאל געהייסען צעהלען. מען האט די אידען געצעהלט באלד נאך יציאת מצרים; א צווייטען מאל האט מען זיי געצעהלט נאכ'ן עגל, און ווען גאט האט אויף זיי געוואלט מאכען רוהען די שכינה, האט ער זיי ווידער געצהלט. דעם ערשטען טאג אין ניסן איז דער משכן אויפגעשטעלט געווארען, און דעם ערשטען טאג אין אייר האט מען זיי געצעהלט.

ווען מיר בעטראכטען גוט דעם אידישען צושטאנד פון דעם ערשטען מאמענט זינט מיר זיינען א פאלק געווארען, ביז היינ־טיגען טאג, זעהען מיר, אז דאס אידישע פאלק איז גאנץ אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער, און עס איז פערפאלען, אזוי איז עס, און מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר זאלען אפילו טויזענד מאל וועלען זיין גלייך מיט אלע אנדערע נאציאנען, קלעפט זיך עס ניט צוזאמען, באטש שריי חי וקים.

מיר געפינען אין דער היסטאריע זכרונות פון פעלקער, וואס האבען גליקליך געלעבט און געשפיעלט גרויסע וויכטיגע ראלען אין דער וועלט, ביז זיי האבען אנגעהויבען פאלען נידעריגער און נידע־

ריגער און זיינען אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען, עס איז פון זיי קיין שריד ופליט ניט געבליבען, דאָס הייסט, זיי האָבען זיך אויסגע־מישט מיט אַנדערע פעלקער; מען ווייסט ניט ווער און וואָס זיי זיינען אַמאָל געווען, און זייערע נעמען און זייער געדעכעניש איז אָבגעמעקט געוואָרען, גלייך ווי זיי וואָלטען גאָר קיין מאָל ניט עקזיסטירט.

מיט אידען זעהען מיר ווידער אַ גאַנץ אַנדער ערשיינונג. דער איד איז מאריך ימים, מיר לעבען און עקזיסטירען, גלייך ווי מיר האָבען געשלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט'ן מלאך המות, אַז צו אונז זאָל ער קיין שליטה ניט האָבען.

איז עס דאָך זעהר אַ גוטע זאַך, וואָס ציינט, אַז מיר בעזיצען אַן אויסערגעוועהנליכע שטאַרקע לעבענס קראַפט, וואָס זשע קומט אָבער אַרויס פון אַזאַ סאָרט לעבען, וואָס איז נאָך טויזענד מאָל ערגער ווי געשטאָרבען?

וואָס איז עס פאַר אַ לעבען, אַז מיר האָבען נאָך קיין איין־און־איינציגע אמת גוטע און גליקליכע פעריאָדע ניט געהאַט זינט מיר עקזיסטירען אַלס אַ פאָלק? אפילו ווען מיר זיינען געווען אין אונזער לאַנד און האָבען געהאַט אייגענע קעניגע, האָבען מיר אויך געהאַט מעהר צרות ווי נחת, ווער שמועסט, זינט מיר וואַנדערען אין גלות, איז דאָך גאָר אונמעגליך צו בעגרייפען, ווי אַזוי אַ פאָלק קען אַריבערטראָגען אַזוי פיעל צרות און מאַטערניס, און דאָך בלייבען לעבען.

אויף אַ געוועהנליכען נאַטירליכען וועג איז אונמעגליך צו פער־שטעהן, ווי אַזוי מיר האַלטען זיך און עקזיסטירען אויף דער וועלט. די נאַטור איז, אַז קיין זאַך שטעהט ניט אימער אויף איין, בע־שטאַנד, ענטוועדער עס געהט פאָרווערטס, שטייגט און וואַקסט העכער און העכער, אָדער עס געהט צוריק, ווערט פערוועלקט און שטאַרבט. אונזער פאָלק געהט ניט העכער און וואַקסט ניט, אָבער עס געהט אויך ניט צוריק, עס וועלקט ניט און עס שטאַרבט ניט. וויפיעל אונזערע שונאים ווענדען אָן זייערע קרעפטען אונז אָבצו־ראַמען פון דער וועלט, און וויפעל אונזערע פריינד אַרבייטען מיט לייב און זעלע אונז צו מאַכען גרעסער און שטאַרקער ווי מיר זיינען, איז די אַרבייט פוןביידע אַרויסגעוואָרפען; דער איד

שטעהט אויף איין בעשטאנד און ריהרט זיך פון ארט ניט, און די וואג־שאל, וואס בויגט אריבער אנדערע פעלקער צו א גליקליכען לעבען, אדער צום טויט, די זעלבע וואג־שאל ביי אונז אידען טהוט זיך אמאל א רוק צו דער זייט פון לעבען — עס צייגען זיך א פאר שטראהלען ליכט און מען הויבט אן צו דענקען אז אט־אט וועט באלד אין גאנצען די זון אויפגעהן, אבער עס דויערט ניט לאנג און דער ווייזער פון וואג־שאל טהוט זיך צוריק א דרעה צום צענטער, און ווידער פאנגען זיך אן די ערשטע, די פריהערדיגע צרות און ווייטער צרות! און אט־אט דאכט זיך איז א סוף צו אלעס, אט געהען מיר אונטער! אבער עס הויבט זיך גאר ניט אן! באלד טהוט זיך דער ווייזער צוריק א דרעה און מיר לעבען שוין ווייטער.

אין קורצען הייסט עס, אז ניט מיר לעבען און ניט מיר שטארבען.

מיר געפינען דערצו זעהר א פאסענדען מאמר אין איכה רבתי:

„חיתה כאלמנה — אמר רבי אבא בר כהנא, הם לא פלשו אחרי מדת הדין, שנאמר ויהי העם כמתאוננים, מתאוננים אין כתיב כאן, אלא כמתאוננים; כמסיגי גבול, מסיגי גבול אין כתיב כאן, אלא כמסיגי; כי כפרה סוררה, פרה אין כתיב כאן, אלא כפרה ומדת הדין לא פלשה אחריהם; היתה כאלמנה, אלמנה אין כתיב כאן, אלא כאלמנה, כאשה שהלך בעלה למדינת הים ודעתו לחזור“.

דער צוועק פון דיזען פראכטפאלען מאמר איז אונז צו ערקלעהרען, אז אונזער פאלק איז דערמיט אנדערש פון אלע אנדערע פעלקער, ווייל אנדערע פעלקער וואס פאנגען אן צו ווערען פערדארבען, ווייסען ניט ווען צו אויפהערען, און זיי געהען אזוי מרחי אל דחי, ביז זיי שטארבען און געהען אונטער, וועהרענד דער איד, אבוואהל ער ווערט פערדארבען און טהוט פיעל זאכען וואס איז געגען דעם גייסט פון זיין תורה און געגען גייסט פון זיינע עלטערען, אבער גאר צו ווייט געהט ער ניט. ווען ער זעהט זיך ארום, אז ער האט איבערגעכאפט די מאס, טהוט ער זיך א כאפ צוריק און עס ערוואכט אין איהם זיין אידישע נשמה; די נשמות פון זיינע הייליגע עלטערען, דער סימבאל פון גוטע אנשטענדיגע מדות, קעהרט זיך צוריק צו איהם, ווי מיר האבען דיזע פעריאדע גאנץ גוט בייגעוואהנט דא טאקע אין אמעריקא, און דאס זאגט דער מדרש, הם

לא פלשו אחרי מדת הדין, זיי זיינען ניט געפאַלען ביז דער לעצ־טער מדרגה, „ויהי העם כמתאוננים, מתאוננים אין כתיב כאן, דאָס הייסט, יאָ מתאוננים און ניט מתאוננים; „כפרה סוררה", ווי אַ פרה סוררה, אָבער ניט אַ פרה סוררה, דאָס הייסט, זיי האָבען אין גאַנצען ניט אָראָבגעבלאָנדזשעט פון אידישען וועג, אַראָב און ניט אַראָב; איבער דעם איז זייער פאָל אויך ניט געוועזען ביז׳ן אָב־גרונד, איבער דעם איז זייער מאָראַלישער און פּאָליטישער פאַל אויך ניט געוועזען צום טויט ווי אַנדערע פעלקער; „היתה כאלמנה", אלמנה אין כתיב כאן, אלא כאלמנה, שבעלה הלך למדינת הים ודעתו לחזור. איבער דעם איז דער שיקזאַל פון אידישען פאָלק ניט בעשטימט געוואָרען ניט צו לעבען און ניט צו שטאַרבען. שטאַרבען קען ער ניט, ווייל די אידישע נשמה איז פון איהם אין גאַנצען ניט אַוועק, אָבער לעבען קען ער אויך ניט; צו לעבען אַ גוטען, נאָרמאַלען פאָלקס־לעבען, אויף זיין לאַנד און אויף זיין ערד, קען ער אויך ניט, ווייל מיר זיינען „ווי אידען", אָבער ניט קיין ריכטיגע אידען, מיר האָבען ניט קיין ריכטיגע פיהרער, וואָס זאָלען אונז פיהרען אויף׳ן ריכטיגען אידישען וועג... וויאָ דער נביא האָט געקלאָגט: „הכהנים לא אמרו איה ד׳, ותופשי התורה לא ידעוני, והרועים פשעו בי, והנביאים נבאו בבעל, ואחרי לא יועילו הלכו".

די כהנים, אונזערע רבנים, וועלכע מאַכען אַ לעבען פון אידיש־קייט און פון דער אידישער תורה, זיי ווייסען וואו גאָט איז, אָבער זיי זאָגען עס ניט דעם פאָלק. זיי האָבען אין זינען הכשרים, וואו מען קען זיך זעהן באַלד מיט אַ קעש דאָלער. מיר האָבען אַ מאַסע רבנים, וואָס זיינען פעראייניגט אַלס מחזיקי הדת, משטיינס גע־זאָגט, און האָבען קאָנווענשאַנס אַלע יאָהר, וואָלטען זיי דאָך דורכ׳ן יאָהר עפּוואָס געדאַרפט טוהאָן, אַז די קאָנווענשאַנס זייערע זאָלען ברענגען צום אידישען פאָלק וויכטיגע תקנות פאַר חזוק הדת, דאָס פאָלק זאָל זעהן און פיהלען, אַז זייערע רבנים האָבען ווירקליך אין זינען מיט לייב און לעבען צו פערבעסערען דעם מצב היהדות אין אַמעריקאַ, צום סוף — אַ נעכטיגער טאָג! אַזוי ווי זיי האָבען גאָר ניט צו בעריכטען פון זייער יאָהר אַרבייט, נעהמען זיי אויף דער קאָנווענשאָן רעדען וואָס מען דאַרף ניט און רעדען, און רעדען, און רעדען, ווי דער רוסישער שפּריך וואָרט זאָגט: מאָיאַ מאַט

גאַוואַרילאַ דאַ סאַמאַי סמערטי, טאַלקאַ ווסיאַ טשאַרט זנאיעט טשטאַ", וועלכעס מיינט אויף אידישען אידיש: „מיין מאַמע האַט גערעדט ביז'ן טויט אַריין, נאַר אַלץ דער רוח ווייסט וואָס".

ותופשי התורה לא ידעוני, מיינט מען די אַלרייטניקעס, די פּרעזידענטען פון די שוהלען, וועלכע פערוואַנדלען די שוהל מיט דער תורה אין אַ ביזנעס און האַלטען דעם רב און דעם מטיף אונ־טער אַ צענזור, זיי זאָלען, חלילה, זיך ניט וואַגען צו רעדען וועגען חלול שבת און אַנדערע זאַכען, וואָס קענען, חס ושלום, אל תפתח פה לשטן, שאַדען צו דער איינּנאַהמע. זיי ווילען פון קיין זאַך ניט וויסען, נאַר פון איינּנאַהמע און אויסגאַבע.

והרועים פשעו בי, מיינט מען די איטעליגענציע. זיי געהען אוועק אין פרעמדע לאַגערן, לעקטשורען איבער גריבישע פילאָ־זאָפיע, איבער סאָקראַטעס און איבער וועמען איהר ווילט נאַר אַליין, אַבי ניט פון משה רבנו, אַדער אַרגענד וועלכע אַנדער זאַך וואָס האַט אַ שייכות מיט אידען. דאָס מיינט ער מיט די ווערטער „והנביאים נבאו בבעל ואחרי לא יועילו הלכו".

געוויסען איז אַ געריכטס־הויז, וואו דער מענש ווערט גלייכ־צייטיג זיין אייגענער בעשולדיגער, עדות, ריכטער און הענקער.

אייבּרעהעם לינקאָלן.

עס איז אַ סך לייכטער צו העלפען אַ הונגעריגען ווי אַז איבער־געגעסענעם.

זאַנגוויל.

לוקסוס האַט די מעלה וואָס עס שאַפט אַרבייט פאַר אָרימע לייט. וואָלט אַבער קיין לוקסוס ניט געווען, וואָלטען אויך קיין אָרימע לייט ניט געווען.

זשאַן זשאַק רוסאָ.

נשא

איש איש כי תשטה אשתו — אין היינטיגער פרשה ווערט פערהאַנדעלט די פראַגע פון מיסעס און באַרדער.

די תורה איז זעהר שטרענג געגען פרויען, וואָס געהען אַראָב פון דרך הישר. לויט דעם אידישען דין דאַרף זיך די אידישע פרוי אויפפיהרען אַזוי פיין און אַזוי נאָבעל, אַז דער מאַן זאָל קיין אורזאַכע ניט האָבען זי צו פערדעכטיגען אין אונטריייהייט.

קוים האָט ער שוין נאָר געהאַט אַ פערדאַכט אויף איהר, דאָס זי איז עפּעס אַ צו נאָהענטע מחותנת'טע מיט'ן באַרדער, האָט מען איהר שוין געגעבען טרינקען מים המאררים.

איש איש כי תשטה אשתו — די תלמידים האָבען געפרעגט ביי רבי תנחומא:

— וואָס הייסט כי תשטה אשתו? וואָס מיינט מען מיט די מים המאררים? און ווי אַזוי דאַרף די גאַנצע צערעמאָניע צוגעהן?

רבי תנחומא האָט אַ ווײַלע געטראַכט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערען זיפץ פון הארצען און האָט געזאָגט:

— הלואי זאָלען בעסער אידישע טעכטער ניט דאַרפען וויסען קיין מאָל דעם טעם פון מים המאררים. דאָס אידישע פאַמיליען לעבען דאַרף לויט דעם אידישען דין זיין ריין ווי אַן אונבעפלעקטער בריליאַנט; און ווען דער מאַן האָט שוין נאָר אורזאַכען צו זיין אייפערזיכטיג אויף זיין פרוי, טויג שוין ניט.

די טרויעריגע צערעמאָניע מיט די מים המאררים, איז פאַר־געקומען, לויט די תורה דערצעהלט אונז, אויף פאָלגענדער אַרט און וויזע, האָט רבי תנחומא ערקלעהרט צו זיינע תלמידים:

ווען איינער האָט פערדעכטיגט זיין ווייב אין אונטריייהייט, האָט ער עס איהר געזאָגט, און אַז זי האָט איהם ניט געפאָלגט און איז ווייטער געגאַנגען מיט'ן באַרדער אין פערבאָרגענע מקומות,

האט דער מאן דאן גענומען זיין פרוי און האט זי געפיהרט צום בית דין הגדול פון ירושלים. דארט פלעגט מען אויף איהר קודם ווארפען א שרעקליכע מורא און מען פלעגט זי מאטערען מיט „טהוירד דיגרי", זי זאל זאגען דעם אמת, דערנאך פלעגט מען זי אוועקפיהרען צום שער המזרחי, וואס איז געווען אין בית המקדש.

דארט איז געווען א טויער מיט'ן נאמען שער נקנור, און אויפ'ן שוועל פון דיזען טויער פלעגט מען דער פרוי געבען די מים המאררים.

דער כהן גדול פלעגט נעהמען אן ערדענעם קריגעל, אנגיסען אהין א האלבע קווארט וואסער פון האנד־פאס, וואס איז געשטאנען אין בית המקדש, דאן פלעגט ער געהן אין היכל, וואו עס האט זיך געפונען א שטיק מירמעל שטיין, וואס האט געהאלטען אן אייל אויף אן אייל, פלעגט דיזען שטיין אויפהויבען און ארויסנעהמען פון אונטען א לעפעל ערד און אריינמישען אין דאס וואסער.

דאמיט איז די מים המאררים פערטיג געווארען.

נאכהער פלעגט דער כהן גדול אנשרייבען אויף פארמעט פאל־גענדע ווערטער:

„אם לא שטית תחת אישך, הנקי ממי המאררים האלה — אויב דו האסט ניט אבגעקעהרט פון דיין מאן, אויב זיין פערדאכט איז א פאלשער, און דו ביזט גאר ניט שולדיג, וועסטו ריין ווערען פון דיזע וואסער, און עס וועט דיר אנשטאט שלעכטעס טהאן גוטעס".

דאן האט דער כהן גדול ווייטער געשריבען:

„ואם כי שטית תחת אישך, און אויב דו האסט יא אבגעקעהרט פון דיין מאן, אויב זיין פערדאכט איז אמת, און דו ביזט שולדיג, האסט געהאט ביזנעס מיט א פרעמדען, יתן ד' אותך לאלה ולשבועה בתוך עמך, זאלסטו ווערען צו שאנד און צו קללהביים פאלק; אז איינער וועט וועלען שילטען, זאל ער שילטען מיט דיר, דיין דיך זאל פאלען און דיין בויך זאל געשוואלען ווערען".

באלד ווי דער כהן גדול איז פערטיג געווארען מיט'ן שרעקליכען צעטעל, האט מען עס אויך אריינגעווארפען אין קריגעלע וואסער און מען האט דער פרוי געגעבען טרינקען די מים המאררים, און אויב זי איז ווירקליך געווען א זינדיגע, פלעגט איהר געזיכט באלד

ווערען גריז, די אויגען פלעגען איהר ארויסקריכען פון קאָפּ, די אַדערען פון פּנים פלעגען ווערען פול און געשוואָלען, און דער כהן גדול פלעגט דאַן אויסרופען:

— שנעל טרייבט זי אַרויס פון דאַנען, זי זאָל ניט מטמא זיין די עזרה!

קיין וואונדער, וואס די ווייבער פלעגען דאַמאָלס זיין פרום און עהרליך, זיי האָבען געציטערט פאַר די מים המאררים ווי פאַר פייער.

צו את בני ישראל וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, זאג צו די אידען מיט'ן הארבען וואָרט, זיי זאָלען פּעעשיקען מחוץ למחנה יעדען מצורע און יעדען אונווירדיגען נפש. מזכר ועד נקבה תשלחו, סיי מאַן, סיי פרוי, זאָלט איהר אַוועקשיקען, ולא יטמאו את מחניהם, זיי זאָלען ניט פעראונווירדיגען די איבעריגע מענשען.

דער מדרש זאָגט, אַז מצורע רעדט זיך אויס ריכטיג ווי די צוויי ווערטער „מוציא רע". דערפון איז געדרונגען, אַז די מכה פון צרעת קומט אויפ'ן מענשען דערפאַר וואָס ער רעדט לשון הרע און רכילות אויף אַנדערע מענשען. דער דין פון אַ מצורע איז, אַז מען דאַרף איהם אַרויסשיקען מחוץ למחנה, ער זאָל ניט זיין מיט אַנדערע מענשען צוזאַמען, וועט ער ניט האָבען אויף וועמען און פאַר וועמען קיין לשון הרע צו רעדען.

דער אוהל יעקב גיט דערביי אַ משל פון אַ קינד, וואָס איז געזעסען צווישען מענשען און האָט שטאַרק ניט געקענט ליידען וואס די מענשען זיצען.

— לאָזען די מענשען אַוועקגעהן, האָט זיך דאָס קינד צואָוויינט פאַר'ן פאָטער, איך האָב פיינט מענשען, איך וויל מיט זיי ניט זיצען.

— דאָס קען ניט זיין, האָט דער פאָטער געענטפערט, בעסער זאָלסטו אַוועקגעהן פון דאַנען און זיצען דאָרט וואו קיין מענשען זיינען ניטאָ, איידער אַלע זאָלען אַוועקגעהן דורך דיר.

ריכטיג דאס זעלבע בעצוועקט די תורה מיט'ן מצורע, ער זאל זיצען אליין מחוץ למחנה, ווייל ער האט פיינט מענשען, ער קען ניט ליידען, אז איינעם געהט גוט, אז איינער האט א גוטען נאמען, עס קרענקט איהם ווען ער זעהט גוטעס אין א צווייטען מענשען, און מיט פערשיעדענע לשון הרע און רכילות טרייעט ער יענעם קליינליך צו מאכען, דערפאר דארף ער ווערען א מצורע פאר מוציא רע, און מוציא רע מיינט אויך, אז ער ציהט אויף זיך אליין אויך שלעכטעס.

דער של"ה הקדוש זאגט, אז דער פסוק שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו, מיינט, אז דער וואס היט זיין מויל און זיין צונג פון לשון הרע און רכילות, היט ער אב זיין נפש פון צרעת. דאס ווארט „מצרות" דרשנ'ט ער „מצרעת".

יעצט עטוואס וועגען שבועות.

שבועות איז א פראכטפאלער יום טוב. ער האט נאר איין חסרון, וואס ער איז צו קורץ, בלויז צוויי טעג.

פסח מעג מען עסען וואו מען וויל, טאר מען אבער ניט עסען וואס מען וויל.

סוכות מעג מען עסען וואס מען וויל, טאר מען אבער ניט עסען וואו מען וויל.

שבועות מעג מען עסען וואס מען וויל און וואו מען וויל, איז דאך גוט, איז עס אבער א קורצער יום טוב, צוויי טעג בלויז, ניט קיין חול המועד, ניט קיין שמיני עצרת, — איידער מען קוקט זיך ארום און דער יום טוב איז פאראיבער.

פאר זמן מתן תורתנו איז עס א בזיון, אזא גרויסע זאך און אזא קליינער יום טוב!

און פאר אנגעשטעלטע, וואס ארבייטען פער וואך, איז עס א וועהטאג; אז די ווידזשעם קריגט מען יעדענפאלס, וואלט דאך דער יום טוב געמעגט זיין א ביסעל לענגער!

אזא טהייערער יום טוב און בלויז צוויי טעג!

דער גרויסער אידישער פאעט, ש. פרוג, שילדערט דאס בילד פון מתן תורה אין פאלגענדע בריליאנטענע פאר צייליען:

אויסגעצירט אין הימעל פראכט,

שטראַהלען־קרענץ און בליצען־בלומען —
איז דאָס הייליגע געזעץ
אויף דער ערד אַראָבגעקומען.

משה רבנו האָט ניט דורכגעמאַכט קיין קאָלעדזש און קיין אוניווערזיטעט, האָט ניט געהאַט קיין דיפּלאָם, אַז ער מעג פּראַקטיצירען לאָו; און דאָך, ווי וואונדערבאַר עס איז צו קעטשען שנעל דעם פּונקט, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבען צו פערטהיידיגען די אידען!

דער מדרש דערצעהלט אונז, אַז אין דעם מאָמענט ווען די אידען האָבען געזאָגט צום עגל: אלה אלהיך ישראל אשר העלוך (שמות ל„ב) האָט גאָט געוואָלט פערטיליגען אַלע אידען. אָבער משה האָט איהם צוריקגעהאַלטען אויפ'ן גרונד פון אַ טעכנישען פּונקט.

— דו האָסט צו זיי אַ טענה, האָט משה גע'טענה'ט צו גאָט, סטייטש, דו האָסט געזאָגט אויפ'ן באַרג סיני, אנכי ד' אלקיך, און יעצט האָבען זיי גענומען און געמאַכט דאָס עגל פאַר אַ גאָט. אָבער דו האָסט דאָך עס געזאָגט נאָר צו מיר אנכי ד' אלקיך, איך בין דיין גאָט; ווען דו האָסט געמיינט דאָס זעלבע צו זאָגען אַלע אידען, האָסטו געדאַרפט זאָגען אנכי ד' אלקיכם, איך בין אייער גאָט.

— האָסט רעכט, משה, האָט גאָט געענטפערט, דאָס איז ווירקליך אַ גוטער פּונקט פאַר דיין פערטהיידיגונג. ביז יעצט האָב איך זיך שטענדיג בענוצט מיט אַ לשון יחיד, אויף ווייטער וועל איך שוין זאָגען מיט אַ לשון רבים — אנכי ד' אלקיכם.

אמר רבי שמעון בן יוחאי, רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: אין אנכי אלא לשון תנחומים, דאָס וואָרט „אנכי" מיינט טרייסט און טרייהייט, דכתיב תנחומיך ישעשעו נפשי, דיינע טרייסט ווערטער וועלען מיך דערפרעהען.

ס'איז אַ משל צו אַ קעניג, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיינער פּרינצעסין און באַלד נאָך דער חתונה איז ער פון איהר אוועקגעפאָהרען. דער פּרינצעסינ'ס חבר'טעס פלעגען זיך מיט איהר רייצען און פלעגען איהר זאָגען, זי זאָל בעסער זוכען אַן אַנדער מאַן, דער קעניג וועט שוין צו איהר מעהר קיין מאָל ניט קומען.

יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט האָבען עגמת נפש פון איהרע חבר'טעס, פלעגט זי נאָכהער אריינגעהן אין איהר צימער, זיך גוט אויסוויינען און נעהמען לעזען די כתובה, וואס ער האָט איהם געגעבען, און דאָס איז געווען איהר טרייסט.

מיט יאָהרען שפּעטער איז איהר מאַן צוריקגעקומען און די ערשטע ווערטער, וואס ער האָט ביי איהר געפרעגט, זיינען געווען:

— טהייערע מיינע, איך וואונדער זיך, ווי אזוי דו האָסט אויף מיר אזא לאַנגע צייט געקענט ווארטען?

— דאָס איז נאָר צו פערדאַנקען דיין כתובה, האָט זי איהם געענטפערט, זי האָט מיך אין אַלע צייטען געטרייסט; ווען ניט די כתובה, וואָלטען אַלע מיינע חבר'טעס געווים מיך געווען אַוועק־גערויבט פון דיר.

אזוי זיינען די אידען צווישען די פעלקער. „קומט צו אונז, שרייען די פעלקער, שמד'ט זיך, און מיר וועלען אייך מאַכען פאַר גאַנצע נאַטשאַלניקעס, איהר וועט האָבען אַלע רעכטע, און מען וועט אויף אייך מעהר קיין פּאָגראָמען ניט מאַכען! ביז וואַנען וועט איהר ווארטען?“

און וואס טהוען דאַן די אידען?

זיי געהען אין שוהל אריין, נעהמען די ספר תורה און לייענען דאָרט: ופניתי אליכם והפריתי אתכם (ויקרא כ"ו), און דערמיט טרייסטען זיי זיך.

ווען עס וועט אמאָל קומען די צייט, ווען די אידען וועלען אויס־געלייזט ווערען פון גלות, וועט דאַן גאָט אַליין זיך וואונדערען, ווי אזוי די אידען האָבען אזא שווערען, ביטערען, לאַנגען גלות געקענט אויסהאַלטען און האָבען זיך ניט איבערגעגעבען צו די פעלקער. און די אידען וועלן איהם דאַן ענטפערען, אז ווען ניט די תורה, וואס ער האָט זיי געגעבען, וואָלטען זיי עס טאַקע זיכער געווען גע־טהאָן און עס וואָלט פון זיי שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען, ו[?] דער פּסוק זאָגט: זאת אשיב אל לבי על כן אוחיל (איכה ג').

אז איבערגעבעטענער פיינד איז ווי א צונויפגעקלעפּטער צו־בראָכענער שפּיעגעל.

פושקין.

בהעלותך

היינטיגע וואָך האָבען מיר די פּרשה בהעלותך — בהעלותך את הנרות.

דער של"ה הקדוש ציינט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע אין די דריי קורצע ווערטער: בהעלותך את הנרות.

דער של"ה האָט געוואָלט, מיר זאָלען זיין אויבער־מענשען, מיר זאָלען אַלע קליינליכקייטען פון זיך דערוויטערען. ער האָט געשטרעבט צו אַ געזעלשאַפט אָהן קנאה, שנאה, צו אַ לעבען פון אמת'ע פריינדליכקייט און ריכטיגע אחדות, און ער האָט פאַר זיינע גרויסע אידעען געזוכט און אימער געפונען שטיצע אין פסוקים פון דער תורה.

אל מול פני המנורה יאירו שבע נרות — מיט דיזען פסוק האָט דער של"ה הקדוש אָנגעפאַנגען זיין דרוש איבער דער פרשה פון דיזער וואָך און האָט געזאָגט:

מיר געפינען אַ פסוק אין משלי: נר אלהים נשמת אדם, די נשמה פון מענשען איז אַ ליכט פון דער גאָטהייט. דער מענש דאַרף דעריבער זעהן, זיין גייסט זאָל לייכטען ריין און לויטער, זיך ערוויטערען פון שלעכטע פינסטערע מעשים און טהאָן נאָר גוטעס, ווי די געטליכע ליכט, וואָס ברענגט געזונד און לעבען אויף דער וועלט.

דער גוף פונ'ם מענשען, זאָגט דער של"ה, קען מען פערגלייכען צו דער מנורה. אין דער מנורה זיינען געווען דריי רעהרען פון דער רעכטער זייט, די אויבערשטע קלענער פון די אונטערשטע, און פון דער לינקער זייט זיינען אויך געווען דריי רעהרען, די אויבער־שטע קלענער פון די אונטערשטע.

דאס זעלבע, זאגט דער של״ה, געפינען מיר ביים מענשען: די פיס און די הענט און די לעבער פון די אויערען. דער גוף פונ׳ם מענשען, וואס דארט ליגט דאס הארץ, איז גלייך צום מיטעלסטען שטאנג פון דער מנורה. מיר ווייסען אויך, אז די הויך פון דער מנורה איז געווען אכטצעהן טפחים, דאס איז דריי איילען, ריכטיג ווי די הויך פון א מיטעלען מענשען. די מעלה פון דער מנורה איז אויך דאס, וואס זי איז געווען אין גאנצען אויסגעהאמערט פון איין שטיק. די גרויסע גליעדער, אזוי גוט ווי די קליינע, און דאס אלעס ציינט, אז אלע מענשען דארפען זיין ווי איינער, בעהעפט איינער מיט׳ן אנדערען, פון גרוים ביז קליין.

ויעש כן אהרן — און אהרן האט אזוי געטהאן. וואס דער־צעהלט אונז דא דער פסוק פאר א חידוש, פרעגט דער של״ה, אז אהרן האט אזוי געטהאן? אוודאי האט ער געטהאן אלעס ווי גאט האט איהם געהייסען, וואס איז דא פאר א פראגע? נאר דער פסוק מיינט, אז אהרן האט פערשטאנען די גאנצע כונה, וואס גאט האט געמיינט מיט דער מנורה, אנצוצייגען אויף אחדות און שלום, און ער האט דעריבער אויף זיך גענומען די גוטע מדה צו זיין אן אוהב שלום און א רודף שלום.

צו זיין א רודף שלום איז איינע פון די גרעסטע מעלות אין דער וועלט, און פיעלע זיינען זיך מתיר פון שלום וועגען צו זאגען א ליגען, ווען מען דארף, טראץ דעם וואס צו זאגען א ליגען איז אן איסור מדאורייתא.

די גמרא דערצעהלט אונז אין יבמות פאלגענדע געשיכטע, וואס האט צו טהאן מיט די מעלות פון א רודף שלום:

רב, איינער פון די גרעסטע אידישע געלעהרטע, האט געהאט א ווייב א גרויסע מרשעת; וואס זי האט נאר געקענט טהאן איהם אויף להכעים, האט זי געטהאן, און וואס ער האט איהר געהייסען טהאן, האט זי געטהאן פונקט פערקעהרט. אז ער האט פערלאנגט, זי זאל קאכען צו מיטאג ארבעס, האט זי געקאכט בוריקעס, האט ער ווידער פערלאנגט בוריקעס, האט זי געקאכט פאטייטאס. מיט איין ווארט, זי האט געזעהן, ווי ווייט זי האט געקענט, נים צו טהאן את רצון בעלה.

ווען רב'ם זוהן, חייא, איז אונטערגעוואקסען, האָט איהם רב אימער געמאַכט פאר'ן שליח צו זאָגען דער מאַמע, וואָס זי זאָל קאָכען, און ער פלעגט אימער איבערדרעהען דעם טאַטענ'ס ווער־טער. ווען דער פאָטער האָט געוואָלט בוריקעס, פלעגט ער זאָגען דער מאַמע'ן: געדענק, קאָך ניט קיין בוריקעס, דער טאַטע וויל האָבען אַרבעס, און זי פלעגט דאַן דוקא קאָכען בוריקעס, און אויף אַזאַ אָרט און וויזע פלעגט שטענדיג אויסקומען ווי דער פאָטער האָט פערלאַנגט.

איין מאָל האָט רב צוגערופען זיין זוהן און האָט איהם געזאָגט:

— מיר שיינט, חייא, אַז די מאַמע ווערט בעסער, זי האָט זיך פאַרט אַרומגעזעהן, אַז מען דאַרף פאָלגען אַ מאַן און ניט פערשטע־רען איהם דאָס לעבען. אַ סימן האָב איך אין דעם, וואָס זי קאָכט יעצט אַלעס וואָס איך פערלאַנג.

— ניין, מיין טהייערער פאָטער, האָט דער זוהן געענטפערט, די מאַמע איז נאָך גאָר ניט בעסער געוואָרען, נאָר צוליעב שלום דרעה איך דיינע ווערטער שטענדיג איבער, און עס קומט אויס ווי דו פערלאַנגסט.

— אויב אַזוי, מיין ליעבער זוהן, דאַנק איך דיר זעהר פאר דיין טריישאַפט, אָבער איך זאָג דיר אַז, אַז מעהר זאָלסטו עס ניט טהאָן. דערווייל געוועהנסטו זיך איין מיט זאָגען ליגען, און צו זאָגען ליגען איז זעהר אַ מיאוס'ע מדה. אַז מען קען ניט מאַכען קיין שלום מיט אמת, איז דער גאַנצער שלום גאָר ניט ווערטה.

אין היינטיגער פרשה געפינען מיר אַ פסוק, וואָס פּאַסט אויס־געצייכענט צו די פערוויינטע נשמות צווישען אונזערע איינגעוואַנ־דערטע אידען, וואָס האַלטען אין איין וויינען און בענקען נאָך רוס־לאַנד. מיר האָבען דאָ אַ היבשע צאָהל אידען, וועלכע זוכען רק חסרונות אין אַמעריקאַ, און אַלעס וואָס רוסיש, איז גוט. ווען איהר וועט רעדען מיט מאַנכע סאָרטען אידען, וועט איהר הערען, אַז ניט נאָר איז דער אמת'ער אַמעריקאַנער מענש ניט אַזוי גוט ווי דער רוסישער, נאָר אַז די פרוכט זיינען דאָ קיין פרוכט ניט, די עפּעל זיינען דאָ ניט עפּעלדיג, די מילך ניט מילכיג און דאָס פלייש ניט פליישיג, וועהרענד אין רוסלאַנד איז אַלעס טעם גן עדן.

צו דיזע לייטע פאסט ריכטיג דער פסוק: והאספסוף אשר בקרבו, און דער ערב רב וואס איז מיטגעגאנגען מיט די אימיגראנ־טען, התאוו תאוה, ויאמרו מי יאכילנו בשר, זכרנו את הדגה. דיזער ערב רב דענקט, אז דאס גאנצע לעבען פון מענשען בעשטעהט נאר אין ערפילען אלע מעגליכע תאוות. אידעאל, אלגעמיינע מענשען־רעכטע, פרייהייט צו רעדען און צו שרייבען און צו שטודירען וואו און וואס מען וויל, דאס איז ביי איהם גאר ניט. די הויפט זאך איז ביי איהם די תאוה, מי יאכלנו בשר און זכרנו את הדגה...

ווען די אידען האבען פערגעסען די צרות וואס זיי האבען גע־האט אין מצרים און האבען גענומען משה'ן עסען די גאל, וואס ער האט זיי ארויסגענומען פון אזא טהייערע מדינה ווי מצרים, וואו מען פערזייהט אין דער ערד מענשען און עס קומען ארויס רעטיכ־לער, ציבעלקעס און טהייערע פעפערלער, און זיי האבען געמאכט געוואלדען: מי יאכילנו בשר? זכרנו את הדגה! איז משה א צוקאכטער געווארען, און ווי טריי און איבערגעגעבען ער איז געווען צום אידישען פאלק, האט ער זייער לעצטען קאפריז מעהר ניט גע־קענט אריבערטראגען.

משה, דער גרויסער דענקער און מחוקק, האט די אידען גע־קענט פערטהיידיגען ווען זיי האבען געזוכט א גאט און האבען גע־פונען אן עגל. אמת, ס'איז א קאלב, א גארנישט מיט גארנישט, אבער די כונה זייערע איז דאך געווען צו זעהן, צו בעגרייפען א גאטהייט.

ווען ער האט אבער געזעהן, אז זיינע ליעבע אידען זיינען אזוי געפאלען, אז אלעס וואס זיי זוכען איז נאר די הלכות אכילה, פלייש, פיש, רעטיך, ציבעלעס און פעפערלעך, און זיינען בערייט אוועק־צוגעבען די גאנצע פרייהייט פאר זייער אכילה, גלייך ווי דאס וואלט זיין דער הויפט צוועק פון מענשענ'ס לעבען, דאן האט דער גוטער משה מעהר פאר זיי קיין שום פערטהיידיגונג ניט געקענט געפינען. צום ערשטען מאל איז דיזער גרויסער געטליכער מאן אויפגערעגט געווארען און האט אויסגערופען:

— רבונו של עולם! איך קען עס שוין מעהר ניט אריבער־טראגען. לא אוכל אנכי לבדי לשאת את כל העם הזה, הרגני נא

הרוג, הרג׳ע מיך בעסער און זאָל עס נעהמען אַ סוף. איך זעה, אַז מיין שווערע אַרבייט איז אַרויסגעוואָרפען און איך וויל מעהר ניט לעבען!

ויאמר ד׳ אל משה, האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן, אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, דו זיי זיך נאָר ניט ביי זיך אַזוי געפעלען, מיין טהייערער משה, נעהם צוזאַמען זיעבעציג זקנים פון די וואָס האָבען אַליין געמוזט זיין שוטרים און אַכטונג געבען אין מצרים, אַז די אידען זאָלען אַרבייטען עבודת פרך, און אַט דיזע זקנים, וועלכע האָבען אין דער מצרים שקלאַפעריי זייערע אייגענע לעבענס פיעל מאָל איינגעשטעלט אום צו פערהיטען אידען פון שמייז, וועלען קענען פאַרשטעלען פאַר׳ן פאָלק דאָס ריכטיגע בילד פון דער שקלאַ־פעריי, ווייל זיי, אַלס שוטרים, האָבען עס געוואַטשט, שטודירט און נעפיהלט בעסער ווי די וואָס האָבען אַליין געאַרבייט די עבודת פרך.

שלח לך

שלח לך — איז די פרשה, וואָס דערצעהלט אונז די גאַנצע געשיכטע פון די מרגלים, וואָס האָבען אַנגעווענדעט אַלע זייערע קרעפטען אַבצוציהען דעם אידענ׳ס האַרץ פון ארץ ישראל.

שלח לך — די בעדייטונג פון שלח לך איז „שיק דיר״, ווי איינער רעדט, ווען איך זאָג, אַז די לאַנד איז גוט, דאַרפסטו מיר גלויבען, נאָר אויב די אידען ווילט זיך דווקא שיקען מרגלים, שיק, אָבער קיין גוטעס וועט שוין דערפון זיכער ניט אַרויסקומען

כולם אנשים ראשי בני ישראל — די אויסגעקליבענע מרגלים זיינען אלע געווען גרויסע מענשען: לידערס, פיהרערס פון אי־דישע שבטים, א סארט דייטשע אידען, וואס שטופען זיך אימער פאראויס; לאזט אונז, מיר וועלען אייך שוין זאגען, אויב עס לוינט זיך געהן אין ארץ כנען אדער נים. און אזוי ווי זיי האבען דארט קיין וואל סטרים ניט געפונען און האבען פערשטאנען, אז דאס איז נים קיין לאנד פאר סטאק ספעקולייששאנס, נאר פאר שווערע און הערליכע ארבייט, זיינען זיי געקומען צוריק מיט א בארג מיט שקרים און האבען געווארפען א מורא אויף אלע „פאליאקים".

— גאט זאל אייך אבהיטען, האבען זיי געבראכט זייער רע־פארט, איהר זאלט נים וואגען צו געהן אין כנען. וואס דארפט איהר אן איינענע לאנד? קומט בעסער צוריק קיין מצרים. די אראבער זיינען גזלנים, רוצחים, קויפען נים קיין סטאק און וועלען זיך נים לאזען שערען ווי די לעמער. אמת, עס איז אן ארץ זבת חלב ודבש, וואס צו עסען וועט דארט נים פעהלען קיינעם, אבער דאס איז טאקע דער חסרון. ס'איז בעסער, אז די נאטור זאל געבען ווענינ, מען זאל קענען די קליינע מענשעלעך אויסהונגערען, און זיי נאכהער טהאן א טובה און אויף זיי רחמנות האבען און צוואווארפען א ביינדעל, אום זייער הונגער צו שטילען.

עס איז א כלל גדול בתורה, אז פאר „גדולים", פאר שתדלנים, טויג נים אזא לאנד, וואו די ערד אליין קען שפייזען איהרע איינ־וואהנער, אזוי אז מען זאל גאר צו קיין מענשען קיין מאל נים דארפען אנקומען נאך טובות.

ונהי בעינינו כחגבים — געגען יענע ריעזען מענשען האבען מיר אין אונזערע אויגען, אליין אויסגעזעהן ווי פליעגען, האבען די מרגלים געקלאגט און געיאמערט, וכן היינו בעיניהם, און אזוי האַ־בען מיר אויך אויסגעזעהן אין זייערע אויגען.

איהר פערשטעהט, דער הויפט חסרון וואס זיי האבען געפונען אויף ארץ כנען, איז דאס, וואס דארט וועלען זיי, די מרגלים, אויס־זעהן גאנץ קליינע מענשעלעך צו זיין, און דאס פאסט זיי נים, דעריבער האבען זיי גערעדט אלערליי רכילות אויף ארץ כנען. אבער

דערפאַר האָבען זיי נאָכהער געקראָגען דעם „ריכטיגען פּסק וואָס זיי האָבען כשר פערדיענט", ווי דער פּסוק דערצעהלט אונז: וימותו האנשים מוציאי דבת הארץ רעה במגפה לפני ד'.

דער מדרש תנחומא ערקלעהרט, אז ווען מען בעטראַכט די מעשה פון די מרגלים, זעהט מען, ווי קלוג שלמה המלך'ס ווערטער זיינען געוועזען, ווען ער האָט געזאָגט: מות וחיים ביד לשון. דער מדרש דערצעהלט אונז דערביי אַ פיינע פּאַסענדע געשיכטע:

אמאָל איז ביי אַ קעניג קראַנק געוואָרען אַ זוהן. עס איז געווען אַ געפעהרליכע קראַנקהייט. מען האָט געבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרען, און נאָך אַ לאַנגען קאָנסוליום, וואָס זיי האָבען געהאַט, זיינען זיי אַלע געקומען צום בעשלוס, אז ער קען אַנדערש קיין רפואה ניט האָבען, סיידען ער וועט טרינקען מילך פון אַ לייביכע.

דער קעניג האָט גלייך אַרויסגעשיקט קוריערען און עשטאַפּעטען איבער זיין גאַנצער מדינה און האָט געלאָזט וויסען, אז דער יעניגער, וואָס וועט איהם ברענגען מילך פון אַ לייביכע, וועט קריגען אַ גרויסע סומע געלד, און וועט נאָך אויסער דעם קריגען אַ מיניסטער שטעלע אין דער רעגיערונג.

אין איינינע טעג אַרום האָט זיך אַ מאַן געמעלדעט צום קעניג און האָט איהם ערקלעהרט, אז ער וועט איהם שאַפען לייבען מילך, נאָר ער פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל איהם יעצט געבען צעהן ציגען, דאָס מוז ער האָבען, אום ער זאָל זיין אומשטאַנד די מילך צו שאַפען.

דער קעניג האָט גלייך געגעבען אַן אָרדער מען זאָל דעם מאַן געבען די צעהן ציגען, וואָס ער פאָדערט, און דער מאַן איז גע־גאַנגען צו אַ לייבען גרוב און האָט איינע פון די ציגען גלייך אַריינ־געוואָרפען אין גרוב צו די לייבען. דעם אַנדערען טאָג האָט ער זיי ווייטער אַריינגעוואָרפען אַ ציג צום עסען און האָט זיך אַנגע־בויגען, די לייבען זאָלען איהם זעהן און אויף איהם קוקען מיט אַ גוט אויג דערפאַר וואָס ער גיט זיי ציגען צום עסען. אזוי האָט ער געטהאָן דעם דריטען טאָג און דעם פיערטען טאָג און דעם פינפטען טאָג, ביז ער איז געוועהנט געוואָרען מיט זיי און זיי מיט איהם, און עס איז געקומען אזוי ווייט, אז ביז'ן צעהנטען טאָג איז ער שוין

געווען מיט די לייבען א גאנצער גוטער ברודער, דאן האט ער איינע פון די לייביכעס אויסגעמאלקען, האט גענומען דיא מילך און איז אוועק צום קעניג.

אויפ'ן וועג איז איהם אויסגעקומען צו נעכטיגען א נאכט אין אן אכסניא, און אזוי שנעל ווי ער איז איינגעשלאפען, האט זיך איהם געחלומ'ט, אז דער קעניג האט איהם אנגעטהאן גרויס כבוד, און אז עס האט זיך אנגעפאנגען א גאנצע מחלוקה צווישען זיינע גליעדער. די פיס האבען געזאגט, אונז קומט דער כבוד, ווייל מיר זיינען געגאנגען צום לייבען גרוב; די הענט האבען גע'טענה'ט, אונז קומט דער כבוד, ווייל מיר האבען די לייביכע געמאלקען; די אויגען האבען גע'טענה'ט, אונז קומט דער גאנצער כבוד, אהן אונז וואלסטו ניט געזעהן ניט די גרוב און ניט די לייבען; די אויערען ווידער האבען געזאגט, אז ווען מיר זאלען ניט געווען הערען פון די דאקטוירים, אז מען דארף לייבען מילך, וואלסטו קיין לייבען מילך ניט געדארפט ברענגען; און דאס הארץ האט גע'טענה'ט, אז ווען איך זאל ניט געבען די עצה מיט די ציגען, וואלסטו קיין מאל די מילך ניט געקענט ברענגען; און דער צונג האט געזאגט, מיר קומט דער גאנצער כבוד, ווייל איך האב געזאגט דעם קעניג, ער זאל געבען ציגען.

ווען אלע גליעדער האבען דערהערט, אז דער צונג וויל אויך האבען דעם כבוד, זיינען זיי שטארק אויפגערעגט געווארען און האבען אויסגעשריען מלא כעס:

— אויך מיר א לייט! דו שטופסט זיך אויך ווי עפּעס רעכטס! דו ביזט דאך דאס העסליכסטע גליעדער אין דעם מענשען, דו ליעגסט תמיד אין נאסען, ס'איז א שאנדע דיך צו צייגען פאר מענשען און האסט נאך די חוצפה צו פערלאנגען כבוד? שעהמען מעגסטו זיך!

— ס'איז אלרייט, האט זיי דער צונג געענטפערט מיט א גיפ־טיגען שמייכעל, איך וועל אייך שוין צייגען, אויב איך בין א חשוב'ע זאך אדער ניט, און מעהר רעד איך ניט מיט אייך.

ביי דיזע ווערטער האט זיך דער מאן אויפגעכאפּט פון שלאף א פערציטערטער. דער חלום איז געווען אזוי דייטליך, אז ער האט געמעגט שווערען, אז ער האט אליין די גאנצע קריעגעריי

צווישען די גליעדער בייגעוואהנט, ניט אין טרוים, נאָר אין דער ווירקליכקייט.

ער האָט קוים דערלעבט עס זאָל טאָג ווערען און ער האָט שנעל געכאַפּט די לייבען מילך און איז אַוועק צום קעניג.

קומענדיג צום קעניג, איז איהם דער קעניג אַליין אַנטקעגען געלאָפען.

— נו, האָסט געבראַכט?

— איך האָב געבראַכט מילך פון א כלבתא, האָט דער מאַן גע־ענטפערט, זייענדיג שטאַרק צוטראָגען פון דעם חלום.

כלבתא איז דער טייטש אַ הונד.

— וו—אַ—ס!... האָט דער מלך אויסגעשריען שרעקליך אויפ־געצאָרענט, דו האָסט מיר געבראַכט מילך פון א כלבתא, וועניג הינט־מילך האָבען מיר ביי אונז? האָסט פון מיר געוואָלט אָב־שפּעטען?

און באַלד האָט דער קעניג געגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל דעם מאַן איינשפּאַרען אין תפיסה.

דעם קעניג'ס בעפעהל איז, נאַטירליך, פּינקטליך ערפילט גע־וואָרען, און מען האָט דעם מאַן זאָפאָרט איינגעשפּאַרט.

אין תפיסה האָט דער מאַן איינגעשלאָפען, און באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען די פאָרטזעצונג פון זיין פריהעריגען חלום.

— נו, האָט דער צונג געזאָגט, יעצט זעהר איהר שוין, איהר אַלע גליעדער, ווער עס איז חשוב, איהר אָדער איך? זעהט, מיט מיין רעדען קען איך אַלעמען לעגען אין דער ערד אריין. ווען איך רעד ניט דאָס וואָס מען דאַרף, זייט איהר אַלע אויף גרויסע צרות.

— אמת, האָבען אַלע צוגעגעבען, יעצט זיינען מיר אַלע מודה, אַז דו ביזט דער חשוב'סטער גליעד, מיר קרוינען דיך שוין פאַר אונזער עלטסטען, נאָר זיי אונז מציל פון טויט.

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט דער קעניג געשיקט דעם תליון, מען זאָל דעם מאַן הענגען דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ מורד במלכות. אָבער ווען דער תליון איז געקומען איהם נעהמען צו דער תליה, האָט זיך דער מאַן צו איהם געווענדעט מיט פאָל־גענדע ווערטער:

— ג'ערט מיך אויס, דא איז געווען א מיספערשטענדניס, מיין צונג האט ניט גערעדט דאס וואס ער האט געדארפט רעדען, דער קעניג זאל מיך ריכטיג פערשטעהן. פיהרט מיך צום קעניג, און זיין זוהן וועט טרינקען פון די לייבען מילך און וועט האבען א רפואה שלמה.

מען האט איהם מיט גרויס שמחה געבראכט צום קעניג, און דער מאן איז דעם קעניג צו די פיס געפאלען.

— גרויסער קעניג, האט ער אויסגערופען, אזוי ווילסטו עס מיר אבדאנקען פאר די לייבען מילך, וואס איך האב פאר דיין קראנקען פרינץ געבראכט?

— וואס הייסט, דו האסט דאך מיר אליין געזאגט, אז דו האסט געבראכט מילך פון א כלבתא!

— דאס איז וואהר, האט דער מאן געענטפערט, איך האב טאקע געזאגט כלבתא, אבער איך האב געמיינט א לייבין, ווייל אין ארץ ישראל זאגט מען אויף א לייבין כלבתא, און איך האב גערעדט מיט ארץ ישראל שפראך.

און באלד האט מען געפרובט און אויסגעפונען, אז ס'איז ווירקליך לייבען מילך, און מען האט דעם מאן געמאכט פאר א גרויסען שררה.

דאס זאגט דער פסוק: מות וחיים ביד לשון, דער טויט און דאס לעבען הענגט אין דעם צונג.

רבי תנחומא ברענגט אין זיין דרוש אויף היינטיגער פרשה דעם גאנצען רעצעפט, וואס א איד דארף איינעהמען, אום ער זאל האבען א געזונטע, א ריינע און א כשר'ע נשמה.

א קריסט האט צו טהאן מיט גאט זאכען נאר ווען ער איז אין קירכע. דער וואס איז גאר א פרומער, זאגט א „פרייער" ביי נאכט פאר'ן שלאף און אין דער פריה ווען ער שטעהט אויף, און פטור, מעהר איז ער מיט גאט קיין מחותן ניט. ביי ביזנעס, אדער ביי ארבייט, האבען זיי מיט זייער גאט קיין געשעפטען ניט, ניט זיי מישען זיך אין זיינע געשעפטען און ניט ער מישט זיך אין זייערע עסקים.

ביי אידען אָבער, זאָגט רבי תנחומא, איז גאָט, די תורה און די אידען ווי צוזאַמענגעוואַקסען. סיי אין געשעפט, סיי אין אַר־בייט, כמעט ביי יעדע בעוועגונג פון אַ אידען, אין דער פריה, ביי טאָג און ביי נאַכט, וועט איהר געפינען אַ מצות עשה, אָדער אַ מצות לאַ תעשה.

ווען אַ איד וויל אַקערען זיין פעלד, זאָגט אונז די תורה, מען זאָל ניט אַקערען מיט אַן אָקס און אַן עזעל צוזאַמען.

וויל ער זייהען זיין גאָרטען, שטעהט געשריבען: זאָלסט ניט זייהען קיין כלאים.

וויל ער שניידען זיין תבואה, מוז ער אַן עק פעלד איבערלאָזען פאַר אָרימע לייט.

וויל ער נעהמען תבואה צום עסען, מוז ער פריהער געבען תרומה און מעשר.

וויל ער קנעטען טייג, מוז ער פריהער נעהמען חלה.

וויל ער עטוואַס איבערבאַפּען דעם הונגער, אָדער דורשט, מוז ער פריהער אַ ברכה מאַכען.

וויל ער זיינע שאָף שערען, מוז ער דעם כהן אויך געבען וואָל.

האָט זיין בהמה אַ בכור, מוז ער איהם אוועקגעבען צום כהן.

וויל ער קוילען אַ בהמה, מוז ער אוועקגעבען אַ היבשען חלק פון איהר צום כהן.

קומט ער צו אַ נעסט פון טויבען, מוז ער די מוטער אוועקשיקען.

קוילעט ער אַן עוף, מוז ער דאָס בלוט צודעקען.

נעהט ער זיך אַ קאַפּאָטע, טאָר זי קיין שעטנז ניט האָבען.

ווערט ביי איהם געבאָרען אַ זוהן, מוז ער איהם מל זיין.

פלאַנצט ער אַ בוים, טאָר ער דריי יאָהר די פרות פון איהר ניט עסען.

וויל ער זיך אָבשערען, מוז ער לאָזען די פאות.

בויט ער אַ הויז, מוז ער מאַכען אַ געלענדער ביים דאַך.

מאַכט ער אַ טהיר, מוז ער מאַכען אַ מזוזה.

האָט ער חתונה, מוז ער היטען נדה.

מאַכט ער זיך אַ קלייד, מוז ער היטען ציצית.

קרח

ויקח קרח — און קרח האט גענומען... איבער דעם זאגט די וועלט אז ער איז געווען אי א חכם אי אן עושר. עפעס א קליי־ניגקייט, אז א מענש ווייס קיינמאל ניט פון „ויתן”, נור פון „ויקח”.

און ער קומט זיך צוגעהען דער מדרש, אין היינטיגער פרשה, און טהוט זיך א זאג, מעשה "אזוי וויל איך, און טהו מיר עפעס: ויקח קרח, אט דאס זאגט דער קלוגער שלמה המלך, בוטח בעשרו, דער וואס פערלאזט זיך אויף זיין עשירות, הוא יפול, דער פאלט אריין. צוויי גרויסע גבירים אדירים זיינען געווען אויף דער וועלט, פערזיכערט אונז דער מדרש אויף זיינע נאמנות, איינער פון די אידען, און איינער פון די עמלקים, להבדיל; קרח איז געווען דער אידישער גביר, און המן אז געווען דער פערסישער גביר, פון די עמלקים. און ביידע זיינען פערלארען פון ביידע וועלטען. און פאר וואס מיינט איהר איז עס זיי געקומען? נור דערפאר, וואס זיי האבען געפאלגט זייערע ווייבער!

המן'ס ווייב איז געגאנגען אין ספאדעק און האט געהייסען המן'ען מאכען א תליה פאר מרדכי'ן, און ער האט זי געפאלגט, האט מען אויף דער זעלבער תליה איהם אליין אויפגעהאנגען.

קרח, דער קלוגער, האט אויך געפאלגט זיין ווייב, האט ער נאך געהאט אן ערגערן סוף ווי המן.

קרח'ס ווייב איז געווען א ריכטיגע סאפראדזשעטקע, האט געקענט אין די קליינע אותיות, איז געווען א גאנצע אגיטאטערקע, האט זיך געמישט אין אלע קהל'שע זאכען, און איינמאל ווען קרח איז אהיים געקומען שפעט ביי נאכט פון משכן, האט איהם די ווייב א כאפ געטהאן אויף'ן צימבעל:

— נו, מיין טהייערער תכשיט, וואָס פאַר גוטע זאַכען האָט היינט משה דאָרט מיט אייך געלערענט ?

— ער האָט מיט אונז געלערענט די פּרשה פון ציצית, האָט קרח געענטפערט. ער האָט אונז געהייסען נעהמען איין פאָדים תכלת און זיבען פעדים אַנדער וואָל און מאַכען ציצית אין די קליידער.

— דאָס קען ער אַלץ אייך מענער אַזוי פערדרעהען אַ קאָפּ, האָט זיך מאַדאַם קרח צולאַכט, וואָס מיר ציצית, שמיציצים ? און ווען אַ טלית איז אינגאַנצען פון תכלת דאַרף ער אויך האָבען ציצית ?

— געוויס, אַזוי האָט משה געזאָגט.

— ער שפּעט פון אייך, ער מאַכט פון אייך חוזק, האָט מיסעס קרח זיך צופילאָזאָפירט, וואו איז דער שכל ! תכשיט מיינער, אַז איין פאָדים תכלת זאָל זיין גענוג און, אַז דער גאַנצער טלית איז פון תכלת זאָל דאָס ניט זיין גענוג ? מען זעהט דאָך דייטליך, אַז ער האַלט אייך פאַר גרויסע שוטים, און שפּעט פון אייך.

קרח, דער חכם, האָט זיך געלאָזט פון זיין פלונית'טע אײַ־בעררעדען, האָט זיך צוזאַמענגענומען צוויי הונדערט און פופציג סנהדרין, האָט זיי אַלע אָנגעטהאָן אין טליתים פון תכלת, און מיט רויטע פלעגס, אַ צייכען פון רעוואָלוציאָן, האָבען זיי מאַר־שירט צו משה'ן און האָבען ביי איהם געפרעגט :

— זאָג אונז משה, צו אין דיעזע טליתים וועלכע זיינען אינ־גאַנצען פון תכלת, דאַרף מען איינמאַכען איין פאָדים פון תכלת, אָדער ניט ?

— יאָ, האָט משה פּראָמפּט געענטפערט.

און קרח מיט זיין גאַנצע חבריא האָבען זיך צולאַכט.

— דו מעגסט זיך געהן לערנען תורה ביי מיסעס קרח, האָבען זיי צו משה'ן געזאָגט, אום איהם צו ערגערען ; און האָבען ביי איהם געפרעגט אַ צווייטער שאלה :

— יעצט זאָגט אונז משה, אַ הויז וואָס איז פול מיט חומשים, דאַרף האָבען אַ מזוזה אָדער ניט ?

יאָ, האָט משה געענטפערט. און קרח מיט דער חבריא האָ־בען זיך ווידער צולאַכט.

— בעטראכט נור, משה, וואס דו רעדסט, האבען זיי געשריען. א הויז וואס איז פול מיט חומשים איז נאך וועניג דאס וואס אין זיי איז דא פיעל מאל די פרשה פון מזוזה, הייגט צו וואס זאל מען נאך דארפען האבען א בעזונדער מזוזה? דאס צייגט, אז דיזע אלע מצות טראכסט דו אליין אויס, גאט האט זיי גאר ניט געבאטען.

און אזוי האבען זיי איבער מיסעם קרח געפלאגט און געמא־טערט משה'ן ביז ער איז געפאלען אויף'ן פנים און האט ביטער געוויינט.

וישמע משה ויפול על פניו.

ויקח קרח — דער של"ה הקדוש שרייבט, אז פון דער גע־שיכטע פון קרח קען מען פערשטעהען ווי ווייט עס גרייכט דער עונש פון מחלוקת. מען דארף ניט פערגעסען, אז קרח איז נאך אלעמען געווען א גרויסער מענש, ער איז געווען איינער פון די וואס האבען געטראגען דעם ארון פון די לוחות, און איז גע־ווען א גרויסער מיוחס, דאך האט ער געהאט אזא מיאוס'ען סוף פאר מחלוקת.

אנדערע ווידער זאגען, און עס לעגט זיך אויף'ן שכל אז אזוי מוז עס טאקע זיין, אז דער גאנצער אונגליק מיט קרח'ן איז געווען דאס וואס ער האט געטרייעט פאר די מאסען צו שפילען די ראלע פון א „געגאסע". ער האט אליין געריסען פון טוידט און פון לעבעדיג. ויקח קרח, ער האט געהאלטען אין איין נעהמען, און איז געווען דער אמת'ער קאפיטאליסט און עקספלואטאטאר ווי די קנאקערס פון די געגאסען, נור די סאציאליסטישע אידעען האט ער געפרעדיגט רק פאר יענעם.

דער מדרש דערצעהלט אונז, אז קרח איז ארויף אויף דער פלאטפארם און האט געהאלטען פאלגענדע פייערדיגע סאציאליס־טישע רעדע:

„טהוט א קוק אידען וואס פיר א געזעלשאפט האט עס אונז משה איינגעפיהרט! איך ווייס פון אן ארימע אלמנה אז ארבייטער'ס

א ווייב, ביי וועמען דער מאַן איז געשטאָרבען פון קאָנסאמפשאַן, נעהענדיג טליתים אין א סוועט־שאָפּ. און זי, דיעזע ארימע אלמנה האָט געהאַט א שאָפּ און די שאָפּ האָט געהאַט א בכור, איז געקומען אהרן און האָט אוועקגענומען דעם בכור, דאָס בע־לאַנגט צו איהם, זאָגט ער, ער איז א כהן. אַז זי האָט די שאָפּ געשאָרען, א־האַ, אהרן, איז ווידער דאָ. ער איז געקומען און צוגענומען די וואָל, דאָס בעלאַנגט צו איהם, ער איז א כהן. דערנאָך האָט די אלמנה די שאָפּ געקוילעט, איז אהרן געקומען און האָט אוועקגענומען די פּלייצע און די קין־באַקען און דעם מאַגען. די ארימע ארבייטער פרוי האָט פון הארץ־וועהטאַג א צוקאָכטע אויסגעשריען עס זאָל שוין זיין, אין גאַנצען הקדש, ווייל וואָס, משמיינס געזאָגט, איז איהר דען שוין אינגאַנצען פון דער שאָפּ געבליעבען, האָט אהרן געזאָגט ווי באַלד דו האָסט עס מקדיש געווען, קומט עס אינגאַנצען דעם כהן, און די ארימע אלמנה האָט געמוזט נעהמען אַלץ מיט אַן אַנדער און עס אוועקגעבען צו אהרן׳ען. ניעדער מיט אַזאַ סיסטעמע ! האָט קרח געדאָנערט. עס לעבע די רויטע פאָהן ! עס לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן !״

דאָס האָט דעם רבונו של עולם שטאַרק פערדראָסען. ווער ווער, אָבער ניט קרח האָט געדאַרפט אַזאַ רעדע האַלטען. ווייל די אלמנה׳ס מאַן האָט געארבייט ביי קרח דעם רעוואָלוציאָנער אין שאָפּ, און ביי איהם האָט ער קאָנסאַמפשאַן בעקומען פון צו שווער ארבייטען און צו קליינע ווייִדזשעס. הייִנט ווי קומט צו דיר האַל־טען אַזעלכע פייערדיגע רעדעס — ווען דו ביסט אַזאַ מאַכער, גנה אין דער ערד אריין מיט דיין גאַנצע קלייזעל.

ותפתח הארץ את פיה, און די ערד האָט איהר מויל געעפענט ותבלע אותם. און די גאַנצע חבריא איז איינגעזונקען געוואָרען.

ווער עס האָט דיך ליעב געקראַנגען איבער א נארישקייט, קען דיך אויך פיינד קריגען איבער א קליינינקייט.

סמאָלענסקין.

חקת

זאת חוקת התורה — עם קען דאך דעם מענשען קשה זיין, סטייטש, ווי איז עס מעגליך, אז די זעלבע פרה אדומה, וועלכע איז מטהר טמאים, זאל זי צו דער זעלבער צייט אויך קענען מטמא זיין טהורים? דארויף זאגט דער פסוק „זאת חוקת התורה", אזוי האט די תורה געוואלט. ס'איז א געזעץ און פערפאלען; פרעג ניט קיין קשיות, זיי ניט קיין, פרא אדם, פראטעסטיר ניט געגען פרה אדומה. עס זיינען דא א סך זאכען וואס דער מענש ווייסט ניט. מאנכעס מאל איז געזינטער אז מען ווייסט ווייניגער.

מי לנו גדול פון שלמה המלך. ער איז דאך שוין געווען דער קליגסטער מענש אויף דער וועלט. פון דעסטוועגען דערצעהלט אונז דער מדרש, אז שלמה המלך האט געשאקעלט מיט די פלייצעס און האט צו זיך אליין געמורמעלט:

— איך האב געמיינט אז איך בין א גאנצער חכם; די גאנצע וועלט האלט מיך פאר א חכם; צום סוף הויב איך נים אן צו פערשטעהן די חכמה פון דער פרה אדומה.

קח את אהרן — אין היינטיגער סדרה ווערט געשילדערט די טראגעדיע פון אהרן'ס טויט. קיינער נאטירליך ווייסט ניט וואס דארט אויף'ן „הר ההר" איז פארגעקומען, ווי אזוי אהרן איז געשטארבען, און פון וואס אהרן איז געשטארבען? נאך'ן גרויסען טראבעל וואס איז פארגעקומען מיט די אידען ביי דער מי מריבה דערצעהלט אונז די תורה אין עטליכע ווערטער, אז גאט האט געזאגט צו משה'ן:

— זאלסט וויסען משה, אז אהרן מוז שטארבען, דערפאר וואס איהר האט מיך ניט געפאלגט ביי דער געשיכטע מיט'ן שטיין און מיט דער וואסער. נעהם אהרן'ען מיט זיין זוהן אלעזר, און פיהר

זיי ארויף אויף'ן „הר ההר", דאָרט זאָלסט דו אויסטהאָן אהרן'ען זיינע קליידער און זאָלסט זיי אָנטהאָן זיין זוהן אלעזר, און אהרן וועט שטאַרבען. און משה האָט געטהאָן ווי גאָט האָט איהם גע־הייסען, און אהרן איז דאָרט געשטאָרבען אויף'ן שפּיץ באַרג, נאָכ־דער זיינען משה און אלעזר אראָבגעקומען פון באַרג אליין, אָהן אהרן'ען, און ווען די אידען האָבען דערהערט אַז אהרן לעבט שוין נים מעהר, האָבען זיי איהם בעקלאָגט און בעוויינט דרייסיג טעג.

דאָס איז אַלעס וואָס די תורה זאָגט אונז איבער וועגען אהרן'ס טויט.

נאַטירליך מוז דאָ זיין פערוויקעלט א טיעפע געהיימניס, ווייל ערשטענס האָט גאָר משה נים אהרן געשלאָגען דעם שטיין; צוויי־טענס האָט גאָט מוחל געווען די אידען א ביסעל גרעסערע חטאים ווי דאָס, פאַר וואָס איז עס געקומען דעם גוטען אהרן, וועלכער איז געווען אַן אוהב שלום און רודף שלום, אַז ער זאָל בעצאָהלען מי'ט זיין לעבען פאַר דער מי מריבה? וואָס האָט עס גאָט געאַרט אַז דער שטיין האָט געקראָגען א פּאָר קלעפּ? און דריטענס, ווי אַזוי נעהמט מען עס מיט דריי פסוקים און מען פּטור'ט אָב א הספד פון א מאַן, וואָס האָט אַזוי שווער געאַרבייט צו בעפרייען די אידען פון מצרים, און האָט נאָכהער אַזוי פיעל געליטען פון די זעלבע אידען, פאַר וועמען ער האָט זיין גאַנצען לעבען מקריב געווען? ווען אהרן הכהן זאָל געווען לעבען אין וואַרשאַ, און מעהר נים טהאָן ווי אָנשרייבען עטליכע גוטע סקיצעס זיין גאַנצען לעבען, וואָלט מען דאָך נאָך זיין טויט געווען געליאַרעמט מאָנאַטען לאַנג אין אַלע צייטונגען, און דאָ קומט די תורה און מאַכט עס איינס, צוויי, דריי, אויסגעטהאָן דעם טאַטען'ס קליידער, אָנגעטהאָן דעם זוהן, און פּטור. ניטאָ מעהר אהרן. קיינע הספּדים, קיינע מעמאָ־ריעלס, וימת אהרן, און שוין!...

דער מדרש האָט פערשטאַנען, אַז אהרן'ס טויט איז איינגעהילט אין אַ געהיימניס, וועלכעס מיר אירדישע מענשען קענען נים בעגרייפען, און ער טרייט צו מאַכען דאָס לעצטע בלעטעל פון אהרן'ס לעבען מעהר פּאַטהעטיש און מעהר אינטערעסאַנט. דער מדרש זאָגט:

קח את אהרן — גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעהם איין אהרן'ען מיט גוטע רייד. זאָג איהם: אז וואָהל איז צו דיר אהרן, וואס דו ביזט זוכה איבערצוגעבען דיין כבוד און דיין שררה צו דיין זוהן אלעזר. איך האָב אַזאַ זאַך ניט זוכה געווען. נאָכהער זאָלסט דו איהם אויסטהאָן די בגדי כהונה און זיי אָנטהאָן זיין זוהן אלעזר.

רב הונא דערצעהלט נאָך די געשיכטע מעהר פּאָעטיש.

עס איז געווען אַ נאַכט פון שטורם, קעלט און רעגען, אונמעג־ליך איין גאַס ארויסצוגעהן. פּאַרטאָג דערהערט פלוצים אהרן אַז יעמאנד קלאַפּט אין טהיר. ווער קען עס זיין אַזוי פריה און אין אַזאַ שלעכטען וועטער, האָט אהרן געטראַכט און איז אראָב פון בעט, האָט שנעל די טהיר געעפענט, און האָט דערזעהן אַז ס'איז משה.

— משה! דאָס ביסט דו? האָט אהרן אויסגערופען פער־וואונדערט און דערשראָקען. וואס האָט דיך צו מיר געבראַכט אַזוי פריה אין אַזאַ שלעכטען וועטער?

— איך וועל דיר באַלד אַלעס ערקלעהרען האָט משה געזאָגט. איך בין געזעסען די גאַנצע נאַכט און האָב געלערענט ספר בראשית, און איך האָב אין דעם ספר פיעל זאַכען געפונען וועלכע איך פערשטעה ניט און איך בין געקומען מיר זאָלען ביידע צוזאַמען לערנען. פיעלייכט וועסט דו מיר קענען פערענטפערען מיינע קושיות.

און אהרן האָט זיך ארומגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיינע קליידער און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט משה'ן לערנען.

ווען עס איז געקומען צו דער געשיכטע פון אדם הראשון, האָט משה געזאָגט צו אהרן:

— זעה, דער מענש וועלכען גאָט אַליין האָט בעשאַפען, האָט אויך געמוזט שטאַרבען. און מיר וועלען אויך מוזען שטאַרבען, מיר האָבען שוין ניט לאַנג צו לעבען —

— דו מיינסט עס מיך? האָט איהם אהרן אונטערבראָכען.

— יאָ, האָט משה געענטפערט.

— איך האָב אָבער געפּיהלט, מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז מיין ענדע איז נאָהענט, האָט אהרן בעמערקט מיט אַ ציטערענדע שטימע.

— אָבער זאָג, אהרן, אפשר, ביסט דו בעריית צו שטאַרבען? ווילסט דו שטאַרבען?

— ווען גאָט'ס ווילען איז אזוי, האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט, האָט אהרן געענטפערט.

— ווי באַלד אזוי, האָט משה געזאָגט, קום לאָמיר אַרויפגעהן אויפ'ן באַרג.

און ווען די אידען האָבען געזעהען ווי משה, אהרן און אלעזר געהען אַרויף אויפ'ן באַרג, האָבען זיי ניט געוואוסט אַז מען פיהרט יעצט אהרן'ען שטאַרבען. מען האָט געמיינט אַז זיי האָבען עפּעס צו רעדען מיט דער שכינה. ווען די אידען זאָלען געוואוסט וויסען אום וואָס דאָ האַנדעלט זיך וואָלטען זיי אהרן'ען ניט געלאָזט שטאַרבען, זאָגט רב הונא.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען אויפ'ן באַרג געקומען, האָט זיך געעפענט אַ גרויסע הייהל, און אין הייהל איז געשטאַנען אַ בעט.

— דאָ איז מרים געשטאָרבען, האָט משה זיך געווענדעט צו אהרן און מיט אַ טיעפען זיפץ געזאָגט, ווען מרים איז געשטאָרבען האָבען מירביידע זיך מתעסק געווען מיט איהר קבורה און מיר האָבען איהר גרויס כבוד אָנגעטהאָן. און אַז דו וועסט שטאַרבען וועל איך און אלעזר זעהן זאָלסט האָבען אַ פיינע קבורה. אָבער אַז איך וועל שטאַרבען, ווער וועט זיך מיט מיר מתעסק זיין?

— מיט דיר וועל איך אליין זיך מתעסק זיין, האָט זיך געהערט אַ געטליכע שטימע פון הימעל.

און משה מיט אלעזר זיינען פון הייהל אַרויס און די הייהל האָט זיך דאָן אליין פערשלאָסען. אהרן איז געבליבען אינוועניג אין הייהל.

ווען משה און אלעזר זיינען אליין אַרונטערגעקומען פון באַרג און די אידען האָבען דערזעהן אַז אהרן איז ניטאָ, איז געוואָרען אַ שרעקליכע מהומה:

— משה האָט איהם ערמאָרדעט, ווייל ער וויל האָבען די כהונה! האָבען מאַנכע אידען געשריען.

— אלעזר האט איהם ערמארדערט, כדי ער זאל זיין א כהן גדול! האבען אנדערע געליארעמט.
משה! האבען די אויפגערעגטע מאסען געשריען, זאלסט אונז גלייך זאגען וואו האסט דו אהינגעטהאן אהרן'ען?!!
— אהרן איז געשטארבען. האט משה געענטפערט.
— דאס קען ניט זיין, האבען די אידען געשריען, דער מלאך המות האט אהרן'ען גאר ניט געקענט טהאן. אהרן האט איבערן מלאך המות געהאט מעהר שליטא ווי דער מלאך המות איבער איהם, ווען דער מלאך המות איז געקומען טויטען די אידען אין דער מגפה, האט איהם אהרן צוריקגעהאלטען — אהרן איז ניט געשטאר־בען, אויב דו וועסט איהם ניט ברייגנען גלייך צוריק וועלען מיר פערשטיינען דיך מיט אלעזר'ן צוזאמען.
משה האט זיך שטארק דערשראקען און האט תפלה געטהאן. די מלאכים האבען דאן גענומען דעם ארון פון אהרן און האבען איהם צום הימעל געטראגען און האבען געלויבט און געזונגען שירה ביי'ם ארון.
ערשט דאמאלס האבען די אידען געגלויבט אז אהרן איז גע־שטארבען.

ויבכו את אהרן שלושים יום כל בית ישראל — דאס גאנצע הויז געזינד פון ישראל האבען בעוויינט אהרן הכהן. דער מדרש זאגט אז נאך משה'ן האבען נור געוויינט די מענער, וועהרענד נאך אהרן'ען האבען אויך געוויינט די פרויען, ווייל אהרן פלעגט שלום מאכען צווישען מענער און פרויען וואס האבען זיך ארומגעקריגט און פלעגט זעהר פיעל טהאן פאר שלום בית, דאריבער האבען נאך איהם געקלאגט די גאנצע הויז־געזינד.

א צווייטער מדרש איז דא וואס שילדערט דעם טויט פון אהרן הכהן אזוי ערהאבען, אז משה האט זיך געוואונשען אז ווען עס וועט קומען די צייט וואס ער וועט דארפען שטארבען זאל ער אויך האבען אזא טויט ווי אהרן.

ווען אהרן איז אריינגעקומען אין דער היכל, דערצעהלט דער מדרש, האָט ער געזעהן אַ שעהנע בעט איז אָנגעגרייט און אַ גרויסע ליכט ברענט ליכטיג און לוסטיג ווי אויף א חתונה.

— געה ארויף אויף'ן בעט, האָט איהם משה געזאָגט.

איז אהרן ארויפגעגאַנגען אויף'ן בעט.

— ציה אוים דיינע הענד.

האָט ער אויסגעצויגען די הענד.

— שליס צו דיין מויל.

האָט ער צוגעשלאָסען זיין מויל.

— שליס צו דיינע אויגען.

האָט ער צוגעשלאָסען זיינע אויגען, און איז געשטאָרבען.

דאַן האָט איהם משה שטאַרק מקנא געווען און האָט אויס־גערופען:

— הלואי זאָל איך מיט אַזאַ טויט שטאַרבען.

בלק

ויִרא בלק. און בלק האָט געזעהען. דער מדרש תנחומא זאָגט, אַז עס איז אַ גרויסער חסרון וואס רשעים און שונאי ישראל זעהען. הלוואי וואָלטען זיי בעסער ניט געזעהען וואָלט פאַר אידען געווען אַ סך געזינטער.

שטענדיג ווען זיי זעהען קומט ארוים גרויסע צרות. ביי'ם דור המבול שטעהט „ויראו בני האלהים", ביי חם שטעהט „וירא חם" און ביי די מצרים שטעהט „ויראו אותה שרי פרעה". עס איז ניטאָ קיין איינציגער פלאַץ וואו די רשעים זאָלען זיך איינ־זעהען, און זאָלען ניט ברענגען קיין קללה אויף דער וועלט.

עס איז דאָריבער מעהר ניט ווי רעכט, אַז די שונאי ישראל זאָלען וואס ווייניגער זעהען, מיר זאָלען זיך זיי ניט וואָרפען אין די

אויגען מיט צופיעל פּקפּאַקעטס, מיט צופיעל גענגסטערס, אַז זיי וועלען ניט זעהען וועלען זיי ניט האָבען וואָס צו פערגרעסערען, און זיי וועלען אונז לאָזען צורוה מיט זייערע ברכות און מיט זייערע קללות.

ויחל העם לזנות — דער מדרש דערצעהלט אונז אַז נאָכדעם ווי בלעם האָט געזעהען אַז ווען די אידען וועלען זיין אנשטענדיגע מענשען און וועלען זיך אויפפיהרען פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען, וועט מען זיי קיינמאָל שלעכטעס ניט קענען טהאָן, האָט ער גע־האַט אַ קאָנפערענץ מיט די הערדען פון מואב, און זיי האָבען בעשלאָסען, אַז זנות איז די איינציגע זאַך וואָס וועט די אידען שנעל אראָפּפיהרען פון דרך הישר. און אויפ׳ן ראַטה פון בלעם׳ען האָבען אַלע בעלי בתים פון מואב מפקיר געווען זייערע טעכטער צו זנות.

דאַביי דערצעהלט אונז דער מדרש אַז די מיידלאַך פון מואב זיינען געווען כוואַטסקע נקבות, זיי האָבען געקענט אראָפּפיהרען פון דרך הישר אפילו די פיינסטע יונגע לייט. און זיי האָבען אנגעפאַנגען זייער פערדערבענדע ארבייט מיט פאָלגענדען סיסטעם:

זיי האָבען כלומרשט ערעפענט אַ גרויסען באַזאַר צו פערקויפען פערשיעדענע וואַארע צו אידען בחצי חנם. זיי האָבען הפנים געוואוסט אַז אידען גלייבען צו קויפען מציאות. דער באַזאַר איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסען גאָרטען, אַ מין לונאַ פּאַרק, אינווענינ האָבען זיי געמאַכט הונדערט קליינע צימערען פון ליינוואַנד. פאַר דער טהיר פון יעדער צימער האָבען זיי אוועקגעשטעלט הויכע בויי־מער און בלומען, מען זאָל ניט קענען זעהען וואָס אינווענינ טהוט זיך. אין דיזע צימערען זיינען געזעסען די שעהנסטע טעכטער פון מואב, אין יעדען צימער איינע, און האָבען געהאַלטען אויף אַ טישעל די טהייערסטע אנטיקען כלומר׳שט צו פערקויפען. אין פראָנט פון יעדער טהיר איז געשטאַנען אַלס אַ "פּולער־אין", ווי ביי די קלאָדיערס אין בעקסטער סטריט, אַז אַלטע פשוט׳ע פרוי, און ווען די אידען זיינען געגאַנגען שפּאַצירען פלעגט די אַלטע אבשטעלען יעדען יונגען מאַן:

— קומט אריין קויפען מציאות, וואָס איהר האָט נאָך איז לעבען ניט געזעהען אנטיקען פון פערשיעדענע מדינות. און אלעס בחצי חנם! קומט אריין, איהר זייט ווילקאָמען סאַי איהר וועט קויפען, סאַי ניט. מיר ווילען בלויז איהר זאָלט די אנטיקען אנ־קוקען, קומט אריין.

און אַ שעהנע מיידעל פלעגט זיך באַלד בעוויייזען אויף דער טהיר פון צימער און אררייננעהמען דעם קאָסטאָמער אינווייניג.

ווען ער האָט גענומען קלייבען די ארטיקלען און פרעגען דעם פרייז, האָט זי איהם געבעטען זיצען און האָט איהם דערלאַנגט אַ גוטע גלאָז וויין.

— זיצט אַ ביסעל, פלעגט זי איהם זאָגען מיט אַ זיסען שמייכעל, און דער ריח פון טהייערע פערפיומען און בשמים האָבען פון איהר געשמעקט, און זי האָט דעם אידישען יונגען מאַן ווי בעצויבערט. דערוויייטערט זיך ניט פון אונז. מיר זענען אזוינע מענשען ווי איהר, מיר קומען אלע ארויס פון תרח דער פאָטער פון אברהם. נעהמט אייך וואָס פאַר אַן ארטיקעל איהר ווילט, איך וועל ביי אייך גאר קיין געלד ניט פערלאַנגען.

דערביי פלעגען די מיידלאַך מיט פערשיעדענע וועגען צייגען זייער שעהנהייט און פלעגען צוזאַמען מיט׳ן קאָסטאָמער טרינקען וויין אזוי לאַנג ביז ער האָט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען און פלעגט געשטרויבעלט ווערען.

נאָכהער ערשט ווען זי איז שוין מיט איהם געוואָרען אַ גוטע שוועסטער, פלעגט זי איהם פיהרען צו דער עבודה־זרה — ותקראנה לעם ויצמד ישראל לבעל פעור.

יזל מים מדליו — דער מדרש זאָגט אַז יזל מים מדליו מיינט, אַז די גרעסטע לומדים, די גרעסטע בעלי תורה קומען ארויס פון ארימע לייט, הזהרו בבני העניים שמהם תצא תורה. דאַריבער דאַרף אַ איד שטיצען תלמוד תורה׳ס וואו ארימע קינדער לערנען תורה.

אָם מעהרסטען קומען ארויס קינדער בעלי תורה פון פראָסטע עלטערען וואָס קענען אליין גאָר ניט לערנען. און ס׳איז בעסער אזוי זאָגט די גמרא, וויילע ווען נור קינדער פון תלמידי חכמים זאָלען

זיין בעלי תורה. וואלט די וועלט געזאגט אז די תורה געהט איבער בירושה. און קינדער פון פראסטע עלטערען וואלטען געדענקט אז ס׳איז אומזיסט זייער טרחה צו לערנען. ווייל זיי וועלען במילא גאר ניט קענען.

וישא משלו ויאמר — און בלעם האט געזאגט מיט א משל. מן ארם ינחני בלק מלך מואב. פון ארם פיהרט מיך בלק דער קעניג פון מואב. מהררי קדם פון די מזרח בערג ברענגט ער מיך און גיט מיר א בעפעהל: לכה. גער. ארה לי יעקב. שילט מיר יעקב׳ן.

דער אוהל יעקב פרעגט דארויף א גוטע פראגע: וואו איז דא דער משל וואס די תורה דערצעהלט אונז „וישא משלו״? אלעס וואס בלעם האט געזאגט איז דאך א פליינע ערקלעהרונג אהן איר־גענד וועלכע משלים?

אבער דעם משל גיט שוין דער אהל יעקב:

אין א שטאדט פון גרויסע רשעים האט געלעבט א גרויסער דרשן און מוכיח וואס פלעגט ארומפאהרען אין פערשיעדענע שטעדט און שטעדטלאך דרש׳ענען און שטראפען דעם עולם מען זאל זיין גוט און פרום.

איינמאל איז ער געקומען אין א שטאדט פון גרויסע חכמים און לומדים. און האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער בימה דרש׳ענען און שטארק שטראפען דעם עולם פאר וואס זיי זינדיגען און האט זיי שרעקליך מבזה געווען.

די חכמים פון שטאדט האבען גלייך גערופען אן אסיפה. און האבען געלאזט ברענגען צו זיך דעם מגיד.

— סעי. ברודערקע. האבען זיי איהם שטרענג גענומען צום צימבעל. מיט וואס פאר א רעכט האסט דו עס אונג אזוי געהאט צו זידלען און צו שילטען?

דער מגיד איז א פערציטערטער געווארען.

— וואס הייסט איך האב אייך בעליידיגט. האט ער געשטא־מעלט. ווייסט איהר דען ניט אז אין אונזער היילינער תורה שטעהט הוכח תוכיח. און אז עס איז א מצוה איינער דעם אנדערען זאל שטראפען?

— יאָ, האָבען איהם די חכמים געענטפערט, ס'איז טאַקע אמת אַז איינער דעם אַנדערען דאַרף שטראָפען, אָבער מיר ווייסען אַז די מענשען פון דיין שטאָדט זיינען אַזעלכע רשעים און באַנדיטען אַז די גאַנצע וועלט האָט מיט זיי צו טהאָן, האָסט דו זיי פערלאָזט, זיי שטראָפסט דו נים, און אונז ביזט דו געקומען שטראָ־פען, ניט אַנדערש אַז דו ביסט אַ משוגע'נער. געה בעסער שטראָף זיי, נים אונז.

אַט דאָס איז געווען בלעם'ס משל — מן ארם ינחני בלק מהררי קדם, בלק שלעפּט מיך פון מיין פּלאַץ שילטען די אידען, און ווען איך זאָל עס טהאָן וועלען זיי דאָך מיך אַנקוקען ווי אַ משוגע'נעם, ווייל זיי ווייסען אַז די מענשען פון מיינע מקומות זיינען אַ סך ווילדער און ערגער ווי זיי.

פנחס

פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, — וואָס פאַר אַ טהייערע זאַך עס איז צו זיין רייך! ווען פּנחס זאָל געווען זיין אַ איד אַ קבצן, וואָלט מען איהם נים געגעבען אַזאַ לאַנגען טיטול. אַזוי געהט עס נאָך ביז היינטיגען טאָג, ווען מען האָט געלד איז מען „פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן", און אַז מען איז אַ קבצן איז מען „דתן ואבירם" און שוין !...

דער מדרש דערצעהלט אונז, אַז די סאַפראַזשעטקעס, די בנות צלפחד האָבען בשום אופן נים געוואָלט צוגעבען, אַז מע־נער זיינען קליגער און מעהר טהעטיג אין געזעלשאַפט ווי פרויען. נאָך מעהר, זיי זיינען געגאַנגען מיט'ן גאַנג, אַז עס איז זעהר שווער

צו געפינען א פיינעם מאן, און זיי האבען זיך דאריבער ניט גע־איילט חתונה האבען. פון די פינף בנות צלפחד, מחלה, נועה, חגלה, מלכה און תרצה, זאגט דער מדרש, איז די יונגסטע אלט געווען פערציג יאהר, און זיי האבען זיך ניט געקענט צוקלייבען קיין ריכטיגען זיווג ווי זיי האבען געוואלט.

דער מדרש דערצעהלט אונז אויך אז משה רבינו פלעגט זיך שטארק איבערנעהמען דערמיט וואס ער האט זיך בעהערשט און האט ניט חתונה געהאט ביז ער איז אלט געווען 40 יאהר. דאריבער האט איהם גאט געשיקט אלס סאמפעל די טעכטער פון צלפחד, און האט איהם געזאגט: האלט זיך ניט הויך, משה, און זעה ווי די טעכטער פון צלפחד ווארטען פיערציג יאהר און מעהר, און ווילען ניט חתונה האבען, און זיי מאכען גאר דערפון קיין ווענען ניט ווי איהר מענער.

כן בנות צלפחד דברת.—און גאט האט געזאגט צו משה'ן, אז די בנות צלפחד האבען רעכט.

דער אונגליק מיט פיעלע פרויען איז וואס זיי שווייגען, זיי פאדערען ניט זייער רעכטע, און אהן פאדערונגען, וועלען די מענער קיינמאל ניט אנערקענען אז די פרויען זיינען גראדע אזעלכע מענשען ווי זיי.

אלס א כלל פיהרען די פרויען אימער אוים וואס זיי פאדערען, אמאל האט א פרוי זאגאר געפאדערט דעם מלאך המות אליין צו א דין תורה פאר'ן רבונו של עולם, און זי האט אויך דעם מלאך המות בעזיעגט.

מיר געפינען וועגען דעם אין מדרש תנחומא פאלגענדע מערק־ווירדיגע געשיכטע וועלכע לעזט זיך ווי א שעהנער, שפאנענדער ראמאן:

אין א שטאדט האט געוואהנט א גרויסער גביר, וועלכער האט געהאט א בילד־שעהנע טאכטער, דאביי איז זי געווען קלוג, און פרום, און האט בעזעסען אלע מעלות צו קענען מאכען א מאן גליקליך.

זי איז אבער געווען א גרויסע איבערקלייבערין אין חתנים, ווי פיעל יונגע לייט מען האט איהר פארגעשטעלט פאר חתנים האט זי אין יעדען געפונען אן אנדער חסרון, ביז זי איז ענדליך אריינ־

געקומען אין די דרייסיגער יאָהרען, דאַן האָט זי זיך ארומגעזעהן אז צופיעל קלייבען איז קיין פּלאַן ניט מעהר, און איז געגאַנגען און האָט חתונה געהאַט.

אָבער די ערשטע נאַכט נאָך דער חופּה איז איהר מאַן געשטאָרבען.

עס איז געווען אַ שרעקליכע יללה אין הויז. די כלה האָט גע־יאָמערט, געקלאָגט, די מחותנים האָבען געוויינט, אָבער פערפאַלען, אַ טויטען קען מען לעבעדיג ניט מאַכען.

עס זיינען פאַראיבער עטליכע חדשים און זי האָט חתונה גע־האָט מיט אַן אַנדער מאַן, און מערקווירדיג, אויך מיט'ן צווייטען מאַן האָט דערזעלבער אונגליק געטראָפען. די ערשטע נאַכט נאָך דער חופּה איז ער געשטאָרבען. אַזוי איז אויך געווען מיט אַ דריטען מאַן, און זי האָט בעשלאָסען — עד כאן; מעהר האָט זי ניט חתונה! צו וואָס זאָל זי אונגליקליך מאַכען מענשען, אַז צו־ליעב איהר זאָלען זיי שטאַרבען?

זי איז געזעסען אַ לאַנגע צייט אַן אַלמנה אין איהר פאָטער'ס הויז און האָט שוין אפילו קיינמאָל ניט געדענקט מעהר וועגען הייראַטהען.

איהר פאָטער האָט געהאַט אַ ברודער אין אַ וויטען לאַנד, אַ גרויסער אָרעמאַן, אַלעס וואָס ער האָט פערמאָגט איז געווען צעהן קינדער, וועלכע ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס מפרנס צו זיין. אַלע טאָג פלעגט ער געהן מיט זיין עלטערען זוהן אין וואַלד, אָנ־האַקען עטליכע בינטלעך האָלץ, און געהן צופוס מיט די בינטלעך האָלץ אויף די פלייצעס אין שטאָדט אריין, זיי פערקויפען, און דער־פון האָט ער זיין אָרימע פאַמיליע מפרנס געווען.

ויהי היום, אַמאָל האָט פאַסירט אַז ער האָט ניט געקראָגען קיין קונה אויף די בינטלעך האָלץ, כאָטש ליג זיך און שטאַרב, און ער האָט ניט געהאַט אַ פּעני צו קויפען ברויט פאַר דער פרוי און קינדער.

דער עלטערער זוהן האָט מעהר דעם צער פון דעם פאָטער ניט געקענט צוזעהן, און האָט געזאָגט:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, פאָטער, אַז איך וועל דאָ זיצען נעבען דיר און מיר וועלען זיך אַלע פּלאָגען און מאַטערען

פאַר׳ן שטיקעל ברויט? איך וועל זיך בעסער אוועקלאָזען צו דיין רייכען ברודער, איך וועל איהם ערקלערען אונזער לאַגע, אפשר וועט ער אויף אונז זיך דערבאַרעמען און עס וועט נעהמען אַ סוף צו אונזער מאַטערנים.

דער פאַטער האָט עס איהם ערלויבט און ער איז אַוועק צופוס צום רייכען פעטער.

קומענדיג אהין האָט איהם דער פעטער אויפגענומען פאַר אַ גרויסען גאַסט. ער האָט איהם ניט געוואָלט אַוועקלאָזען, ער זאָל ביי איהם זיין אַם ווענינסטען אַ פּאָאַר מאָנאַטען. אין דער צייט האָט ער זיך בעקענט און גוט בעפריינדעט מיט׳ן פעטער׳ס טאָכ־טער, די אלמנה, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען זעהר שעהן און ליעבענסווירדיג.

איינמאָל אין אַ שעהנעם אבענד האָט זיך דער גאַסט געווענדעט צום פעטער און האָט איהם געזאָגט:

— מיין ליעבער פעטער, איך האָב צו דיר אַ גרויסע בקשה, און איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט מיר ניט ענטזאָגען.

— איך גיב דיר מיין וואָרט, האָט איהם דער פעטער געענט־פערט, אַז קוים איז עס נור אַ זאַך וואָס איך קען בעהויפּטען, וועל איך דיר געוויס ניט ענטזאָגען.

— אויב אַזוי, פעטער, בעט איך דיך דו זאָלסט מיר געבען דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

ווי דער פעטער האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגעפאַנגען שטאַרק צו וויינען, און האָט דעם יונגען מאַן דערצעהלט די גאַנצע מעשה, אַז דריי מענער איהרע זענען שוין געשטאָרבען די ערשטע נאַכט נאָך דער חופה.

— צו וואָס זאָל איך נאָך אומברענגען פון דער וועלט מיין אייגענעם ברודער׳ס זוהן? האָט ער געזאָגט, איך קען ניט און וועל דאָס ניט טהאָן, טאָמער דענקסט דו נור ווענען ירש׳ענען מיין פערמעגען וואָס וועט בלייבען נאָך מיין טוידט, קען איך דיר איצט אויך געבען אַ סך געלד, אָבער אום גאָטעס ווילען שטעל זיך ניט אין סכנה צו חתונה האָבען מיט מיין טאָכטער, וואָס מיינט פאַר דיר אַ זיכערער טוידט.

אבער דער יונגער מאַן האָט פון קיין געלד אפילו ניט געוואָלט הערען.

— איך וויל ניט קיין געלד, איך דענק ניט יעצט וועגען געלד, האָט ער געזאָגט מיט א ריהרענדע שטימע. איך האָב ליעב דיין טאָכטער, און איך בעט דיך דו זאָלסט ניט עובר זיין אויף דיין וואָרט וואָס דו האָסט מיר געגעבען מיין בקשה צו ערפילען. אויב דו קענסט עס נור בעהויפטען; גיב מיר דיין טאָכטער פאַר א ווייב.

דער אונגליקליכער פאָטער האָט אריינגעוואָרפען די טאָכטער צו זיך און האָט איהר דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און האָט גע־ענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— איך האָב דיין שוועסטער־קינד געגעבען מיין עהרען וואָרט אַז איך וועל זיין בקשה ערפילען און איך מוז מיין וואָרט האַלטען. אפשר וועט גאָט איצט אויף אונז רחמנות האָבען און ער וועט לעבען בלייבען.

די אַלמנה האָט מתפלל געוועזען צו גאָט, אַז דער יונגער מאַן זאָל דורך איהר ניט אומגעבראַכט ווערען, און דער פאָטער האָט געפּראַוועט א חתונה כיד המלך. אַלע גדולים זענען אַנוועזענד גע־ווען און מען האָט זיך זעהר פיין אַמוזירט.

מיט אַמאָל איז אריינגעקומען אַן אומבעקאַנטער, שעהנער גרייז־גרויער מאַן און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען חתן. זיין מאָד־נע צויבער־געשטאַלט האָט געוואָרפען אַן אימה אויף אַלע געסט און מען האָט איהם פיעל כבוד געגעבען.

אין א ווייל ארום האָט דיעזער אַלטער מאַן אריינגערופען דעם חתן אין א בעזונדער צימער און האָט איהם געזאָגט:

— איך וועל דיר געבען אַן עצה, מיין זוהן, ווי אזוי דו זאָלסט רעטען דיין לעבען, אָבער דו מוזט טהאָן ווי איך וועל דיר זאָגען.

— וואָס איז דאָס פאַר א פראַגע. האָט דער חתן געענטפערט מיט א ציטערענדע שטימע, איך וועל אייך געוויס פאָלגען, זאָגט מיר וואָס איך זאָל טהאָן, און איך וועל אייך די טובה קיינמאָל ניט פערגעסען.

— איך דאַרף ניט קיין דאַנק, האָט דער זקן געזאָגט היינט וועט צו דיר קומען אַן אַרעמאַן, געקליידעט אין שוואַרצען, אָב־

געריסען, בארפוס און צמוציג. גלייך ווי דו ווערסט איהם דערזעהן זאלסט דו באלד אויפשטעהן און איהם אוועקזעצען נעבען דיין רעכטע האנד. זאלסט איהם געבען עסען און טרינקען און זאלסט איהם אליין בעדיענען.

מיט די ווערטער האט זיך דער אלטער אבגעזעגענט מיט'ן חתן און איז נעלם געווארען.

ווי דער חתן איז נור אריין צוריק אין זאאל און האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ, האט ער גלייך דערזעהן דעם אב־געריסענעם ארימאן. אבער ער האט געטהאן אלעס ווי דער אלטער אונבעקאנטער האט איהם אנגעזאגט. ער האט איהם דערלאנגט עסען און טרינקען לרוב, און האט איהם בעדיענט מיט גרויס כבוד ווי ער וואלט זיין איינער פון די חשובס'טע געסט.

נאכדעם ווי דער ארעמאן האט זיך זאט אנגעגעסען, האט ער ארייננערופען דעם חתן אין א צימער און האט איהם געזאגט:

— דו זאלסט וויסען, אז איך בין א מלאך פון גאט, געקומען אהער דיין לעבען צו נעמען.

— קענסט דו מיר פיעלייכט מהאן די טובה, מיך אבצולאזען אויף א יאהר אדער אם ווייניגסטען אויף זעקס מאנאטען? האט זיך ביי איהם דער חתן געבעטען.

— ניין, האט דער מאן פראמפט געענטפערט. איך קען ניט איבערטרעטען גאט'ס בעפעהל. איך בין דער מלאך המות, און טאר ניט וויסען פון רחמנות.

— לאז מיך האטש אב איבער די שבעת ימי המשתה.

— איך קען דאס ניט טהאן. איך וועל דיר נור געבען רשות, דו זאלסט זיך געהן געזעגענען מיט דיין ווייב.

ווען דער חתן איז אריינגעקומען צו דער פרוי אין צימער האט ער זי געפונען וויינענדיג.

— איך בין זיך געקומען מיט דיר געזעגענען, מיין ליעבע פרוי, האט ער געזאגט מיט א ריהרענדע שטימע. עס איז שוין געקומען מיין צייט צום שטארבען. דער מלאך המות שטעהט שוין און ווארט אויף מיר אין מיין צימער.

— ניין, מיין מאן! האט זי אויסגעשריען פערצווייפעלט, דו בלייב היער, און איך וועל געהן און וועל מיט איהם ריידען.

געה, אם לא יועיל, לא יזיק, האָט דער חתן געזיפצט, און די כלה איז שנעל אריין אין חתנ'ס צימער און האָט דאָרט געטראָפען דעם מלאך המות ווארטען.

— דאָס ביסט דו געקומען אוועקצונעהמען דאָס לעבען פון מיין מאַן? האָט זי מיט א זעלטענעם מוטה געפרעגט.

— יאָ. האָט דער מלאך המות געענטפערט.

— דו האָסט דאָצו קיין רעכט ניט. האָט זי אויסגערופען מיט קוראַזש. מיין מאַן האָט דעם טויט ניט פערדיענט. די הייליגע תורה זאָגט אונז אז איינער נעהמט א נייע פרוי, זאָל ער ניט געהן אין דער מלחמה, קיין זאַך זאָל זיך מיט איהם ניט אנקעהרען, א יאהר נאכאנאַנד זאָל ער זיין פרעהליך, און פריי, און זאָל פרעהליך מאַכען די פרוי וואָס ער האָט גענומען. דו וועסט דאָך צוגעבען, אז גאָט איז אמת און זיין תורה איז אמת, און יעצט ווען דו וועסט מיין מאַן פון מיר צונעהמען, מאַכסט דו דאָך די תורה פאַלש. איך פאָדער דו זאָלסט מיט מיר געהן האָבען א דין תורה ביי גאָט. און לאָמיר הערען וועמער עס האָט רעכט. אין דעם אויגענבליק איז דער מלאך המות פערשוואונדען געוואָרען, און איז מעהר ניט צוריק געקומען.

די פרוי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין איהר צימער און האָט דערצעהלט דעם מאַן אלעס וואָס זי האָט גערעדט מיט'ן מלאך המות און ביידע האָבען מיט גרויס פרייד גאָט געדאַנקט פאר'ן חסד וואָס ער האָט מיט זיי געטהאָן.

דער פעטער און די טאַנטע זיינען געזעסען אין שטוב און האָבען יאָמערליך געוויינט. זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען פארבערייטונגען צו מאַכען דעם געשטאָרבענעם איידים צו בעערדיגען, און איהר קענט זיך פאָרשטעלען זייער שמחה, ווען זיי האָבען פלוצים דערזעהן די מאַן און פרוי געאָרמט, און האָבען געהערט פון דעם גרויסען קאַמפף וואָס זייער טאָכטער האָט מיטגעמאַכט.

רייכטהום איז געגליכען צו ים וואַסער, וואָס מעהר מען טרינקט דערפון, אַלץ מעהר דורשטיג ווערט מען.

שאָפּענהויער.

מטות - ומסעי

איש — לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה. —

די חסידים בענוצען זיך מיט דיעזען פסוק צו צייגען אז דאס וואס א צדיק'ס ברכה ווערט מקוים, איז א גאנץ נאטירליכע זאך, וואס ווערט אנגעוויזען אין דער תורה.

און זיי טייטשען דעם פסוק אזוי:

איש — דער גרויסער מענש וואס איז בבחינת איש, לא יחל דברו, ער מאכט זיינע רייד ניט וואכעדיג, ער רעדט נור דברי תורה; איבער דעם איז כל היוצא מפיו יעשה, אלעס וואס געהט ארויס פון זיין מויל טהוט דער אויבערשטער. יעדע ברכה זיינע ווערט מקוים.

איש כי ידור נדר, ווען א מענש וועט טהאן א נדר, לא יחל דברו, זאל ער ניט פערשוועכען זיינע רייד. ככל היוצא מפיו יעשה, נור ווי אזוי עס געהט ארויס פון מויל, אזוי זאל ער מקיים זיין.

די גמרא זאגט אז נור גרויסע מענשען מעגען א נדר טהאן, ווייל זיי זיינען זיכער אז וואס זיי זאיען וועלען זיי מקיים זיין, ס'איז ביי זיי א נאטירליכע זאך ניט צו זאגען קיין ליגען, און סיי ווי סיי איז זייערער א ווארט הייליג, זאנסט איז ער ניט קיין גרויסער מענש. אבער די געוועהנליכע קליינע מענשעלאך טארען קיין נדר ניט טהאן. טוב שלא תדור משתדור ולא תשלם. בעסער גאר קיין נדר ניט טהאן איידער צו טהאן א נדר און ניט מקיים זיין.

דער אוהל יעקב גיט דערצו זעהר א פיינעם משל:

עס זיינען געווען צוויי שכנים, ארימע לייט. איינער איז געווען א האלץ־העקער, געארבייט שווער און ביטער, אבער ער איז

געווען אַן עהרליכער איד און דער צווייטער איז געווען אַ גנב, אָבער אויך אַ גרויסער אָרימאַן.

ווי עס פיהרט זיך ביי אָרימע לייט, האָבען ביידע געהאַט טעכטער צו חתונה מאַכען.

דער אַלץ־העקער האָט געטהאָן פיינע שידוכים, געגעבען אַלע טעכטער נדן און פיינע חתונה קליידער, וועהרענד ביי'ם שכן דעם גנב זיינען די בתולות געבליבען זיצען ביז'ן גרויען צאָפּ און ער האָט זיי בשום אופן ניט געקענט חתונה מאַכען.

איינמאָל האָט דער גנב געפרעגט ביי'ם אַלץ־העקער:

— זאָג מיר, בערעל, דו ביזט דאָך אַזאַ קבצן ווי איך, ווי אַזוי האָסט דו געקענט חתונה מאַכען דיינע טעכטער מיט נדן און נאָך פיינע הלבשה ווי ביי לייטען?

און דער אַלץ־העקער האָט איהם ערקלערט אַז זיין מנהג איז אַז דעם טאָג ווען עס ווערט ביי איהם אַ קינד געבאָרען מאַכט ער אַ קליין קעסטעלע און פערשליסט עס, און אַלע טאָג וואַרפט ער אַריין אַ מטבע אין קעסטעל אַזוי אַז ווען עס קומט די צייט מען דאַרף דעם קינד חתונה מאַכען עפענט ער דאָס קעסטעלע און האָט אַלע נויטיגע עקספּענסעס.

דער אַלץ־העקער האָט דאַריבער געגעבען אַן עצה דעם שכן אַז ער זאָל אויך אַזוי טהאָן ווי ער. ער זאָל מאַכען אַ קעסטעלע און פערשליסען מיט אַ שלעסעל און אַלע טאָג, אָדער אַלע וואָך אַם וויינינגסטען, עפּעס אַריינוואַרפען אַהין פאַר חתונה הוצאות.

דער גנב האָט גאַנץ גוט אויסגעהערט די עצה וואָס זיין שכן, דער אַלץ־העקער, האָט איהם געגעבען, און האָט זיך צולאַכט אויף אַ קול.

— ביזט אַ גרויסער יאָלד, בערעל, האָט ער געזאָגט. דאָס איז נור אַן עצה פאַר דיר אָבער ניט פאַר מיר. אַז דו וואַרפסט אַריין די מטביעות אין קעסטעל ועסט דו דאָס שלעסעל ניט אָברייסען און ועסט זיי פון דאַרט ניט אַרויסנעהמען, עס מעג דיר אַפילו זיין ווי שלעכט די צייט. אָבער איך וואָס עפען אויף פרעמדע שלעסער און גרעסערע שלעסער, ווי וועל איך זיך קענען איינהאַלטען אין אַ שלעכטע צייט מיין אייגענע קליינע שלעסעל ניט עפענען. פאַר מיר איז אַזאַ זאַך קיין בעוואָרעניש ניט.

דער נמשל איז, ווי דער דובנער זאָגט, מובן מאליו. דער גרויסער מענש, וואס היט אַלע שלעסער פון זיין מויל קיינמאָל קיין שקר ניט ארויסצולאָזן, קען ער געוויס זיך מאכען א קליין שלעסעל ער זאָל א נדר טהאָן אויף עפּעס, און ער וועט זיכער מקיים זיין דעם נדר אויף וויפיעל צייט ער האט א נדר געטהאָן. אבער דער געוועהנליכער קליינער מענשעלע וואס האט צו טהאָן מיט א נדר? ער ברעכט גרעסערע שלעסער, וואס די חכמים האבען אויפ־געהאנגען וועט ער זיין אייגענע קליינע שלעסעל ניט אויפברעכען?

דאריבער האט די גמרא באווארענט, אז נור גרויסע מענשען מעגען א נדר טהאָן, ווייל זיי וועלען געוויס זייער נדר מקיים זיין.

איש לא יחל דברו — א מענש, וואס וויל ווערטה זיין צו טראגען אויף זיך דעם גרויסען נאָמען מענש, זאָל זיינע ווערטער ניט וואכעדיג מאכען, ער זאָל וויסען און גוט בעטראכטען יעדעס ווארט וואס ער לאָזט פון מויל ארויס. פיעל, זעהר פיעל גליק און אומגליק הענגט אָפּ אין די ארט און ווייזע ווי דער מענש רעדט.

די גמרא דערצעהלט אונז א אינטערעסאנטע געשיכטע פון רבי מאיר און זיין וויב ברוריה. דיעזע געשיכטע אילוסטרירט אונז ווי אזוי א מענש דאַרף ביי יעדער געלעגענהייט וויסען ווי צו רעדען.

רבי מאיר האט געהאט צוויי שעהנע געלעהרענטע זיהן, וועלכע ער האט געליעבט מיט זיין גאנצער נשמה. איינמאָל וועהרענד ער איז געווען אין בית המדרש און האט געהאַלטען זיין געוועהנ־ליכע שבת־דרשה פאר'ן פאלק, האט ביי איהם אין הויז פּאסירט א גרויסער אונגליק, ביידע זיהן זיינען געשטארבען. ברוריה האט זיי אוועקגעלייגט אין זייער שלאָף־צימער, האט זיי בעדעקט מיט א טוך, און האט געגרייט צום טיש ריכטיג ווי עס וואלט גאר ניט פּאסירט.

אבענד ווען רבי מאיר איז געקומען פון בית המדרש און האט אבגעמאכט הבדלה, האט ברוריה זיך צו איהם געווענדעט מיט פאָלגענדער פראגע:

— מיין טייערער מאן, איך וועל ביי דיר פרעגען אן עצה. איי־נער האט ביי מיר בעהאַלטען א טייערע זאך, היינט איז ער געקומען

און האָט געבעטען די זאַך צוריק, זאָל איך עס איהם אוועקגעבען, אָדער ניט?

— וואָס רעדסטו? האָט ער אויסגערופען פערוואונדערט, ווי קומט גאָר צו דיר, אַזאַ קלוגע פרוי ווי דו ביזט, צו פרעגען אַזאַ נאַרישקייט? געוויס מוזט דו איהם די זאַך אוועקגעבען און אפילו אַ וואָרט ניט זאָגען, עס איז דאָך זיינס! ער קען עס נעהמען צוריק ווען ער וויל!

די קלוגע פרוי האָט דאַן גענומען דעם מאַן און האָט איהם אריינגעפיהרט אין צימער וואו ביידע טויטע קינדער זיינען געלעגען, האָט אויפגעדעקט דאָס טוך און האָט געזאָגט:

— גאָט האָט אונז דיעזע צוויי קינדער צום פקדון געגעבען, און היינט האָט ער ביי אונז זיין פקדון צוריק געפאָדערט, און ווי דו האָסט מיר ערשט אליין ערקלעהרט, דאַרפען מיר עס אוועקגעבען און אַ וואָרט ניט רעדען.

דברים

היינטיגע וואָך איז פרשה דברים. אַ ווייבערשע פרשה, אַ פרשה פון רעדען.

אלה הדברים — דאָס זיינען די רייד. רש"י זאָגט נאָר אַז אלה הדברים מיינט דאָס זיינען די שטראָף־רייד.

און טאַקע באמת ווען האָט מען אַמאָל געהערט צו די אידען אָהן שטראָף־רייד.

די אידען האָבען, שוין אַזאַ מזל אַז אימער האַלט מען זיי אין איין שטראָפען און זאָגען מוסר.

דוכט זיך אבגעארבייט פיער הונדערט און צעהן יאהר פאנש־טשיזנע ביי פרעה'ן אין מצרים, די קינדער לעבעדיגע אין ים געווארפען, נאכהער געגאנגען צופוס אין דער מדבר הונגעריג און דורשטיג — און נאך אלעמען איז מען דאך מעהר ניט ווי א מענש מיט א גאל, און ווען דער בעכער פון מאטערנים און ליידען ווערט פול מוז מען אמאל ארויס פון די כלים און ווארטשען אויף'ן שיקזאל.

ניין! דער איד האט דאס אויך ניט געטארט, ווי דער רוסישער שפריכ־ווארט לויטעט: „ביוט, אי פלאקאט ניע דאיוט", זיי שלאגען און לאזען ניט וויינען. און ווען עס איז שוין מיט מזל געקומען די גליקליכע צייט, אז די אידען האבען זיך קוים מיט'ן לעבען דערשלעפט צום ירדן, הויבט זיך ערשט אן א סדרה פון אלה הדברים, דאס זיינען די שטראף־רייד, אשר דבר משה וואס משה האט גערעדט אל כל ישראל.

דער מדרש זאגט, אז משה האט ביי דער זייט פון ירדן גע־נומען גאר אויף דאס־ניי צעהלען די עברות וואס די אידען האבען געטהאן.

— סטייטש, איהר האט בייז גערעדט! איהר האט געזאגט: עס וואלט בעסער געווען ווען מיר וואלטען געווען געשטארבען אין דער מדבר.

דאס איז עבירה נומער איינס.

נומער צוויי האט איהר געהאט א „גוד־טיים" אין שיטים און האט געזינדיגט מיט'ן אפגאט פעור.

עבירה נומער דריי — סטייטש, ווי האט איהר זיך געוואגט צו זאגען המבלי אין קברים במצרים, איז דען ניטא קיין קברים אין מצרים וואס דו האסט אונז פון דארט ארויסגעצויגען, צו טוידטען אונז דא אין דער מדבר?

עבירה נומער פיער — סטייטש, ווי האט איהר זיך געוואגט צו בעליידיגען דעם מן? דער מן איז געווען אז אנטיק, כצפיחית בדבש, און איהר האט געזאגט אז די געדערים וועלען אייך פון איהם געשוואלען ווערען, היתכן?

עבירה נומער פינף איז געווען די מרגלים; נומער זעקס איז געווען, ביי דער מחלוקה פון קרח און עבירה נומער זיעבען איז געווען דאס וואס מען האט געמאכט דאס עגל.

דאס זיינען די זיעבען עבירות אויף וועלכע מען האט די אידען געשטראפט אפשר זיעבען הונדערט מאל און אחרי ככלות הכל האט מען עס נאך דערמאהנט אין דער תוכחה אויך — ויספתי ליסרה אתכם שבע על חטאתיכם —

דאס איז א אמת אידישער מזל.

אז איירישמאן, אפילו א פאליסמאן, טהוט אב יעדען טאג זיעבען מאל זיעבען אזעלכע עבירות און פתח שין שא, קיינער זאגט איהם ניט א ווארט, ער ווייסט גאר ניט אפילו אויב ס'איז דא א תוכחה אויף דער וועלט!

איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם?

מיר געפינען אין היינטיגער פרשה ווי משה רבנו האט פלוצים אנגענומען א גאנץ אנדער ווענדונג צו די אידען. מיט אמאל ווערען איהם די אידען גרוים אין די אויגען, און ער שרייט אוים:

לא אוכל שאת אתכם! איך קען אייך אליין ניט אריבערטראגען, איהר זענט צופיעל פאר מיינע כחות! ד' אלהיכם הרבה אתכם, גאט האט אייך געמעהרט, והנכם היום ככוכבי השמים לרוב, און איהר זענט יעצט אזוי פיעל ווי די שטערען אין הימעל.

עס שטעלט זיך יעצט די פראגע, רבונו של עולם! איז דאס דער זעלבער טרייער משה, וואס האט זיך געלאזט מקריב זיין פאר די אידען, און געזאגט צו גאט, מחני מספרך, למה הרעות לעם הזה א. ז. וו.? וואו איז אהין געקומען זיין ליעבשאפט וואס ער האט אימער געפיהלט צום אידישען פאלק? וואס זיינען זיי איהם פלוצים געווארען גרוים אין די אויגען, און פיעל ווי די שטערען אין הימעל?

צווייטענס ווי נעהמט זיך עס משה און טהוט א זאג גלאט אין דער וועלט אריין איהר זענט יעצט אזוי פיעל ווי די שטערען אין הימעל? ווערענד ער ווייסט אז ס'איז ניט אזוי?...

אבער זאל שוין זיין אז צוליעב דעם וואס זיי זיינען איהם גרוים געווארען אין די אויגען האט ער מגזם געווען, און האט עס

געזאגט מיט א לשון גוזמא. אז זיי זיינען ווי די שטערען אין הימעל, איז דאך אבער נאך מעהר קשה. ווארום זאגט באלד משה דעם צווייטען פסוק: ד' אלהי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים גאט זאל אייך פערמעהרען טויזענד מאל אזוי פיעל. ויברך אתכם, און ער זאל אייך בענשען, כאשר דבר לכם, ווי ער האט צו אייך גערעדט ?

זאגט אליין, איז דאס ניט א ריכטיגע קשיא ?

אבער ווען מען קוקט אריין א ביסעל טיעפער אין ענין, ווערט אלעס זעהר לייכט ערקלעהרט.

גאט האט געבענשט די אידען מיט צוויי פערשיעדענע ברכות. איין ברכה איז אז זיי זאלען זיין כחול אשר על שפת הים, ווי די זאמד ביים ברעג פון ים. די צווייטע ברכה איז זיי זאלען זיין ככוכבי השמים לרוב, ווי די שטערען אין הימעל.

די נאטירליכע אייגענשאפט פון זאמד איז, אז יעדע איינצעלנע זעמדעלע איז גארנים. א בלאז און עס ווערט פערשוואונדען. אבער א סך זאמד, ווען די אלע זעמדעלאך האלטען זיך צוזאמען זיינען זיי אזוי שטארק אז זיי האלטען זאגאר אב דעם ים פון געהן ווייטער.

די שטערען ווידער האבען אין זיך זייער נאטירליכע אייגענשאפט, אז זיי טהארען זיך ניט האלטען צוזאמען. ווען איין שטערען זאל אנריהרען דעם צווייטען, קען עס די וועלט חרוב מאכען, יעדער שטערען במסלולו ילך, געהט זיך זיין בעזונדערען וועג און דארף מיט'ן צווייטען קיין מחותן ניט זיין.

אט דאס האט משה נעביך געשריען : לא אוכל לבדי שאת אתכם, איך קען שוין יעצט פון אייך ניט דערטראגען. ווארום ? והנכם היום ככוכבי השמים, איהר זענט געווארען ווי די שטערען אין הימעל, יעדער געהט זיך זיין בעזונדער וועג. כל אחד במסלולו ילך, ריכטיג ווי די שטערען, קיין אייניגקייט, קיין אחדות. און אונטער אזעלכע אומשטענדען איז מיר אונמעגליך מעהר צו טהאן עטוואס פאר אייך.

ד' אלהי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים. גאט מעג אייך נאך מעהרען איהר זאלט זיין טויזענד מאל אזוי פיעל ווי יעצט,

וואָלט מיך ניט געאַרט. אָבער ווען זשע? ויברך אתכם כאשר דבר לכם, ער זאָל אייך בענשען מיט דער צווייטער ברכה — איהר זאָלט זיין כחול אשר על שפת הים. ווי די זאמד ביים ברעג ים וואָס קלעפּען זיך און האַלטען זיך פעסט איינע אין דער אַנ־דערער און קענען דאַן אַפילו דעם ברעג ים אָבשטעלען מיט זייער איינינקייט.

ואתחנן

דיעזע וואָך איז פּרשה ואתחנן.

רבי תנחומא פאַנגט אָן זיין דרשה פון וואָך מיט'ן פּסוק פון משלי: „מלוה ד' חונן דל, וגמלו ישלם לו".

ווי רייך שלמה המלך איז געווען, איז ער פון דעסטוועגען אימער אריינגעגאַנגען אין דער לאַגע פון דעם ארימאַן. שלמה המלך האָט געוואוסט, אַז דער גביר, דער רייכער ביזנעסמאַן, האָט אַ סך גוטע ברידער, אַ סך בעקאַנטע, אַ סך פריינד, און ווען ער דאַרף אַמאָל האָבען אַ גמילות חסד, קריעגט ער עס געבאָרגט מיט'ן קוק. יעדער איינער שלאָגט זיך נאָך אָן צו טהאָן איהם אַ טובה, און אַלע שטרעבען צו געפינען חן ביי איהם אין די אויגען.

ניט אַזוי אָבער איז דער שיקזאַל פון אָרימאַן. ער איז עלענד ווי אַ שטיין. ווער דאַרף איהם און ווער וויל פון איהם וויסען? אַפילו זיינע אייגענע דערוויייטערען זיך פון איהם. און ווען ער דאַרף אַ גמילות חסד פערלאָזט ער זיך נאָר אויף גאָט, אַז ער וועט איהם העלפען.

און גראַדע אָט דיעזע עלענדע אונגליקליכע ארימע לייט, זאָגט שלמה המלך, זיי זאָלט איהר שטיצען מיט אַ גמילות חסד, וויל מלוה ד', איהר באָרגט גאָט אַליין דעם גמילת חסד, חונן דל,

ווען איהר האָט רחמנות אויף אַן אַרימאַן. וגמלו ישלם לו, און גאָט אַליין, דער איינציגער גוטער ברודער פון אַרימאַן, וועט אייך דעם גמילת חסד אָבצאָהלען, נאָך מיט אַ גוטען פּראָצענט.

רב לך אל תוסף דבר אלי כדבר הזה. גענוג משה, רעד נישט מעהר! דו קענסט קיין ארץ ישראל ניט אַריינגעהן, דו מוזט שטאַרבען דאָ, און יהושע וועט די אידען אַריינפיהרען אין ארץ ישראל.

דער מדרש זאָגט אַז משה איז געשטאַנען אַ שטיק צייט און האָט אַרגומענטירט מיט גאָט; משה האָט נאָך זעהר געוואָלט לע־בען.

— נאָכדעם ווי איך האָב בעזיעגט די צוויי מלכים סיחון און עוג האָט משה גע׳טענה׳ט צו גאָט גלויב איך אַז איך בין ווערטה זאָלסט מיר שענקען מיין לעבען.

— ניין, משה, עס קען דיר גאָרניט העלפען, דו מוזט שטאַר־בען אין דער מדבר.

— וואָס הייסט איך מוז? האָט משה געזאָגט פּערוואונדערט, ווען דו זאָלסט עס ניט וועלען, וואָלט עס ניט געווען קיין מוז.

— עס איז יאָ אַ מוז, האָט גאָט געענטפערט, ביזט ניט בעסער ווי אדם הראשון —

— פון אדם הראשון איז קיין ראיה נישט, האָט משה דעם כביכול אונטערבראָכען, ער האָט געזינדיגט.

— קענסט דו דיר נעהמען אַ ראיה פון אברהם. אויך אברהם האָט געמוזט שטאַרבען, כאָטש ער האָט זיך געלאָזט וואַרפען אין פייער פון גאָט׳ס וועגען.

— דאָס איז אויך קיין ראיה ניט, האָט משה גע׳טענה׳ט, פון אברהם איז אַרויסגעקומען ישמעאל, אַ רשע.

— קענסט דו דיר נעהמען אַ ראיה פון יצחק. אויך ער האָט געמוזט שטאַרבען טראָצדעם וואָס ער האָט אַליין זיין האַלדז גע־שטרעקט אויפ׳ן מזבח געקוילעט צו ווערען פאַר אַ קרבן צו מיר.

— אויך פון יצחק איז קיין ראיה ניט אַז איך מוז שטאַר־בען, האָט זיך משה געבעטען. פון יצחק איז אַרויסגעקומען עשו הרשע.

קענסט דו זיך נעהמען א ראיה פון יעקב. ער האָט געהאַט צוועלף קינדער צדיקים און האָט אויך געמוזט שטאַרבען.

— אָבער יעקב איז אַלע ניט געווען אַזוי גרויס ווי איך. ער איז קיינמאָל אויף'ן הימעל ניט געווען, און האָט ניט מקבל געווען די תורה, ווי איך, אויסער דעם האָבען אַלע ששים רבוא אידען פיעל עבירות געטהאָן און האָסט זיי אימער מוחל געווען, מיט וואָס בין איך ערגער ווי אַלע, וואָס מיר ווילסט דו ניט מוחל זיין ?

— פאַר א רבים טהוט מען אימער מעהר ווי פאַר א יחיד.

משה רבנו האָט דאַן אַרויסגעלאָזט א שווערען זיפץ פון האַרצען און האָט אויסגערופען :

— שיק אָן אויף מיר וואָס פאַר א שטראָף דו ווילסט, גאָט ! שטראָף מיך מיט יסורים, מאַטער מיך, מאַך מיך קראַנק, אבי גיעב מיך ניט איבער צום מלאך המות אין האַנד ! לא אמות, לאָמיך ניט שטאַרבען, כי אחיה, אָט ווי נור איך וועל לעבען, אבי איך וועל ניט זיין טוידט, ואספר מעשה יה, וועל איך דערצעהלען דיינע גוטע מעשים.

— עס קען דיר גאָרניט העלפען, משה, זה השער לד', דער טוידט איז א טהויער וועלכען אַלע מוזען דורכגעהן...

ווען משה האָט געזעהען אַז אַלע זיינע רייד העלפען ניט, איז ער געגאַנגען צום הימעל און ערד און האָט ביי זיי געבעטען :

— טהוט פאַר מיר תפלה.

— מיר האָבען אונזערע אייגענע צרות, מיר דאַרפען פאַר זיך אַליין בעטען, האָבען הימעל און ערד געענטפערט. ווייל סוף כל סוף וועלען מיר אויך פערלאָרען געהן. ווי אין פסוק שטעהט, אַז דער הימעל וועט צוגעהן ווי א רויך און די ערד וועט פערפוילט ווערען ווי אַן אַלטע קלייד.

משה איז דאַן געגאַנגען צו דער זון, צו דער לבנה, און זיי געבעטען זיי זאָלען פאַר איהם תפלה טהאָן, נאָכהער איז ער געגאַנגען צו די הויכע בערג, אָבער אַלע האָבען איהם געענטפערט, אַז זיי האָבען אייגענע טראָבעלס, אויך זיי וועלען ווען עס איז מוזען אונטערגעהן און משה איז דאַמאָלס ווידער געקומען צו כביכול און האָט זיך ביטער צרוויינט :

— גרויסער גאָט, שענק מיר מיין לעבען! איך האָב נאָך אזוי ווייניג געלעבט, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט, נור גיעב מיך ניט איבער צום מלאך המות אין האַנד.

כביכול האָט דאַן זיין שאַרפען בליק אויף משה'ן געוואָרפען, און אויף משה'ן איז אַגרויסע אימה געפאַלען.

— איך האָב צוויי שבועות געשוואָרען, האָט כביכול אויסגעשריען, ענטוועדער אַלע אידען זאָלען חס ושלום פערלאָרען ווערען, אָדער דו אליין זאָלסט שטאַרבען. יעצט גיעב איך די ברירה איבער דיר אין האַנד — קלייב אליין אוים ווער עס זאָל שטאַרבען, דו? אָדער דאָס גאַנצע אידישע פאָלק?

— געוויס איך! האָט משה פּראָמפּט געענטפערט. דאָס זיינען אַנדערע ווערטער, איידער חס ושלום דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, זאָל איך בעסער און טויזענד אַזעלכע ווי איך, פערלאָרען געהן. אָבער מיר טהוט שרעקליך וועה מיין האַרץ אויף מיין מוטער יוכבד, ווי וועט זי דעם בראָך אריבערטראָגען? צוויי קינדער האָט זי שוין בעגראָבען, יעצט אַ דריטען......

— פּערפאַלען, אזוי מוז עס בלייבען. דו מוזט שטאַרבען, עס איז געקומען די צייט, אַז יהושע מוז ווערען דער מלך איבער די אידען.

— דאָס אַרט מיך ניט, האָט משה אויסגערופען, און אַ שטראַהל האָפנונג פיר לעבען האָט אין זיין מח אויפגעבליצט. אויב עס ווענדעט זיך נור אין דעם זאָל יהושע זיין דער מלך, דער רב, און איך וועל ווערען זיין קנעכט, זיין תלמיד, איך וועל עס טהאָן מיט פרייד....

— אויב דו ווילסט אזוי איז גוט, האָט גאָט געענטפערט, און משה איז באַלד אוועק צו יהושע'ן אין געצעלט, און האָט זיך געשטעלט ביי דער טהיר, כעני בפתח וועהרענד יהושע איז דאַן געזעסען און האָט געזאָגט תורה צו די אידען און האָט ניט געזעהן אַז משה שטעהט ביי דער טהיר איינגעבויגען און פערשטעלט די געזיכט אזוי אַז מען זאָל איהם ניט דערקענען.

אין איינינע מינוט אַרום האָבען איהם דאָך מאַנכע אידען דערקענט און זיינען אויפגערעגטע צוגעלאָפען מיט אַ געשריי צו יהושע:

— וואָס איז דאָס ? דו זיצסט און דיין רבי משה שטעהט ביי דער טהיר בעני בפתח ? !

ווען יהושע האָט אַ קוק געטהאָן צו דער טהיר ווי מען האָט איהם אָנגעצייגט און ער האָט דערזעהן משה'ן שטעהן מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ , האָט ער אויף זיך צוריסען די קליידער און איז מיט אַ געוויין צוגעלאָפען צו משה'ן.

— מיין רבי מיין הערר, וואָס שטעהסט דו ביי דער טהיר ? האָט ער געשריען מיט אַ ציטערנדער שטימע, און אַלע אידען האָבען אָנגעהויבען שרייען :

— משה ! משה ! קום אַרויף און לערען אונז תורה !

— איך טהאָר נימ. האָט משה געענטפערט.

— מיר וועלען דיך פון דאַנען נימ אַרויסלאָזען ! דו מוזט מיט אונז לערנען תורה. האָבען זיך געהערט קולות פון אַלע זייטען, ביז עס איז מיט אַמאָל אַראָב אַ בת קול פון הימעל און האָט אויסגערופען :

לעהרענט תורה פון יהושע !

די אידען האָבען דאָן איינגעזעהן אַז אַזוי איז גאָט'ס ווילען און זיי האָבען זיך בערוהיגט, און געלערענט תורה פון יהושע. משה האָט זיך געזעצט פון דער רעכטער האַנד, אלעזר פון זיין לינקע האַנד און יהושע איז געזעסען אין מיטען און האָט געזאָגט תורה פאַר כל ישראל.

אָבער נאָך'ן לערנען, ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען פון בית המדרש זיינען די אידען געקומען צו משה'ן און האָבען איהם געבעטען :

— לערען אונז, גיעב אונז צו פערשטעהן דאָס וואָס יהושע האָט מיט אונז געלערענט

— איך קען עס נימ טהאָן, האָט משה געשטאַמעלט, און איז אַוועק אין אַ ווינקעל, האָט זיך גוט אויסגעוויינט און האָט אויסגערופען :

— רבונו של עולם ! גענוג, יעצט איז געקומען די צייט ווען איך וויל שוין אַליין שטאַרבען !

און אַ בת קול איז אַראָב פון הימעל און האָט אויסגערופען :

— משה דו האָסט נאָך איין שעה צו לעבען !

משה האט דאן אנגעפאנגען בענשען איטליכען שבט בעזונדער. דערנאך האט ער דערזעהען אז די צייט איז קורץ האט ער געבענשט כל ישראל צוזאמען.

— משה האט נאך א האלבע שעה צו לעבען! האט זיך מיט אמאל ווידער געהערט א בת קול פון הימעל

און משה האט אנגעפאנגען מחילה בעטען, ביי די אידען:

— איך האב אייך פיעל מאל מצער געווען. נאך אלעמען זייענען מיר דאך ניט מעהר ווי שטערבליכע מענשען. זייט מיר מוחל.

— דו דארפסט גאר אונז מוחל זיין! האבען אלע געשריען. מיר האבען דיך מעהר מצער געווען ווי דו אונז!

און אזוי איז פאראיבער די צייט מיט מחילה בעטען ביז ס'איז אראב א בת קול און האט אויסגערופען:

— משה האסט נאך בלויז איין רגע צו לעבען.

און משה'ס לעצטע ווערטער זיינען געווען:

— ברוך שמו חי וקים לעולם ועד!

דאביי האט ער ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף'ן הארצען און זיין נשמה איז ארויף צום כסא הכבוד.

דער מדרש זאגט אז קיין מענש און קיין מלאך האט זיך בעשעפטיגט מיט משה'ס קבורה, נור כביכול אליין...

זיין תפלה, דאס ער זאל ניט שטארבען דורכ'ן מלאך המות האט איהם דער רבונו של עולם באוויליגט. ער איז געשטארבען בנשיקה....

צו דיספוטירען וועגען רעליגיאן איז נאריש. אויף דער וועלט זיינען דא פופצעהן הונדערט מיליאן מענשען. וואס רעדען איבער דריי טויזענד שפראכען און גלויבען אין טויזענדע פערשיעדענע אמונות. עס איז דעריבער אונמעגליך, אז אלע זאלען קענען הארמאנירען אין אמונה זאכען.

שפינאזא.

עקב

לאָמיר יעצט אין די גרויסע היצען לערנען א ביסעל די פרשה עקב

לערנען מאַכט קיינמאָל ניט קאַליע. אויסער דעם וואָס ווען מען לערענט מעהר ווייסט מען מעהר, האָט דאָס לערנען נאָך א מעלה — דערווייל זינדיגט מען א ביסעל ווייניגער.

און וואָס ווייניגער מען זינדיגט אַלץ געזינטער איז עס פאַר'ן מענשען.

עס זיינען דאָ לייטע וואָס טראָגען זיך שטענדיג אַרום מיט א וואָג אין קעשענע און האַלטען אין איין וועגען די מצות מיט די עבירות. זיי זוכען רק גראָבע, שווערע מצות; זיי גלויבען, אז פאַר א שווערע מצוה וועלען זיי קריגען א שווערע שטיק לויתן, דאריבער לאָזען זיי די לייכטע מצות פאַר אַנדערע.

געגען אַזעלכע לייטע וואָס טראָגען זיך אַרום מיט אַן אַפּטעי־קאַרסקע וואָג אין קעשענע, האָט רבי אבא בר כהנא אָנגעפאַנגען זיין דרוש אויף'ן פּסוק „והיה עקב תשמעון". מיט פאָלגענדען פסוק פון משלי: אורח חיים פן תפלס, נעו מעגלותיה, לא תדע

דאָס מיינט אין אידיש: אויב דו וועסט וועלען וועגען דעם וועג פון לעבען, די מצות וואָס דו טהוסט, צו טהאָן נאָר גרויסע מצות מיט דער האָפנונג אז פאַר גרויסע מצות וועסט דו קריגען מעהר שכר, וועסט דו אראָבבלאָנדזשען פון'ם רעכטען וועג, ווייל מיר קליינע מענשעלאָך קענען גאָר ניט ווייסען, וועלכע מצוה איז א שווערע און וועלכע א לייכטע; וועלכע מצוה איז גרעסער און וועלכע קלענער.

דאָס איז די הויפּט אורזאַכע וואָרום די תורה שרייבט ניט בע־שטימט דעם שכר פון יעדער מצוה, גאָט האָט ניט געוואָלט

דער מענש זאל וויסען וועלכע מצוה עס איז א לייכטע און וועל־כע א שווערע, ער האט געוואלט אז ביים מענשען זאלען זיין אלע מצות גלייך.

רבי חייא ערקלעהרט עס מיט א משל.

א קעניג האט אמאל געהאט א וויינגארטען און ער האט אריינגענומען א סך גערטנער זיי זאלען איהם פלאנצען נייע פער־שיעדענע בוימער. ער האט זיי אבער ניט געזאגט וואס פאר א פרייז ער וועט זיי בעצאהלען פאר יעדען קלענערען און גרעסערען בוים, וויל ער האט געוואוסט אז ווען זי' וועלען ערפאהרען פריהער די פרייזען וועלען זיי נור פלאנצען די בוימער פאר וועל־כע דער פרייז איז א גרעסערער און די בוימער און פלאנצונגען פאר וועלכע דער פרייז איז קלענער וועלען זיי גאר ניט פלאנצען, און דער וויינגארטען וואלט געבליעבען ניט געענדיגט.

דאס זאגט רבי חייא. איז אויך די אורזאכע וואָרום גאט האט ניט ערקלעהרט דעם שכר פון יעדער מצוה, ווען ער זאל עס געווען טהאן וואלטען די לייכטע מצות ניט געטהאן געווארען.

רבי שמעון בן יוחאי זאגט, בלויז ביי צוויי מצות האט גאט פריהער ערקלעהרט וואס פאר א שכר מען וועט דערפאר האבען. איינע איז גאר א גרינגע מצוה, די מצוה פון שילוח הקן, פון וועלכער דער שכר איז והארכת ימים, און איינע איז גאר א שווערע מצוה, די מצוה פון כבוד אב, ביי וועלבער דער שכר ווערט אויך ערקלעהרט, למען יאריכון ימיך.

און דערפון זאגט רבי שמעון בן יוחאי, דארפען מיר פער־שטעהן אז דער שכר איז א גלייכער פאר קליינע אזוי גוט ווי פאר גרויסע מצות.

והיה עקב תשמעון — די חכמים זאגען, אז דאס מיינט מען אזעלכע מצות וואס פארערען א גאנג, עקב איז דער טייטש טרעט, און דער פסוק לערענט אונז, אז ווען מען דארף איינעם א

טובה טהאָן זאָל מען זיך ניט פוילען צו געהן און צו לויפען. קיין אונטערשיעד אין וואָס פיר אַ וועטער.

תורת משה האָט איבערהויפט בעאָ־זיכטיגט איינצופלאַנצען גוטע גוטע מדות ביי אידען, אַלע אידען זאָלען לעבען פריינדליך, אין אמת'ע אחדות ווי איין משפחה. איינער זאָל נעהמען אין צווייטען אינטערעסע; ווען איינעם איז שלעכט, זאָל ער פיהלען אַז ער האָט טרייע ברידער וואָס וועלען איהם ניט לאָזען פאַלען; ברי־דער וואָס וועלען, זיך צו יעדער צייט ניט פוילען און לויפען איינער פאַר'ן אַנדערען אין פייער און אין וואַסער, און דאָס מיינט דער פסוק והיה עקב תשמעון, ווען איהר וועט טהאָן די אַלע גוטע טהאָ־טען, וואָס פאָדערען געהן און לויפען פיר'ן אַנדערען — דאַן, ושמר ד' לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך.

והיה עקב תשמעון — זעהר פיעל הענגט אָפּ אין מענשען'ס גאַנג, אין די טריט וואָס ער מאַכט. עס זיינען דאָ מענשען וואָס געהען מיט אַזאַ שטאָלץ און מיט אַזאַ ברייטקייט, ווי זיי וואָלטען האָבען אַ מאָרטגיידזש אויף גאַנץ עולם הזה. עס איז גאָר צו זיי קיין גלייכען ניטאָ, מיינען זיי, און טאָמער זיינען זיי רייך, ווילען זיי שוין גאָר קיין אָרימאַן ניט בעגעגענען אפילו, און מיינען אַז די גאַנצע וועלט איז נור בעשאַפען, געוואָרען פון זייערט וועגען, זיי קומט אַלעס און דעם צווייטען גאָר נישט. דער והיה עקב תשמעון איז דעריבער אַן אָנצוהערעניש, דער מענש זאָל וויסען ווי צו געהן, מען זאָל ניט פערדרייסען דעם קאָפּ ווען מען איז רייך, און ניט צעהלען די טריט און דענקען אַז איהר טהוט גאָר אַ גרויסע טובה דער ערד וואָס איהר טרעט אויף איהר.

נעדאַנקען ווי בריליאַנטען לאָזען זיך בעהאַלטען. געפיהלען ווי פאַרפיומען לאָזען זיך באַלד דערפיהלען. — געטהע.

די חיה ווייזט אַרויס איהר נאַטור ווען זי זעהט בלוט, און דער מענש — ווען ער זעהט געלד. — שאָפּענהויער.

ראה

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.

אין דיעזען קורצען פסוק שפיגעלט זיך אפ דאס גאנצע לעבען פון דעם מענשען.

ראה, קוק זיך צו מענש, און דו וועסט זעהען, אז א זאך וואס זאל זיין דורכאוים גוט, איז גאר אויף דער וועלט ניטא. אלעס איז צוזאמענגעמישט פון גוטעס מיט שלעכטעס. עס איז ניטא קיין אבסאלוטע שלעכטס און קיין אבסאלוטע גוטס.

אנכי נותן לפניכם היום איך גיעב אייך דעם טאג פאר א ביישפיעל. ניט אימער איז ליכטיג, ניט אימער איז טאג. אט איז טאג און אט איז נאכט, און אפילו אין מיטען טאג קומען אויף אפט פינסטערע כמארעס און פערשטעלען דאס ליכטיגקייט פון דער זון.

אזוי איז דאס גאנצע לעבען פון מענשען צוזאמענגעשטעלט פון ברכה וקללה...

כי ירחיב ד׳ אלהיך את גבולך ווען עס געהט דיר גוט, זאלסט דו ערשט דאן ניט פערגעסען, אז עס קען אמאל אין מיטען טאג קומען א כמארע און פערשטעלען די ליכט פון דער זון.

כי ירחיב ד׳ אלהיד את גבולך — דער מדרש פאארט צוזאמען דעם פסוק מיט א צווייטען פסוק פון משלי : „מתן אדם ירחיב לו".

דאס מיינט , אז ווען דער מענש איז גוט אין כאראקטער, ווען ער שטיצט דעם געפאלענעם און העלפט אבווישען מענשליכע טרעהרען, דאס אליין איז די אמת׳ע הרחבה פון א מענשען. עס גיעבט ניט קיין בעסערע און ערהאבענערע פערגעניגען ווי צו טהאן צדקה אויף א פיינעם וועג. דאס איז די שעהנסטע

מדה פון אַ מענשען. מען קען פערצייהען איינעם די גרעסטע זינד, קוים נאָר איז ער אַ מענש מיט האַרץ און נשמה וואָס פיהלט דעם צווייטען'ס קרעכץ, איז ער אַלל ראַיט.

דער מדרש זאָגט אויף מתן אדם ירחיב לו, אַז וואָס מעהר דער מענש גיט צדקה אַלץ מעהר העלפט איהם גאָט. דער מדרש דערצעהלט דערביי פאָלגענדע געשיכטע

רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי עקיבא זיינען אַמאָל געקומען צו זעהר אַ פרומען אידען, וועלכער איז געוועזן שרעקליך אָרים. ער האָט זיי אפילו ניט געהאַט מיט וואָס זיי מכבד צו זיין. דאַביי האָט ער פערשטאַנען אַז זיי געהען מסתמא צוזאַמען קלייבען אַ נדבה פיר אַ וויכטיגען צוועק. און ער האָט זיך זעהר געערגערט וואָס ער האָט זיי ניט וואָס צו געבען.

נאָך אַ קורצע בעראַטהונג מיט זיין פרוי איז נעבליעבען אַז, אַזוי ווי ער האָט נאָך אַ שטיקעל אייגענע פעלד, זאָל ער באַלד האַלב דערפון פערקויפען, צו זיין שכן, וועלכער וויל עס שוין פון לאַנג ביי איהם קויפען, און דאָס וועט איהם אַרויסנעהמען פון דער פערלעגענהייט.

אַזוי איז געוועזן. ער איז אַריינגעלאָפען צום שכן און האָט מיט איהם שנעל אָפּגעמאַכט די טראַנזעקשאַן, געגומען האַנד־געלד און האָט די דריי רבנים געגעבען עסען און טרינקען און אַ שעהנע נדבה.

פאַר'ן אוועקגעהן האָבען איהם די רבנים געבענשט, אַז גאָט זאָל איהם אָפּגעבען כפל כפלים.

אין אַ קורצע צייט אַרום, ווען דיעזער גוטער מענש איז גע־גאַנגען אַקערען אין דעם פיצעל פעלד וואָס איז איהם נאָך גע־בליעבען, האָט זיך די ערד געעפענט אונטער זיינע אַקסען, און איין אַקס איז מיט אַ פוס אין גרוב אַריינגעפאַלען און האָט זיך די פוס צובראָכען. שלעפענדיג דעם אַקס פון גרוב האָט דער מאַן דערזעהן דאָרט אַן אוצר פון גאָלד און זילבער. ער האָט דעם אוצר אַרויסגענומען און איז זעהר רייך געוואָרען.

אָט דאָס הייסט מתן אדם ירחיב לו.

דער מדרש גיט דאצו א פיינעם משל.

איינער איז א מאל געקומען צו א אידען וואס האט געלד און זאגט צו איהם:

— טהוט מיר א טובה און בארגט מיר א דאלאר.

— איך האב טאקע געלד, האט איהם דער איד געענטפערט, אבער ווי קען איך דיר בארגען, אז איך קען דיך ניט, און וויים ניט ווער און וואס דו ביזט.

— טרייעט, האט איהם דער ארימאן געזאגט, עס איז דאך ניט מעהר ווי א דאלאר. גלויבט מיר, איך וועל אייך דעם דאלאר מיט דאנק אפגעבען.

דער רייכער איד האט איהם דעם דאלאר געגעבען, און דער ארימאן האט ווירקליך בעצאהלט, נאכהער האט ער איהם געבארגט פינף, צעהן און פינף־און־צוואנציג דאלאר, און די קאסע איז פאר איהם אימער געווען אפען.

אזוי זאגט דער מדרש, טרייעט גאט אויך דעם מענשען. ער מאכט איהם רייך, אויב ער האלט ווארט און צאהלט איהם געלד, ער טהוט צדקה און בארגט גמילות חסדים, גיט איהם נאכהער גאט כפל כפלים, דער רייכער איז אנגעשטעלט ביי גאט אלס א גבאי צדקה, ער זאל עס ריכטיג טהיילען צו ארימע און נויטהבעדירפטיגע טהוט ער עס ריכטיג איז גוט, ווען ניט נעהמט ער ביי איהם צו די קאסע און אפאינטעד אן אנדער גבאי אויף זיין פלאץ.

כי ירחיב ד' אלהיך את גבולך ואמרת אוכלה בשר. די תורה לערענט אונז דערמיט א ביסעל פאליטישע עקאנאמיע. א מענש וואס וויל אויסלעבען זיינע יאהרען רוהיג און אנשטענדיג, זאל ער לעבען מיט חשבון. אלע אונגליקען קומען דערפון וואס מען פוילט זיך צוזאמענצורעכענען די אונטערשטע שורות פון איינגאהמע און אויסגאבע.

ווען איינער פערדיענט צעהן דאלאר א וואך און ספענדעט נור 9, איז ער גוט אפ און האט קיין מורא ניט פאר'ן דלות, און ווען א צווייטער פערדיענט 50 דאלאר א וואך און ספענדעט איין און פופציג, מוז ער סוף כל סוף פערנעהמען פרעמדע געלד און בעגעהען כל הפסלנות, און ווען אם ענדע ענדיגען זיינע יאהרען אין הקדש אדער אין געפענגניס.

רבי אליעזר בן עזריה זאָגט: ווען אַ מענש האָט אַ גולדען זאָל ער עסען רעטעך מיט ציבאָלעס, ווען ער האָט הונדערט מעג ער עסען אַלע טאָג פלייש. אָבער צו עסען גוטע מאכלים און פיהרען אַ ברייטען טיש אויף'ן חשבון פון גראָסער דאָס האָט קיינער קיין רעכט ניט.

עשר תעשר — עשר בשביל שתתעשר, עשר כדי שלא תתחסר.

רבי יוחנן זאָגט: גיעב מעשר כדי דו זאָלסט רייך ווערען, און אַבוואָהל גאָט טהאָר מען קיינמאָל צו פּרוב ניט שטעלען, אָבער ביי מעשר און צדקה מעג מען עס יאָ. ווי אין פסוק שטעהט: ובחנוני נא זאת. גאָט זאָגט: פּרובט מיך מיט צדקה און מיט מעשר געבען און איהר וועט זיך דאַן איבערצייגען, אַז איך גיעב אָב צעהן מאָל אַזוי פיעל פאַר דעם וואָס איהר גיט אַוועק דעם אָרימאַן.

די וועלט פיהרט זיך, אַז ווען איינער גיט דעם אַנדערען אַ פעלד צו אַקערען און זייהען און שניידען, גיט ער איהם דערפון אַ דריט־חלק, אָדער אַ פערט־חלק. וועהרענד גאָט גיט דעם רעגען און די טהוי, און פערלאַנגט ניט מעהר ווי מעשר, דאָס איז בלויז אַ צעהנט־חלק.

לא תאמץ את לבבך. זאָלסט ניט האָבען קיין אייזערנע האַרץ, ווען דו שענקסט אַ נדבה זאָלסט דו עס טהון גוטמוטהיג. זאָלסט דעם אָרימאַן ניט זידלען און איהם ניט רופען שנאָרער. ווען איהר זענט געבאָרען געוואָרען האָט איהר ביידע איין קאַפּיטאַל געבראַכט אויף דער וועלט און ווען איהר וועט שטאַרבען וועט איהר ביידע מיטנעהמען גלייך געלד אויף יענער וועלט.

רבי ינאי האָט אַמאָל געזעהען ווי איינער האָט געגעבען אַ נדבה אין סטריט אום אַ סך מענשען זאָלען עס זעהען איז רבי ינאי צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם געזאָגט:

— עס וואָלט בעסער געווען דו זאָלסט דעם אָרימאַן גאָר ניט געווען געגעבען איידער דו זאָלסט איהם געבען און זאָלסט איהם מבייש זיין.

אונזערע חכמים האבען אזוי פיעל געוויכט געלעגט אויף צדקה אז זיי האבען אויסדריקליך געזאגט אז דער וואס גיט ניט קיין צדקה איז גלייך ווי ער דיענט עבודה זרה.

עס זיינען דא מאסען רייכע אידען אין יעדער שטאדט, וואס זיינען אין דיעזער הינזיכט ריכטיגע עבודה זרה'ניקעס. זיי גיעבען ניט א פענני טשאריטי ניט צו יחידים און ניט צו אינסטיטושאנס. זיי שטעהען פון וויימען פון אלע כלל זאכען, און מיינען אז זיי זיינען יוצא מיט צדקה דערמיט וואס זיי טריטען אפט צו א סאפער און צו א טהעאטער זייערע שעהנע טייפרייטערינס.

פאר אזעלכע אידען האט דאס אידישע פאלק קיין יוז ניט, און גאט דארף זיי אוודאי אויף כפרות.

לא תאמץ את לבבך. ווען דו האסט קיין געלד ניט צו געבען דעם ארימאן, גיעב איהם אם וועניגסטענס גוטע ווערטער, טרייסט איהם. ער זאל ניט זיין פערצווייפעלט. ווייל פיעלע אונגליקליכע נעהמען זיך דאס לעבען נור דערפאר וואס זיי האבען פון קיינעם קיין גוטווארט, קיין טרייסט ניט געהערט.

לא תאמץ את לבבך ווערט געזאגט צו דעם וואס וויל געבען נור ער האט קיין געלד ניט. פאר די וויעדער וואס האבען געלד זאגט דער פסוק לא תקפוץ את ידך. זאלסט ניט צושליעסען דיין האנד. האב אן אפענע האנד פאר יעדען אונגליקליכען וואס קען זיך ניט העלפען און מוז אויסשטרעקען זיין האנד.

נתון תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'.

די גאנצע קאנסטיטושאן פון צדקה און וואהלטהאט ליעגט אין דעם דאזיגען קליינעם פסוק. עטליכע ווערטער בלויז, און יעדער ווארט איז א בריליאנט.

נתון תתן מיינט זאלסט געבען צו ביסלאך און אפט איידער צו ווארטען און געבען נאכהער מיט אמאל א גרויסע נדבה פון טוי־זענד דאלאר. אלע וואס גיעבען טויזענדער. אדער אם וועניגסטענס די מעהרסטע פון זיי. טהוען עס אום די גאנצע וועלט זאל פון זיי

ריידען. זיי ווילען אז מען זאָל זייערע נעמען צופּויקען אין די ציימונגען, וואָס פאר געוואַלטיגע פילאַנטראָפּען זיי זיינען.

בעסער, זאָגט דער פסוק, נתון תתן, גיעב אָפּט קלענערע נדבות, נור אָהן טאַראַראַם. און ווען דו מוזט איינעם געבען איינמאָל און צוויי מאָל, לא ירע לבבך, ווער ניט אין כעס, נישט־קשה, עס איז זעהר מעגליך דו אַליין זאָלסט אַמאָל דאַרפען אָנקומען לידי מתנת בשר ודם. כי בגלל הדבר הזה, גלל דערמאָהנט אין דעם וואָרט גלגל, די וועלט איז אַ גלגל החוזר, דאָס רעדעלע דרעהט זיך, היינט ביזט דו רייך און יענער איז אָרים, מאָרגען קען יענער ווערען דער גביר און דו דער קבצן.

שופטים

היינטיגע פרשה האָט צו טהאָן מיט גרעפט.

פון עביג אָן האָבען זיך געפונען מענשען וואָס האָבען ליעב געהאַט אַ לייכטען דאָלאַר צו פערדיענען, אָדער אַריינצוכאַפּען בשתיקה, קיינער זאָל ניט וויסען. אָבער די גאַנצע וועלט צו מאַכען עהרליך און פרום איז זעהר אַ שווערע הלכה, און די תורה זאָגט אונז דאַריבער אָן שטרענג, אַז מיר זאָלען זעהן אַם וועניגסטען אונזערע דזשאַדזשעס, אונזערע ריכטער, אונזערע פּאָליס־לייט און די אַלע וואָס דאַרפען אַכטונג געבען אויף געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, זאָלען זיין עהרליכע מענשען; זיי, אַם וועניגסטען, זאָלען ניט זיין קיין גרעפטערס. מען זאָל זיי ניט קענען אונטער־קויפען מיט אַ דאָלאַר צו מאַכען פון שוואַרץ וויים און פון וויים שוואַרץ.

אַ געזעלשאַפט וואו עס עקזיסטירט גרעפט און כאַבאַר קען ניט בליהען און האָבען ערפאָלג אין לעבען. אין אַ געזעלשאַפט

וואו מען ווייסט. אז מיט כאבאר קען מען זיך אויסקויפען פון אלעס, מוז זיך ענטוויקלען גניבה. וגזילה און די געזעלשאפט איז דארט קיינמאל ניט זיכער מיט די פערמעגענס אזוי גוט ווי מיט די לעבענס. מיר האבען לעבעדיגע ביישפיעלע פאר די אויגען פון רוסלאנד און טירקיי. צוויי לענדער וואס זיינען איינגעטונקט אין כאבאר, און זיינען דעריבער איבעראל און אין אלעם הינטערשטע־ליג נעגען אלע אנדערע לענדער.

שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך — זאלסט אוועקשטעלען ריכטער און אויפזעהער אין אלע דיינע טהויערען.

אין ספר יצירה ווערען אנגערופען טהויערען אלע אברים פון מענשען דורך וועלכע עס קומען אריין אין מענשען די איינדריקע פון אלע זאכען אין דער וועלט.

שבעה שערים בנפש, זיעבען טהויערען זיינען דא אין מענשען, זאגט דער ספר יצירה. צוויי אויגען, צוויי אויערען, דאס מויל, אוןביידע נאז־לעכער.

און דער של"ה הקדוש זאגט דארויף, אז דער פסוק שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך איז א רמז ווי אזוי אן אנשטענדיגער מענש דארף זיך אויפפיהרען אין לעבען.

דו זאלסט אוועקשטעלען ריכטער און אויפזעהער ביי אלע דיי־נע טהויערען, דאס הייסט, זאלסט אכטונג געבען אויף אלעם וואס געהט אריין און ארויס פון דיינע אברים וואס הייסען טהויערען. די אויגען זאלען ניט זעהען וואס מען דארף ניט, די אויערען זאלען ניט הערען וואס מען דארף ניט, דאס מויל זאל ניט ריידען וואס מען דארף ניט. און די נאז זאל ניט שמעקען וואס מען דארף ניט.

לא תטה משפט ולא תקח שוחד — דו זאלסט ניט פערבויגען קיינעמ'ס רעכט און זאלסט ניט נעהמען קיין כאבאר. ווי באלד מען נעהמט „שחד" מוז מען זיין „תטה". די חכמים גיעבען דערצו א פראכטפאלען רמז. „שחד" איז „שין", „חית", „דלת". אז מען בייגט אראב די „שין" קומט די „ת". אז מען בויגט אראב די „ח" קומט די „ט", און אז מען בויגט אראב די „ד" קומט

די „ה", ווערט עס גלייך תטה. דאָס איז מרמז אַז אַזוי שנעל ווי מען נעהמט „שחד" קומט באַלד צו „תטה משפט".

שופטים ושוטרים תתן לך — דער ריכטער דאַרף זיך אַליין אויף משפט'ן ריכטיג ווי ער משפט אַנדערע. די גמרא זאָגט, אַז דער ריכטער דאַרף אין אַלע זיינע האַנדלונגען אין לעבען זיין אַ מוסטער פון עהרליכע אויפפיהרונג.

צוויי מענשען, דערצעהלט אונז די גמרא, זיינען געקומען צו ר' חנינא צו האָבען פאַר איהם אַ דין תורה.

— דיעזער מאַן, האָט איינער גע'טענה'ט, האָט אַ בוים ביי זיך אין פעלד נעבען מיין גאָרטען, און די צווייגען פון בוים הענגען אַריבער איבער די בייטען פון מיין גאָרטען אַזוי אַז די זון קען ניט צוקומען צו מיין גרינוואַרג. וואָס איך האָב פערזעעט, און עס וואַקסט זעהר שלעכט.

דער אַנדערער האָט ניט געלייקענט. ער האָט בלויז ערקלעהרט, אַז עס איז אַ שאַדע צו נעהמען אַזאַ טהייערען בוים און אָבהאַקען.

רבי חנינא האָט אויסגעהערט די טענות און האָט זיי געהייסען קומען מאָרגען, וועט ער זיי אַרויסגעבען דעם פסק.

די בעלי בתים האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט פאַר וואָס דער רב לעגט אָב דעם פסק דין אויף מאָרגען, אָבער זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען, און זיינען דערווייל אַוועק אַהיים אָהן אַ פסק.

דאָס וואָס רבי חנינא האָט דעם פסק אָבגעלעגט האָט אָבער געהאַט אַ גוטע אורזאַכע. גראָדע האָט ער אַליין אויך געהאַט אַזאַ בוים, וואָס די צווייגען זיינען אַריבער אין דעם שכן'ס גאָרטען, ווייל קיינער האָט איהם דאַרויף ניט אויפמערקזאַם געמאַכט ביז יעצט.

איצט אָבער ווען עס איז ביי איהם פאָרגעקומען אַזאַ מין דין תורה, האָט ער ביינאַכט גענומען און באַלד אָבגעהאַקט דעם בוים. אויף מאָרגען זיינען די בעלי הדין געקומען און ער האָט אַרויסגעגעבען זיין פסק, אַז דער מאַן מוז דעם בוים אָבהאַקען.

— ווי קענסט דו אזא פסק ארויסגעבען, האט דער מאן געזאגט, אז דו אליין האסט דאך א בוים וואס געהט אריבער איבער דיין שכנ'ס גארטען ?

— דער פסק איז ריכטיג, האט רבי חנינא געלאסען געענט־פערט דעם מאן, טהו ווי איך האב געטהאן.

שופטים ושוטרים. שופטים אלו הדיינים, שוטרים אלו הפרנסים שמנהיגין את העדה. רבי אלעזר אומר אם אין שוטר אין שופט..

דאס איז א קאפוליער אנצוהערעניש אז מיר קענען ניט הא־ קיין ריכטיגע רבנים און קיין ארדנונג אין די רבני'שע אנ־געלעגענהייטען, ביז מיר וועלען ניט האבען פריהער ריכטיגע בעלי בתים וואס זאלען פיהרען אלעס וואס עס בעלאנגט צו דער געמיינ־דע מיט א פלאן און מיט א טאלק. עס מוזען זיין בעלי בתים, וואס זאלען אויף זיך טראגען די פעראנטווארטליכקייט פון די צרכי קהלה. עס וואקסען רבנים ווא שוועמלאך, זיי קומען און קרוינען זיך אליין מיט'ן נאמען רב און טהוט זיי עפעס. עס מוז דאך זיין א שיעור און א גרענעץ: אזוי פיעל רבנים דארפען מיר, און אזוי פיעל רבנים קענען מיר אויסהאלטען, אזא רב ווילען מיר יא, און אזא רב ווילען מיר ניט. עס איז א הפקר וועלט. און דאס איז אויך דיא אורזאכע ווארום איין רב שרייט אז דער אנדערער טויג ניט, ווייל זיי האבען ניט איבער זיך קיין בעלי בתים, זיי האבען ניט פאר וועמען אבצוגעבען דין וחשבון, און אם אין שוטר אין שופט, אזוי לאנג ווי מיר וועלען ניט האבען קיין מנהיגים קיין בעלי בתים שמנהיגין את העדה, האבען מיר קיין רבנים ניט. דערווייל האבען מיר נור א סך רב הכולל'ס, אבער קיין איינציגען געוועהנליכען רב, וואס זאל זיין אנערקענט פון וויכטיגע ערוועהלטע שטאדט בעלי בתים.

טהו ניט קיין זאך, וואס זאל דעם צווייטען מאכען אונבעקוועם, אדער וואס זאל פערלעצען זיינע געפיהלען. תלמוד.

כי תצא

כי תצא למלחמה על אויביך. אז דו וועסט ארויסגעהן מלחמה האַלטען מיט דיין פיינד. וראית בשביה אשת יפת תואר, און דו וועסט דערזעהן אין געפענגנים אַ שעהנע פרוי. ולקחת לך לאשה, קענסט דו זי דיר נעהמען פאַר אַ ווייב.

קיין מוז איז עס ניט, און קיין מצוה אויך ניט, נור אויב דיין יצר הרע האָט דיך אַזוי בעהערשט, אַז דו קענסט זיך ניט העלפען, נעהם זי צו דיר אַהיים, און דער סוף וועט זיין, אַז דו וועסט נאָכהער האָבען גרויסע צרות; ווען דו וועסט מיט איהר האָבען אַ זוהן וועט ער זיין אַ בן סורר ומורה, מען וועט איהם מוזען פערשטיינען, און דו וועסט זיך פערשילטען די יאָהרען אויף'ן שלעכטען שריט וואָס דו האָסט געמאַכט.

דער תנא חיים זאָגט, אַז מען מיינט דאָ ניט דוקא אַזאַ מלחמה וואו מען שיעסט מיט קאַנאָנען און מען בעהאַלט זיך אין טרענ־טשעס. דאָס גאַנצע לעבען פון מענשען איז אַ מלחמה, וואו איינער טרייעט אַוועקצונעהמען דעם צווייטען'ס טעריטאָריע. מיר בעגעגענען אין לעבען זעהר אָפט ווי איינער וואַרפט אַן אויג אויף זיין פריינד'ס שעהנע פרוי. אין זעלבען מאָמענט ווערט ער זיין פריינד אַ שונא און ערקלעהרט געגען איהם מלחמה. נאַטירליך דיפּלאָמאַטיש, מיט'ן מויל רעדט ער שלום, נור טיעף אין הארצען ארבייט ער אוים אַלע זיינע מלחמה פּלענער.

ער קומט צו דער פרוי און פאַנגט מיט איהר אַן איינצו'טענה'ען ווי אין ביבעל שטעהט:

— עס איז אויף אייך אַ גאָט'ס רחמנות; אַזאַ שעהנע, אַזאַ ליעבליכע פרוי ווי איהר זענט, און וואָס פאַר אַ לעבען האָט איהר ביי אייער מאַן? איהר זענט דאָך שטענדיג איינגעשפּאַרט ווי

אין א פריזאן, אייער מאן זיצט דעם גאנצען טאג ביי ביזנעס, האט נאר אין זינען געלד צו מאכען, און קימערט זיך גאר ניט, וואס איהר זעהט ניט אן די ליכטיגע וועלט. עס איז א הימעל־שרייענדער פערברעכען, אז אזא בריליאנטענע ווייבעלע ווי איהר, זאל ניט אויספאהרען אין קוני איילענד, אין ראקאוועי, אין לאנג ברענטש, און פיהלען אז איהר לעבט מיט אלע מענשען גלייך. איינ־מאל לעבט מען! ווען איהר וועט עלטער ווערען, וועט אייער ליעבליכע שעהנהייט פערשוואונדען ווערען, און קיינער וועט אויף אייך דאן קיין קוק אפילו ניט וועלען טהאן. פרוי! לעבט זא לאנג איהר זענט יונג!

ווי טראפען וואסער אויף א שטיין פאלען זיינע ווערטער אויף דער יונגער פרוי׳ם הארץ און לאזען דארט וואס ווייטער אלץ טיעפער און טיעפער א צייכען.

טאג איין טאג אוים האלט ער פאר איהר אזעלכע פארטרעגע מיט גרוים התלהבות, ביז די ווערטער פאנגען אן צו ווירקען אויף איהר נשמה און זי פאנגט אן קעלטער ווערען צו איהר מאן, וועל־כער ארבייט טאג און נאכט אום עהרליך און אנשטענדיג זיין פרוי און קינדער מפרנס צו זיין.

זי פערנאכלעסיגט ענדליך די הויז, די גאנצע היים ווערט צובראכען, און ערשט נאכהער זעהט זיך די פרוי ארום אז זי איז פערפיהרט געווארען. איהר מאן בעמערקט נאטירליך איהר ענדע־רונג, ווארפט אויף איהר אן אום־חן, אין הויז פאנגט זיך אן קריעג, ביז דער מאן קומט מיט א צובלוטיגט און צוואוועהטאגט הארץ און מיט א צובראכען געמיטה, און פערטרייבט זי פון שטוב צו־זאמען מיט א שטיק פון זיין נשמה.

אין אזא פאל, מיינט דער כי תצא למלחמה על אויביך: ווען דו וועסט ארוים אין אזא מלחמה פון „וראית בשביה אשת יפת תואר”, דו וועסט דער שעהנער פרוי איינרעדען אז זי איז אין נעפענגנים, זי האט ניט קיין גוטען לעבען ביי איהר מאן, און דו וועסט אזוי ווייט ברענגען, אז דער מאן וועט זי ארויסטרייבען און וועט זי גט׳ען איבער דיר; אין אזא פאל, ולקחת לך לאשה, זיי באטש אם וויינינגסטען אזוי פיעל מאן, זאלסט זי ניט פארלאזען דאן אליין צו פיהרען איהר קאמפף פארן לעבען, האב אם ווענינ־

סטען דו מיט איהר חתונה. און זאָל דיך דיין געוויסען ניט פּלאַ־גען אז דו האָסט צובראַכען אַ פאַמיליע וואָס האָט געלעבט גליק־ליך און צופריעדען, ביז דו ביסט ווי דער שלאַנג צו זיי אין הויז געקומען און פערוואַנדעלט זייער היים אין אַ יאַמערטהאַל.

און באַלד נאָך דעם געפינט זיך די פרשה פון אַ בן סורר ומורה, ווייל עס איז גאַנץ נאַטירליך, אז אויף אַ פוילען בוים קענען קיין גוטע עפּעל ניט וואַקסען, אזא טאַטע מוז ברענגען אַ בן סורר ומורה.

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה... ורגמהו כל אנשי עירו באבנים ומת; ובערת הרע מקרבך.

לויט די חכמים ערקלעהרען הייסט אַ בן סורר ומורה דער וואָס האָט אויפגעגעסען אליין אַ האַלב פונט פלייש און אויסגע־טרונקען אַ האַלבע קוואַרט שטאַרקע וויין.

רבי יוסי פרעגט דאַרויף אַ וויכטיגע קשיא: פאַר וואָס קומט עס אזא שווערע שטראָף פון פערשטיינען איינעם בלויז דערפאַר וואָס ער האָט איפגעגעסען אַ האַלב פונט פלייש און אויסגעטרונ־קען אַ האַלבע קוואַרט וויין?

אבער דער תירוץ איז, אז פון אזא באַי וועט שוין קיין תכלית ניט זיין; און וואָס עלטער אַלעס ערגער וועט ער ווערען. ער שניידט זיך אויף אַ גענגסטער. פריהער וועט ער גנב'ענען געלד ביים טאַטען, נאָכהער ביי פרעמדע, אַם ענדע וועט ער ווערען אַ רויבער און אַ מערדער, ווייל שכרות און פרעסעריי האָט קיין גרע־נעץ, און עס איז דאַריבער בעסער פאַר איהם און פאַר דער וועלט מען זאָל איהם באַצייטענס אַבראַמען פון וועג. ובערת הרע מקרבך.

שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך — למען ייטב לך והארכת ימים.

דאָ זעהען מיר די גרויסע מדה פון רחמנות, וואָס משה האָט געטרייעט איינצופלאַנצען אין די אידישע הערצער. עס איז גאַנץ מעגליך אז די אריכות ימים פון אידישען פאָלק, דאָס וואָס אזוי פיעל אַלטע פעלקער זיינען שוין אונטערגעגאַנגען און דאָס אידישע פאָלק, וואָס שטעהט אויס אזוי פיעל עינוים קשים, איז דאָך פער־בליבען אין עקזיסטענץ, קומט נור דערפון וואָס ביי אידען איז

זעהר שטארק איינגעווארצעלט געווארען די מדה פון רחמנות. איין, איד דעם אנדערען לאזט ניט פאלען, און ווען עס האלט שמאל מיט אידען אין איין לאנד, קומען די אידען פון א צווייטע לאנד זיי צו הילפע.

שלח תשלח את האם... ווען דו קומסט צו א נעסט פון פייגעל און דו ווילסט נעהמען די פייגעל, זאלסט דו די מוטער פריהער אוועקשיקען און דערנאך זאלסט דו נעמען די קינדער, כדי די מוטער זאל ניט צוזעהן דעם צער פון איהרע קינדער.

שלח תשלח את האם, ואת הבנים תקח לך. דאס איז א נאבעלע אנצייגונג צו אונז מיר זאלען אויסהאלטען קינדער־גארדענס און בתי יתומים. שיקט אוועק די ארימע מוטערס, זיי זאלען קענען געהן זוכען ארבייט מיט רוהיגע קעפ, און די קינדער נעהמט ביי זיי צו, גיט איהר אויף זיי אכטונג ווען זייערע מוטערס זיינען אזוי אונ־גליקליך אז זיי מוזען אליין זיין די ברויט־געבער און זארגען פיר חיונה.

עס איז א שטיקעל גליק וואס ווייבער לערנען ניט קיין מדרש, ווען נור זיי וואלטען לערנען היינטיגע פרשה, וואלטען זיי זיכער נערופען א פראטעסט מיטינג צו פראטעסטירען, געגען רבי לוי, וועלכער וואגט זיך צו זאגען, אז ווייבער האבען פיער שלעכטע מדות:

זיי האבען לאנגע העלדזער, גלייבען א סך נאשען, ווי מיר געפינען ביי חוה, אז זי האט קיין סך טענות ניט געמאכט און גלייך געכאפט נאשען פון עץ הדעת.

זיי האבען לאנגע אויערען, ווילען זיך אונטערהערען צו אלעם וואס מען רעדט כאטש עס בעלאנגט גאר ניט צו זיי, ווי מיר געפינען ביי שרה, ושרה שומעת, שרה האט אלץ געוואלט הערען.

זיי זיינען רק מקנא אנדערע, ווי מיר געפינען ביי רחל, אז זי האט שרעקליך מקנא געווען איהר שוועסטער לאה, פאר וואס יענע האט געהאט קינדער, און זי ניט.

זיי זיינען זעהר פויל, קוים וואס זיי ריהרען זיך. ווי מיר געפונען ביי שרה, אז אברהם האט אויף איהר אנגעשריען, מהרי

שלוש סאים קמח! געה גיך, און נעהם זעמעל־מעהל, א סימן: אז זי איז געגאנגען פאַוואַליע.

די חכמים זאָגען, אז רבי לוי האָט פערגעסען רעכענען נאָך צוויי שלעכטע מדות וואָס ווייבער האָבען אין זיך:

באלד ווערען זיי בייז און אין כעס ווי מיר געפונען ביי שרה׳ן, אז זי איז שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף אברהם פאַר דער נעשיכטע פון הגר.

זיי גלייבען א סך ריידען, ווי מיר געפינען ביי מרים, זי האָט געהאַלטען אין איין ריידען.

כי תבא

אין היינטיגער פרשה פון וואָך זעהען מיר דעם טרויעריגען שיקזאל פון אידישען פאָלק געשילדערט אין א פּאָר פסוקים, אלס א וואָרנונג וואָס איז אונז געגעבען געוואָרען אין פאָראויס, וואָס פאַר א סוף מיר וועלען האָבען, ווען מיר וועלען זיך ניט אויפ־פיהרען ריכטיג, ווי עס פּאַסט פאַר אן אויסערוועהלטען פאָלק וואָס דאַרף זאָרגען פאַר א צוקונפט.

די תורה זאָגט אונז אליין, ניט פערשטעלט און אהן דריידלאך, אום אַלע זאָלען עס וויסען און נעהמען אין אכט:

„והיה אם לא תשמע בקול ה׳ אלהיך לשמור, לעשות את כל מצותיו וחוקותיו אשר אנכי מצוך היום, אין פאַל דו וועסט ניט פאָלגען זיך אויפצופיהרען אנשטענדיג און עהרליך ווי גאָט האָט געבאָטען, זאָלסטו ניט מיינען אז נאָר אויף יענער וועלט וועט עס דיר שאַדען, עס וועט דיך אויך אויף דער וועלט רואינירען.

„עס וועט קומען א צייט, זאָגט אונז די תורה, והיית ממשש בצהרים, און דו וועסט טאַפּען און זוכען א וועג אין מיטען העלען טאָג, כאשר ימשש העור באפילה, ווי א בלינדער טאַפּט אין דער

פינסטער, ולא תצליח את דרכיך, און וואס דו וועסט טהאן וועסטו קיין הצלחה נים האבען. והיית אך עשוק וגזול, מען וועט דיך האלטען אין איין בערויבען און בע׳גזל׳ענען: ואין מושיע, און אין דער גאנץ גרויסער וועלט וועט זיך נים געפינען קיין איינציגע לאנד וואס זאל זיך וועלען אננעהמען דיין קריוודע און זאל דיר וועלען העלפען.

„והיית לזועה לכל ממלכות הארץ. אלע קעניגרייכען פון דער וועלט וועלען דיך האסען. בניך ובנותיך נתונים לעם אחר, דיינע זיהן און טעכטער וועלען זיך אויסשמדען. ועיניך רואות וכלות, און דיינע אויגען וועלען עס זעהען און וועלען בלינד ווערען פון געוויין.

„קיין אונטערשיעד וואו דו וועסט זיך געפינען, צווישען אנ־דערע פעלקער, וועסטו אלע קיין רוהע נים האבען. ובגוים ההם לא תרגיע, ולא יהיה מנוח לכף רגליך, ונתן ה׳ לך שם, און נאט וועט דארט דיר געבען, לב רגז ובליון עינים ודאבון נפש, א צור־וועהטאגטע הארץ, די אויגען וועלען אימער ארויסקוקען מאיז יבוא עזרי, און די נשמה וועט זיין צובראכען און נידערגעשלאגען.

„והיית לשמה למשל ולשנינה בכל העמים.

זאגט אייך וואס איהר ווילט,מעג זיין ווי פריי־געזאנען, מוז מען נתפעל ווערען פון דער פינקטליכקייט מיט וועלכער עס איז מקוים געווארען אויף די אידען די אלע שרעקליכע קללות פון „והיה אם לא תשמע בקול ה׳ אלהיך״!

והיית לשמה, למשל ולשנינה בכל העמים. ווי ריכטיג, איז פולען זינען פון די ווערטער, דאס איז אויף אונז מקוים געווארען: מאסקווא און אטלאנטא, בערלין און פאריז, לאנדאן און רוים, ווי פערשיעדען זיי זיינען מיט זייערע אנבליקען אויף דער וועלט, אבער אויף די אידען קוקען זיי אלע מיט די זעלבע אויגען. אלע טרייען גלייך צו ערפילען דער תורה׳ס נבואה ווען עס האנדעלט זיך אום אידען: והיית אך עשוק וגזול ואין מושיע.

פאר אונז קליינע מענשלאך איז עס אונמעגליך צו בעגריי־פען, וואס פאר א חטא האבען מיר בעגאנגען דערמיט וואס מיר האבען מקבל געווען די תורה? ווארום זייגען אלע נאציאנען וואס

זיינען ניט געשטאַנען אויפ׳ן בארג סיני מעהר מיוחסים פון אונז? וואָס זיי מעגען אַלעס און מיר טאָרען כמעט אַזוי גוט ווי גאָר ניט? פאַר וואָס זיינען זיי פּטור פון יראת שמים פון יראת הבריות און מיר דאַרפען מורא האָבען אפילו פאַר טייוואַלים? דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וועלכע מיר קענען ליידער ניט בעגרייפען; ווי מיר קענען מיט אונזערע קליינע מוחות ניט בעגרייפען פיעלע אַנדערע געטליכע געהיימניסע. אָבער די פאַקטען ווי מיר זעהען זיי פּערטיגע, צייגען אַ מאָדנע פּונקטליכקייט, ווי אַלעס ווערט ערפילט ריכטיג אויף אַ האָר, ווי אונזער גרויסער מחוקק משה האָט אונז פאַראויסגעזאָגט אין אונזער קליינער תורה׳לע, וואָס קאָסט אונז שוין אַפּ אַזוי פיעל בלוט און טרעהרען.

עס זיינען דאָ חכמים וועלכע דענקען אַז זיי ווייסען אַלעס, און זיינען אַלעס מבטל. זיי טרייען מיט פערשיעדענע השערות צייגען אַז אַלעס איז גאָר ניט מיט גאָר ניט. דאָס דערמאָנט מיר אַן דער געשיכטע מיט צוויי חסידים, וואָס זיינען אַ מאָל אין אַ שבת צו נאַכט געגאַנגען שפּעט פון אַ מלוה מלכה און האָבען גערעדט פון דעם רבי׳ס תורה. דער רבי האָט דאַן גראָדע געזאָגט עפּעס וועגען „ביטול היש״, דאָס הייסט אַז דער מענש איז גאָר נישט.

אויב אַזוי, האָט איין חסיד געזאָגט צום צווייטען, בין איך גאָר נישט, דו ביזט גאָר נישט און מירביידע זיינען גאָר נישט.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען דער אַבכאָד, און איינער פון די זעלנער האָט אַ געשריי געטהאָן:

קטאָ טאַם? (ווער איז דאָרט?)

קיינער ניט, האָט איינער פון די חסידים געענטפערט, איך בין גאָר ניט, ער איז גאָר ניט, מיר זיינען ביידע גאָר ניט.

דער סאָלדאַט האָט אָבער ניט געוואָלט וויסען פון „בטול היש״ און האָט ביידע חסידים גע׳הרג׳עט, גע׳ממית׳ט און צובלוטיגט, אַז זיי זיינען קוים מיט׳ן לעבען אַוועק אין קלויז און האָבען זיך ארומגעוואַשען דאָס בלוט.

ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען, זאָגט איין חסיד צום צווייטען: יעצט זעה איך וואָס פאַר אַ שוטה דער מאָסקוויטער איז!

ווענען האט ער דען געשלאגען? אז איך בין גאר ניט, און דו ביזט גאר ניט און מיר זיינעןביידע גאר ניט.

וועגען די פערשידענע פילאזאפען איבער הימלישע זאכען האב איך אמאל געהערט א פיינע גוט־אידישע ערקלעהרונג פון טאל־נער רבי'ן:

איינער, זאגט ער, איז אמאל געלאפען שנעל אין גאס וועגען פרנסה זאכען. לויפענדיג האט ער בעמערקט א רעדעל מיט מענשען זיינען געשטאנען און האבען עפעס דעבאטירט וועגען א וויכטיגע אנגעלעגענהייט. ער האט ניט געוואוסט וואס זיי שטעהן דארט און וואס זיי רעדען. צו זיין אויער איז בלויז דערפלויגען איין איינציגעס ווארט פון איינעם וואס איז געשטאנען אין רעדעל, און דאס ווארט איז געווען „איך".

ווען דער איד, וואס איז געלאפען וועגען פרנסה, איז שפע־טער אהיים געקומען און האט זיך געזעצט טרינקען א גלעזעל טהעע, האט ער דאן גענומען קלעהרען, וואס פאר א רעדעל מיט מענשען זיינען עס דארט געשטאנען און איבער וואס האבען זיי זיך אזוי מתוכח געווען. פון דעם ווארט „איך" וואס ער האט גע־כאפט לויפענדיג, האט ער געטרייעט צוזאמענשטעלען די גאנצע געשיכטע, וועגען וועלכע די לייט האבען גערעדט שוין שטונדען לאנג, און נאטירליך איז עס געווען אן אומזיסטע קאפ־דרעהעניש. ווען לייטע שטעהען שטונדען לאנג און דעבאטירען וועגען אן אנ־געלעגענהייט קען מען פון כאפען אן איינציגען ווארט ניט וויסען אום וואס דא האט זיך געהאנדעלט, ווען מען זאל אפילו זיין מיט צעהן קעפ.

פונקט דאס זעלבע, זאגט דער רבי, איז מיט'ן מענשען וואס טרייעט צו טרעפען די געהיימניסע פון אונזער וועלטעל.

„מיר קומען אלע אויף א ווײלע, מיר לויפען בלויז דורך די גאס. ווען מיר זיינען געקומען זיינען שוין דאס רעדעל מענשען גע־שטאנען, און ווען מיר געהען אוועק בלייבט נאך דאס רעדעל

מענשען אַלץ שטעהען וויא געווען. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס זעהען זיך אַן די פּאָאַר יאָהר וואָס דער מענש לעבט. אין דער יצירה? ער איז בלויז דורכגעלאָפען און געכאַפּט אַ וואָרט, היינט זוער קען זיין אַ חכם און וויסען אַלעם ווען ער קומט אָן אין מיטען און געהט אַוועק אין מיטען הערענדיג בלויז דעם איינציגען וואָרט „איך"?

והיית ממשש בצהרים, כאשר ימשש העור באפילה, דו וועסט טאַפּען אין מיטען העלען טאָג ווי דער בלינדער אין דער פינסטער־ניס. די גמרא דערצעהלט אונז אַ מגילה, אַז ר' יוסי האָט דעם דאָזיגען פּסוק ניט געקענט פערשטעהען. וואָס איז דאָס דעם בלינ־דען אַן אונטערשיעד אויב עס איז ליכטיג אָדער פינסטער?

אָבער דורך אַ צופאַל איז איהם דער פּסוק ערקלעהרט געוואָ־רען.

איינמאָל איז רבי יוסי געגאַנגען שפּעט ביי נאַכט און האָט בעגעגענט אַ בלינדען טראָגענדיג אַ לאַנטערן.

— צו וואָס דאַרפסטו דעם לאַנטערן? — האָט איהם רבי יוסי געפרעגט — וואָס מאַכט דיר דען אויס אויב עס איז ליכטיג אָדער פינסטער?

איך דאַרף ניט דעם לאַנטערן פאַר מיר — האָט אָער בלינדער געענטפערט — איך טראָג דעם לאַנטערן פאַר אַנדערע, זיי זאָלען מיך ניט אַנשטויסען און, אַז איך קום צו אַ גרוב וועלען זיי מיך ניט לאָזען אריינפאַלען.

— איצט פערשטעה איך דעם פּשט פון דעם פּסוק „כאשר ימשש העור באפילה" — האָט רבי יוסי געזאָגט און עס האָט איהם שטאַרק געפרעהט, וואָס יעדער וואָרט אין דער תורה האָט אַ בע־דייטונג, ניט בלויז געזאָגט, גלאַט אין דער וועלט אריין.

ווער עס ליעבט זיין פרוי ווי זיך אַליין און גיט איהר אָב כבוד מעהר ווי זיך זעלבסט, און גיט זיינע קינדער אַן ארענטליכע ער־ציהונג, און מאַכט זיין זוהן חתונה אין דער צייט — דער לעבט אין פריעדען.

בן סירא.

נצבים-וילך

מיר זיינען א פאלק, וואס ענטוועדער מיר שטעהען, אדער מיר געהען. זיצען לאזט מען אונז ניט.

רצה יעקב לישב בשלוה. יעקב וואלט שוין זעהר געוואלט פערזוכען אמאל דעם גוטען טעם פון זיצען רוהיג מיט אלע פעלקער צוגלייך, אבער מען לאזט נישט. כאטש שריי אני שלמה.

אין חכמה ואין עצה ואין תבונה כנגד שלעכטע קארטען.

עס העלפט ניט וויפיעל מיר סטארען זיך צו זיין רוסען, פראנצויזען, דייטשען, ענגלענדער, אמעריקאנער — עס ליעגט אויף אונז א סארט קין'ס צייכען, דורך וועלכען מען דערקענט אונז גלייך, און מען לאזט אונז ניט איינזיצען רוהיג.

פעלקער וואס זיינען האלב־ציוויליזירט מאכען מיט אונז קיין צערעמאניעס ניט, זיי הייסען אונז פשוט נעהמען דעם וואנדערשטעקען אין האנד און געהען וואוהין די אויגען וועלען אונז טראגען, אבי זיי זאלען אונז מעהר ניט זעהן.

און די פעלקער, וועלכע, וואס שטעהען העכער אין ציוויליזאציאן, און שעהמען זיך גלאט אין דער וועלט אריין נעהמען מענשען און ארויסטרייבען, אהן א פאר־וואס, זיי מאכען די זעלבע געשיכטע אביסעלע אנדערש, ערדלער, פיינער, מעהר הייגטוועלטיג. זיי מאכען אונז אזוי ענג אז מיר מוזען אליין אנטלויפען.

דער רעזולטאט איז דער זעלבער. „נצבים־וילך" מיר שטעהען איבעראל ווי אויף א פרעמדער פוהר, אט־אט ווארפט מען אונז ארונטער פון דער עגלה און מען הייסט אונז געהן.

האום, סוויט האום; היים, זיסע היים, איז א ליעד וואס אלע פעלקער זינגען מיט פערשיעדענע נוסחאות און מיט אזוי פיעל בעגייסטערונג, אז אלע אונאנגענעהמליכקייטען פון לעבענסקאמפף ווערען דא פערגעסען, מען פיהלט די זיסקייט פון א זיכערע,

ליעבליבע היים, וואָס פערהיילט אַלע וואונדען, און פערלייכטערט אַלע שמערצען. „האָום סוויט האָום" — אַלע פעלקער האָבען אַזאַ ליעד, נור מיר ניט. אַלע פעלקער האָבען אַ היים, וואו אויס־צורוהען זייערע גליעדער, נור מיר זיינען ווי צובראָכענע שאַרבענס. מיר האָבען ווי אַלע מענשען צוויי הונדערט און אַכט און פערציג גליעדער, אַבער קיין איינער ניט קיין גאַנצער. און ווי קען עס אַנדערס זיין אַז מיר האָבען קיין היים און קיין רוהע, און עס געהט ביי אונז אימער צוזאַמען נצבים־וילך?

ווען איהר וועט גוט בעטראַכטען דעם גלות אידען, און וועל־כער פון יעקב'ס אייניקלעך איז דען ניט קיין גלות איד? וועט איהר זעהען, אַז זיינע אויגען זיינען האַלב פערטראַכט און האַלב דערשראָקען, זיי לויפען אַהין און אַהער, גלייך ווי זיי זוכען וואו זיך צו בעהאַלטען, און זיינע ליפען זיינען בלאַס און ציטערען, און זיינען שטענדיג מוכן ומזומן אַרויסצורעדען: „אַט לויף איך"!

כי אבי ואמי עזבוני — מיין פאָטער און מיין מוטער האָבען מיך פערלאָזט.

אַט האָט מיט בעלגיען אַז אונגליק געטראָפען, מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער היים, און אַ וועלט האָט מיט זיי מיטלייד, מען שיצט זיי און מען שטיצט זיי פון אַלע זייטען; עס געפינען זיך זאָגאַר מענשען וואָס זיינען פערטיג צו זאַמלען אַ פאָנד פון ביליאָנען דאָלאַרס און זיי צוריק אָבקויפען זייער היים, און מיר זיינען ווי פערשאַלטענע יתומים, אויף וועלכער קיינער וויל זיך ניט אומקוקען, ווי אונזער גרויסער פּאָעט פרוג האָט געשילדערט דאָס שיקזאַל פון אידישען פאָלק:

איך האָב ניט קיין פאָטער,
קיין שטאַרקען, קיין שטאַלצען,
וואָס זאָל מיך בעשיצען
מיט קראַפט אין דער האַנד
פון אומעט פון צווייפעל,
פון טרויער, פון שאַנד.

איך האָב ניט קיין מוטער,
קיין ליעבענדע מוטער,
פאַר וועמען ענטדעקען
מיין ביטערעס הערץ,
וואָס זאָל מיט די טרייע
און פריינדליכע ווערטער
מיך רעטען פון קראַנקהייט,
מיך טרייסטען אין טרויער,
און היילען מיין שמערץ...

נור דוא, מיין בעשעפער,
דו שטאַרקער, דו גרויסער,
אַלמעכטיגער גאָט!
נור דו ביסט מיר איינער
געבליעבען אין לעבען,
פון אייביג ביז אייביג,
מיין שילד און מיין זעגעל —
בעהיט און בעשיץ מיך
פון שאַנד און פון שפּאָט!

אתם נצבים היום — דער מדרש טרויסט אונז מיר זאָלען ניט זיין פעסימיסטיש און פערצווייפעלט אפילו אין די ערגסטע צייטען. אתם נצבים היום, זאָגט ער, מיינט אַז איהר שטעהט אין דער־זעלבער מדרגה ווי דער טאָג. איידער דער טאָג איז געקומען און עס איז ליכטיג געוואָרען איז פריהער געווען נאַכט, פינסטער; דער נאָך ערשט איז ליכטיג געוואָרען. אתם נצבים היום, איהר זענט אין זעלבען צושטאַנד ווי דער טאָג, פריהער ליידט איהר, אָבער עס וועט ענדליך טאָג ווערען, והיה לך ד' לאור עולם, דאַן וועט אייך שוין פיר אימער ליכטיג זיין.

ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב ואת המות ואת הרע ובחרת בחיים, למען תחיה אתה וזרעך.

דער אוהל יעקב גיט צו פערשטעהען דעם פסוק מיט אַ משל: איינער האָט געהאַלטען אַן ארבייטער אויף'ן טאָג. פאַרנאַכט האָט ער דעם ארבייטער בעצאָהלט זיינע וויידזשעס און האָט איהם אנגעזאָגט: זעה, דו זאָלסט זיך אויפ'ן וועג ניט אריינכאַפּען אין אַ סאַלון און פערטרינקען די פּאָאַר סענט. ברענג דאָס געלד אַהיים. דיין ווייב און קינדער זאָלען האָבען וואָס צו עסען. דאָס זאָגט דער פּסוק ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב, זעה איך גיעב דיר דאָס לעבען און דאָס גוטס, ובחרת בחיים, זאָלסט דו אויסקלייבען דאָס לעבען און דאָס גוטס למען תחיה אתה וזרעך, כדי דו און דיינע קינדער זאָלען לעבען, ריכטיג ווי דער בעל הבית האָט אנגעזאָגט דעם ארבייטער.

דער מדרש פערגלייכט דאָס לעבען פון מענשען צו אַ שיף מיט פּאַסאַזשירען וואָס האָבען זיך אוועקגעלאָזט אויף'ן ים אין מרחקים. זיי זיינען אָבגעפאָהרען אַ שטיק צייט און האָבען קיין יבשה ניט געזעהען. מיט אַמאָל איז געקומען אַ ווינט און האָט די שיף צוגעפיהרט צו אַ גרויסען בארג. וואָס האָט זיך געפונען אין מיטען ים און אויף'ן בארג זיינען געווען זעהר שעהנע בוימער מיט טהייערע פרוכטען און גוטע קוואַל־וואַסער. נאַטירליך האָט זיך יעדען געוואָלט ארויפגעהן אויף'ן בארג און עפּעס געניסען, אָבער נאָך פערשיעדענע איבערלעגונגען, ווען יעדער פּאַסאַזשיר האָט גענומען טראַכטען וואָס צו טהאָן, האָבען זיך די פּאַסאַזשירען דאָן אנגעטהיילט אין פינף גרופּען.

איין גרופּע האָט גאָר ניט געוואָלט ארויסגעהן פון שיף.

— טאָמער, זאָגען זיי, קומט אָן אַ שטורם און וועט אוועקיאָגען די שיף, לוינט זיך ניט איבער די ביסעל פרוכט און אַ ביסעל פּלעזשור צו בלייבען דאָן אויף'ן בארג און פערלאָרען געהן, אַז קיינער וועט אַפילו ניט וויסען, וואו אונזער געביין איז אהינגעקומען.

די צווייטע גרופּע איז ארויפגעגאַנגען אויף'ן בארג, האָבען געכאַפּט עטליכע פרוכט, אַ טרונק וואַסער, און זיינען באַלד צוריק אין שיף אריין, האָבען זיך בעקוועהם געמאַכט סיטס און אוועקגעזעצט.

די דריטע גרופּע איז אַרויס פון שיף אויף'ן באַרג און האָבן אַזוי לאַנג געריסן פרוכט און געגעסן, ביז אַ ווינט איז געקומען און די מאַנשאַפט פון שיף האָבן אָנגעהויבן טרומייטן מען זאָל שנעל אַריין אין שיף. זיי זיינען דאַן צוריקגעלאָפן, אָבער זיי הבען שוין פאַר זיך קיין ריכטיגע פּלעצער ניט געקענט געפינען, ווייל די וואָס זיינען געקומען פריהער האָבן די בעסטע פּלעצער פערכאַפּט און זיי איז שוין געוואָרן עטוואָס ענגער.

די פיערטע גרופּע האָבן געהערט דאָס טרומייטן, אָבער זיי האָבן זיך ניט געאיילט, זיי האָבן זיך גאַנץ לאַנגזאַם געגעסן און געטרונקען, און האָבן געזאָגט, אַז ביז מען וועט אויפשטעלען דעם זעגעל־בוים, ביז די שיף וועט זיך אָנהויבן ריהרען, האָבן זיי נאָך דערווייל צייט גענוג צו האָבן אַ גוד טיים אויף'ן באַרג; די ענדע איז געווען, אַז ווען די שיף האָט זיך אָנגעהויבן ריהרען, האָבן זיי ערשט דאַן גענומען לויפען פון באַרג, און האָבן גע־מוזט בראָדזשען ביז'ן האַלדז אין וואַסער, איידער זיי זיינען אַריין אין שיף, און אַ ענדע האָבן זיי שוין זייער אָרט גאַנץ ענג גע־פונען.

די פינפטע גרופּע האָבן געגעסן און געטרונקען אויף'ן באַרג און האָבן גאָר ניט געטראַכט צו קומען אין שיף, ביז די שיף איז שוין געווען לאַנג אַוועקגעגאַנגען און זיי זיינען געבליעבען אויף'ן באַרג. ווען עס איז געקומען ווינטער, און די פרוכטען זיינען אַלע אַבגעפאַלען, און עס איז געוואָרען נאַס און קאַלט, זיינען זיי אַלע קראַנק געוואָרען, אַס ענדע זיינען געקומען פערשיע־דענע ווילדע חיות און האָבן זיי אין שטיקער צוריסען און זיינען אַלע פערלאָרען געגאַנגען.

אַזוי ווערען איינגעטהיילט אין פינף גרופּען די אַלע פּאַסאַזשי־רען וואָס פאָהרען אויף דער גרויסער וועלט שיף פון לעבען.

דער באַרג מיט פרוכט און קוואַל וואַסער, זיינען די תענוגים וואָס זיינען פערוויקעלט מיט זינד. זעהענדיג אַלע פּלעזשורס פון אַן עבירה, וואָלטען אַלע אַ בעלן געווען אַרויסגעהן אויף'ן באַרג, אָבער די ערשטע גרופּע, די גאַנץ גרויסע מענשען, די צדיקים, זיי היטען זייערע ערטער, איבער אַ ביסעל פערגעניגען וועלען

זיי ניט ריזיקירען זייערע גרויסע נשמות, און זיי בלייבען דאַריבער אין שיף.

די צווייטע גרופּע זיינען דיעזע קלאַסע מענשען, וואָס וועד־רענד זיי זיינען יונג, מעשה קונדס, ערלויבען זיי זיך עטוואָס, אָבער באַלד זעהען זיי זיך אָרום אַז זיי קענען רואינירט ווערען אויף אייביג, און זיי לויפען באַלד צוריק אין, שיף אריין.

די דריטע גרופּע בעשטעהט פון אַזעלכע מענשען וואָס האָבען פאַר אַ על חטא קיין מאָל קיין מורא ניט געהאַט, נור ווען זיי ווע־רען אַלט, און הויבען אָן מורא האָבען, אַז אַט קומט דער מלאך המות, דאַן ערשט נעהמען זיי לויפען פון בארג אין שיף אריין. נאַטירליך דיעזע לייטע טרעפען אַ גאַנץ ענגען פּלאַץ אין, שיף.

די פיערטע זיינען די מענשען וואָס וואַרטען ביז מען קומט שוין מיט זיי זאָגען ווידוי, זאָגסט ריהרען זיי זיך פון אָרט ניט. זאָגאָר דאַן דענקען זיי אַז עס וועט זיי נאָך געלינגען, אריינצוגעהען אין שיף.

די פינפטע גרופּע איז פון אַזעלכע וואָס קעהרען גאָר ניט, זאָל די שיף אַוועקגעהען, זיי וועלען פון באַרג מיט די גוטע פרוכטען ניט אַראָב...

צור ילדך תשי, ותשכח אל מחוללך.

דער „אוהל יעקב" ערקלעהרט אונז דיעזען פּסוק מיט אַ פיי־נעם משל:

ראובן איז שולדיג געווען געלד צו שמעון, דעם וואָכערניק, וועלכער האָט איהם זעהר שטאַרק דערקוטשעט און האָט איהם ניט געלאָזט רוהען. ראובן איז דאַן אַוועק צו זיינעם אַ גוטען ברודער און האָט איהם געזאָגט:

— איך בעט דיך, פריינד, גיעב מיר אַן עצה ווי אַזוי איך זאָל זיך אַרויסדרעהען פון שמעון דעם וואָכערניק'ס הענד, ער מאַכט מיר דעם טויטט, און איך האָב ניט אַ פּעני, חאָטש לעג זיך און שטאַרב!

— איך האָב אַ גוטע עצה, האָט איהם דער פריינד געענטפערט, מאַך זיך כלומר'שט אַז דו ביסט משוגע געוואָרען, ווען שמעון

וועט צו דיר קומען מאהנען געלד, זאלסט דו אנהויבען טאנצען און שפרינגען, און מאכען משוגע׳נע הועיות, און זאלסט רעדען ווי א משוגע׳נער. אז ער וועט דאס דערזעהן וועט ער אוועק און שוין מעהר צו דיר ניט קומען.

ראובן האט אזוי געטהון, און די עצה האט איהם אבגעגאלטען. ווען שמעון איז געקומען נאך געלד און ער האט דערזעהען אז ראובן איז משוגע געווארען איז ער אוועק און האט איהם מעהר ניט געמאהנט.

אין א צייט ארום איז געקומען ראובן צו זיין פריינד און האט ביי איהם געבעטען א גמילת־חסד אויף א פאאר טעג און דער פריינד האט עס פאר איהם גערן געטהאן. ער האט קיין צוויי ווער־טער ניט גערעדט, האט ארויסגענומען וויפיעל ער האט פון איהם געבעטען און האט איהם דערלאנגט.

ווען עס זיינען פאראיבער די פאאר טעג און ראובן האט דעם פריינד די געלד ניט אבגעבראכט איז דער פריינד געגאנגען צו ראובן׳ען אהיים מאהנען, און שטעלט זיך פאר זיין איבערראשונג, ווען אנשטאט איהם צו בעצאהלען, האט ראובן אנגעהויבען טאנ־צען און שפרינגען און מאכען משוגע׳נע הועיות און רעדען ווי א משוגע׳נער.

דער פריינד איז אן אויפגעקאכטער געווארען.

— דו שלעכטער מענש ! — האט ער אויסגעשריען, — איך האב דיר געגעבען די עצה זיך מאכען משוגע פאר אן אנדערען, אבער ניט פאר מיר ! אט נעהם איך א שטיק אייזען און צור־שפאלט דיר דעם קאפ ! מיין געלד גיעב מיר, דו געמיינער נפש!

דער נמשל איז, זאגט דער „אוהל יעקב", אז גאט האט געגע־בען דעם מענשען די נאטור צו פערגעסען א סך זאכען כדי די וועלט זאל האבען א קיום. ווען דער מענש זאל צום ביישפיעל ניט פערגעסען אז ער דארף שטארבען, וואלט ער קיינמאל ניט חתונה געהאט, קיינמאל קיין הויז ניט געבוים, קיין גארטען ניט געפלאנצט און די וועלט וואלט קיין קיום ניט געהאט. דאס מיינט דער פסוק צור ילדך תשי, גאט האט דיך בעשאפען מיט דער נאטור צו פערגעסען, צום סוף ותשכח אל מחוללך, פערגעסט דו גאר אין גאט אליין. פערגעס אנדערע זאכען וואס מען דארף פערגעסען

למען קיום העולם, אבער ניט אין גאָט וואָס האָט דיר געגעבען די טבע צו פערגעסען.

האזינו

האזינו השמים ואדברה, ותשמע הארץ אמרי פי.

דער בעל הטורים זאָגט דאָרויף, אז משה האָט די ווערטער געערדט ניט צום הימעל און ניט צו דער ערד, ניט דער הימעל און ניט די ערד האָבען זיך געזינדיגט אין מוסר. הימעל און ערד ערפילען זייער מיסיאָן אויף דער וועלט גאַנץ עהרליך. טראַבעל איז נור מיט די מענשעלעך אויף דער ערד.

האזינו השמים מיינט דעם סאָרט אידען וועלכע זיינען גרויס און רייך און שטאָלץ, די וואָס פערדרייסען דעם קאָפּ אַרויף צום הימעל, און מיינען אז זיי האָבען שוין אָנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד ; ותשמע הארץ אמרי פי מיינט די אָרימערע קלאַסע אידען, וואָס זיינען אָרים און שפּל און שלעפּען זיך אָרום ווי שאָטענס אויף דער ערד, — דיעזע ביידע קלאַסען אידען זאָלען גלייך צו־לעגען די אויערען און הערען וואָס משה זאָגט, פאַר די ערשטע וועט עס זיין אַ מוסר און פאַר די לעצטע אַ טרייסט.

אָבער ניט בלויז הערען, מיט הערען אַליין, איז מען ניט יוצא.

יערוף כמטר לקחי, תזל כטל אמרתי, כשעירים עלי דשא, וכרביבים עלי עשב. ווען די טהוי פאַלט אויף גראָז און דער רעגען בעשפּרענקעלט דאָס פעלד, גיעט דאָס פעלד דער פאַר עפּעס צוריק. ער גיבט אַרויס גרינוואַרג און תבואות, וואָס איז אַזוי גוט ווי קעש. דאָס זיינען זייערע נדבות וואָס זיי געבען. אַזוי זאָלען זיך די אידען פיהרען, זיי זאָלען פאָלגען וואָס זיי הערען,

און געבען קעש צו העלפען זאָט מאַכען די הונגעריגע, בעקליידען די נאַקעטע, פערלייכטערען די וואונדען פון קראַנקע, דאַן וועלען מיר האָבען אַ בעסערע וועלט. אַ וועלט אין וועלכער עס וועט ווערטה זיין צו לעבען.

וזאת הברכה

וזאת הברכה, דער מדרש זאָגט, אַז אַזוי ווי די תורה איז אַ ברכה פאַר'ן מענשען, אַזוי איז אַ גוטע פרוי.

ווען איינער האָט אַ גוטע פרוי, אַרבייט זי פלייסיג אין הויז, גיט אַכטונג אויף'ן מאַן, מיט די קינדער, האָט ניט אין זינען קיין נאַרישקייט, לויפט ניט אַלע ווייל? צו זעהן מואווינג פּיקטשורס, טהיילט צדקה צו אָרימע לייט, און דער מאַן מיט די קינדער קענען רוהיג לעהרנען און זיין אַנשטענדיגע מענשען.

שקר החן והבל היופי, שעהנקייט אליין אין אַ פרוי איז גאָר ניט. ווען אַ פרוי איז ניט אַנשטענדיג און פיהרט זיך ניט אויף ריכטיג, ברענגט איהר שעהנהייט מעהר אונגליק ווי גליק פאַר איהר אַזוי גוט ווי פאַר איהר מאַן און איהרע קינדער.

תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב. ויהי בישרון מלך, בהתאסף ראשי עם, יחד עם שבטי ישראל.

ווען חיים זעליג סלאָנימסקי, עליו השלום, איז געווען לעהרער אין זשיטאָמיר אין ראַבינער שולע, האָט ער דיעזע צוויי פסוקים זעהר גוט פערטייטשט צו די סטודענטען.

— עס זיינען דאָ דריי סאָרטען רעגיערונגען אויף דער וועלט, האָט ער געזאָגט, און יעדע רעגיערונג האָט אַנדערע סאָרטען געזעצע. עס איז דאָ אַ סאַמאָדערזשאַוויע, אַ זעלבסט־הערשענדע רע־

גיערונג, אַ לאַנד וואו עס דאַ אַ קעניג אַ דעספּאָט, או קיינער האָט קיין דעה נים, און דער מאָנאַרך איז דער איינצעלנער און אַבסאָליו־טער הערשער. אַזאַ לאַנד האָט זיך איהרע אייגענטהימליכע געזעצע.

„עס איז וויעדער דאַ אַ קאָנסטיטוציאָנעלע לאַנד, ווי דייטש־לאַנד, אָדער ענגלאַנד. אין דיעזע לענדער האָבען שוין גרויסע מענשען, דעפּוטאַטען, פאָלס־ערוועהלטע, אויך אַ דעה, און דאָרט זיינען שוין וויעדער דאָ גאַנץ אַנדערע געזעצע.

„די דריטע סאָרט ממשלה וואָס איז דאָ אויף דער וועלט איז אַ רעפּובליק, ווי אין אמעריקא און אין פראַנקרייך. וואו עס איז ניטאָ קיין מאָנאַרך, און דאָס פאָלק אַליין האָט די גאַנצע דעה. דיעזע לענדער האָבען וויעדער אַנדערע געזעצע.

„אָבער תורה צוה לנו משה, די תורה וואָס משה האָט אונז נעגעבען מורשה קהלת יעקב, וועט בלייבען אין עביגקייט פאַר די אידען, סאַי ויהי בישרון מלך, אין סאַמאָדערזשאַוויע, סאַי בהתאסף ראשי עם, ווי אין דייטשלאַנד, סאַי יחד שבטי ישראל, אַ רע־פּובליק ווי אין אמעריקאַ. וועט מען אַלץ קיין אַנדער תורה ניט דאַרפען. די זעלבע תורה וועט זיין גוט פיר אימער.

ויאמר ד' אל משה הן קרבו ימיך למות. און גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, ס'איז געקומען די צייט דו זאָלסט שטאַרבען.

דער מדרש תנחומא פרעגט אַ פראַגע, ווי קומט עס וואָס איז איין פּלאַץ זאָגט דוד המלך קוה אל ד', האָף צו גאָט, ושמור דרכו, און היט זיין וועג (תהלים ל"ז), און אין אַן אַנדער פּלאַץ (ד"ה א. כ"ט) זאָגט דער זעלבער דוד: כי גרים אנחנו ואין מקוה, מיר זיינען גרים אויף דער וועלט און ס'איז ניטאָ קיין האָפנונג.

ווי מדרש תנחומא ערקלעהרט מיינט עס אַז צו אַלץ זאָכען אויף דער וועלט איז דאָ אַ האָפנונג.

אַן אָרעמאַן האָפט רייך צו ווערען.
אַ שוואַכער האָפט שטאַרק צו ווערען.
אַ קראַנקער האָפט קורירט צו ווערען.
אַ געפאַנגענער האָפט פריי צו ווערען.
אָבער פון טוידט איז ניטאָ קיין האָפנונג ניצול צו ווערען.

משה רבינו האט גערעדט מיט גאט פנים לפנים, פון דעסט־וועגען האט ער זיך ניט געקענט ביי גאט אפבעטען פון טוידט. דאס זעלבע האט געזאגט שלמה המלך כי מקרה אחד לכל. שטאר־בען מוזען אלע גלייך.

משה רבינו האט געטרייעט צו רעדען מיט גאט אפען און האט איהם געזאגט:

— זעה, רבונו של עולם, איך האב געזאגט „הן" און דו זאגסט „הן", דיין „הן" איז א שלעכטער און מיינער איז א גוטער. איך האב געזאגט „הן לד' אלהיך השמים" (דברים י'), און דו זאגסט „הן קרבו ימיך למות".

— הנך שוכב עם אבותיך, האט איהם גאט געענטפערט, דוא ביסט ניט דער ערשטער, דיין טאטע און דיין זיידע זיינען גע־שטארבען און דוא מוזט אויך שטארבען.

ע נ ד ע.

צו רעדנערס: —

ווען איהר ווילט האבען בריליאנטענעם מאטעריאל צו רע־דעס פיר פערלאבונגען, חתונות, ברית'ען, זילבערנע חתונות, גאלדענע חתונות: אדער איהר ווילט האבען מאטעריאל צו רעדען ביי פרויען מאסייעטיס, אדער וועגען טהרת המשפחה און וועגען פאמיליען לעבען אין אלגעמיין זאלט איהר קויפען דעם בוך —

די היים און די פרוי

פון חיים מאליץ.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער